STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05938

DI SHTOT MIT SHMOLE HIMLEN

A. M. Orzhitzer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. א ר ז ש י צ ע ר

•

די שטאט מיט שמאלע הימלען

א. מ. אָרזשיצער

די שטאָט מיט שמאָלע הימלען

נאָוועלן און דערציילונגען

פאַרלאַג „אייגענער", תל־אביב, ישראל
1962

א. מ. אָרזשיצער

די שטאָט מיט שמאָלע הימלען

A. M. ORZHITZER

THE CITY OF NARROW SKIES

נדפס בישראל

Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי", יסוד המעלה 27, תל־אביב

געווידמעט מיין פאָטער

דוב אָרזשיצער

אַלע כאַראַקטערן אין דעם בוך
זענען אויסגעטראַכטע

פּאָסט־מאַרקעס

קיין איינער פון מיין חסידישער פאַמיליע אין אָסטראָווע האָט זיך פאַרנומען מיט קלויבן מאַרקעס. וויאַזוי איך, אַ יינגל אין לאַנגע חסידישע קליידער און מיט אַ קיילעכדיק היטל זאָל ווערן אַ פילאַטעליסט, זיין פאַרקאָכט מיט זאַמלען קאָלעקציעס פון אַלטע און נייע מאַרקעס פון אַלע לענדער, פאַרשטיי איך נאָך היינט נישט. אמת, איך בין שוין דעמאָלט געגאַנגען אין דער „שקאָלע פּאָווּשעכנע" (פאָלקס־שול) צוזאַמען מיט מיידלעך (אַ האַלבן טאָג נאָך דער שקאָלע פלעג איך, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע יינגלעך לערנען גמרא), און איך פלעג שוין שטילערהייט דינגען אַ ביסל ראָווער־פאָרן, און פלעג גיין אין קינאָ אַריין ווי אַ סך חסידישע יינגלעך, אָבער ביי די פּאָסט־מאַרקעס בין איך געווען דער איינציקער פון די פרומע הייזער.

יעדע מאַרקע אַזוי שיין אויסגעאַרבעט און געקינצלט אין פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן, מיט בילדער פון קסרים, שרייבער און גרויסע פירער; יעדע מאַרקע פון אַ ווייט לאַנד מיט אַ צייכן און סימן פון יעדער מדינה, פלעגט רייצן און וועקן מיין פאַנטאַזיע און שאַפן חלומות וועגן פאָרן און זען לענדער און פעלקער, פונקט ווי די שרייבער פון ווייטע לענדער פלעגן מיך רייצן מיט זייערע מדינות. ווען איך האָב שפּעטער זייערע ווערק געלייענט אין יידישער איבערזעצונג. כ'האָב צוגעשיקט געלט צו ווערן אַ מיטגליד אין פילאַטעליסטן־פאַראיין אין לעמבערג, און כ'פלעג דערהאַלטן געדרוקטע בראָשורן מיט פרייזן און נייעס פון דער מאַרקעס־וועלט. מיינע קאָלעגן זענען געווען פּולקאָווניקעס און שליאַכטשיצעס; זיי האָבן אויסגעפילט די בראָשורן מיט זייערע נעמען און ראַנגעס.

*

צווישן די מער אויפגעקלערטע פון פרייע יידישע היימען, פלעגן יאַ זיין יינגלעך און מער דערוואַקסענע מאַרקע־זאַמלער, מיט וועלכע איך פלעג זיך טוישן אָדער איינהאַנדלען נייע סחורה. יונגעלייט פון אַנדערע שטעט פלעגן אַמאָל אַרונטערקומען קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, כאַפּן אַ בליק וואָס חברה ביי אונדז פאַרמאָגן און פלעגן שליסן טויש־טראַנזאַקציעס.

איינמאָל, ווען אַזאַ יונגערמאַן פון שעדלעץ, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געקעסטלטן ראָק און האָט געטראָגן לאַקירטע שיך, איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל, און חברה האָבן מיך געפירט צו אים אין זיין אַכסניה נישט ווייט פון מיין וווינונג אין „רינעק”, האָט ער ביי מיר אויסגעקליבן עטלעכע צענדליק גוטע מאַרקעס, גענומען מיין אַדרעס און צוגעזאָגט צו שיקן געלט. ער האָט מיר קיין געלט נישט געשיקט; מיינע בריוו צו אים אין פויליש (אַזוי האָט ער דעמאָלט גערעדט) זענען געקומען צוריק מיט אַן אויפשריפט אַז אַזאַ נאָמען איז נישטאָ אין שעדלעץ און נישט אַזאַ גאַס...

ווען דער יידישער מאַרק אין אָסטראָווע איז פאַר מיר געוואָרן צו ענג, האָב איך גענומען קומען אין קאָנטאַקט מיט פוילישע גימנאַזיסטן, מיט שקצים פון רייכע פוילישע היימען. איך בין געוואָרן ביי זיי באַקאַנט ווי דער פרומער „זשידעק” מיט אַ פיינער קאָלעקציע.

האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ הויכער גימנאַזיסט, אַ זון פון אָסטראָווער ריכטער, און ער האָט מיך באַשטעלט, אַז איך זאָל קומען צו אים אין הויז מיט מיין קאַטאַלאָג: ער וויל זען מיינע מאַרקעס. בין איך צוגעקומען צו זיין גרויס הויז אויף דער וואַרשעווער גאַס, נאָך דעם שפּאַציר־גאָרטן, און ביים אַריינגאַנג האָט מיך באַגעגנט אַ גרויסער ברוינער הונט וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף מיין שוואַרצער קאַפּאָטע. איך בין האַסטיק אַריינגעלאָפן אין אַ צימער, עטלעכע טרעפּ אַרויפצוגיין, האָב איך אָנגעטראָפן אַ דער־וואַקסענע שיקסע מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר זיצן ביי אַ פּיאַנאָ. זי איז געזעסן און געשפּילט שאָפּענס צי גאָר אַנדערע זאַכן, און איך בין געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אויף די ווענט מיט פאַרשידענע בילדער,

אויף אַ פּאָר הערנער און אַ קאָפּ פון אַ הירש אויף דער וואַנט, אויף בילדער פון פערד און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס כ׳האָב ביי אונדז אין שטוב נישט געזען, און ביי אַנדערע יידן אויך נישט. איך האָב געהאַלטן מיין יידיש היטעלע אין דער האַנט און געגאַפט.

די שיקסע האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ און זיך פאַרווונדערט: זי האָט מיך אַ מינוט־צוויי באַטראַכט און מיט געלעכטער געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ? ביסטו געקומען הערן וויאַזוי איך שפּיל? פאַר־שטייסטו מוזיק?

מוזיק? איך האָב נאָר פאַרשטאַנען די חסידישע ניגונים פון סטרי־קעווער שטיבל, וואָס מיין זיידע זיינוול און אַנדערע פלעגן זינגען ביים דאַווענען, אָדער שבתצונאַכטס אידער מ׳האָט געדאַוונט מעריב. די ניגונים פון שלמה בייגער וואָס פלעגט אַזוי טרויעריק דאַווענען, מיט געפיל, ראש־השנה און יום־כיפור, האָב איך געקענט און ליב געהאַט. פּוילישע לידער האָב איך נאָר געקענט וואָס דער לערער האַלצמאַן פלעגט אונדז לערנען אין שקאָלע, מער גאָרנישט.

— ניין, ניין, ניין... — האָב איך געשטאַמלט — איך בין־בין געקו־מען צו אייער ברודער, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט צו אייך.

— כאַ־כאַ־כאַ — פאַרבלאָנדזשעט צו מיר — האָט די שיקסע גוט־מוטיק געלאַכט.

דערווייל איז אַרונטערגעקומען איר ברודער און האָט זיך פאַרענט־פערט:

— ער איז געקומען צו מיר. דער יונגער ייד האָט די פיינסטע קאָלעק־ציע מאַרקעס אין אָסטראַווע!

— אַזוי? אַזאַ יונגער און קליינער? אַנו, לאָז אים דאָ אַ ביסל שטיין; איך וויל שפּילן פאַר אים; ער זעט אויס צו פאַרשטיין מוזיק, — האָט זי גערעדט מיט לאַכעדיקע באַקן און כסדר געקוקט אויף מיין קאַפּאָטע.

מיר האָבן דורכגעקוקט אונדזערע קאַטאַלאָגן. דער שייגעץ האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט, און איך האָב ביי אים געקריגן עטלעכע מאַרקעס צו פאַרפולן אַ קאָלעקציע. ער האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ גלייכן

און מיר האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט. ער האָט געזען, אַז דער כּלב זאָל מיך נישט בייסן.

אַזוי גייענדיק אַהיים האָב איך מיך דערמאָנט אַז דעם טאָג איז ערב תשעה־באָב, און דאָ לויפט די זון ערגעץ אַוועק און מיין פאָטער האַלט מסתּמא ביים פאַרפאַסטן.

איך בין געלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטער. ווען איך האָב כאַטש ערגעץ־ווו מיין אַלבום מיט די מאַרקעס צו פאַרשטעקן. איך האָב געוווּסט וויאַזוי מיין פרומער טאַטע, וועלכער איז שטאַרק פאַרנומען אין זיין געשעפט, קוקט אויף אַזאַ מסחר ווי מיינעם מיט מאַרקעס... כ'האָב מיין אַלבום פאַררוקט ערגעץ אונטערן האַלץ אויפן הויף און געטראָפן מיין טאַטן, מיין מאַמען און מיינע שוועסטער ביים בענטשן. מיין מוטער האָט עפּעס געוואָלט דערלאַנגען צום טיש פאַר איר בן יחיד, אָבער מיין טאַטע, ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט בענטשן האָט גענומען שרייען מיט כּעס:

— זאָל ער גיין צו די גוים, זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט מענטשעלעך, זאָל ער איצט פאַסטן צוויי טעג, דער גאַיעטשניק!

ער האָט מיך געצווונגען צו וואַשן די הענט, נישט געלאָזט מער ווי איין ביסן אַראָפּשלינגען, און מיך געשלעפּט אין חסידים־שטיבל צו „איכה״.

*

שפּעטער האָט זיך דער זון פון פאָסט־נאַטשאַלניק דערוווּסט וועגן מיינע מאַרקעס. ער האָט מיך געבעטן קומען צו אים אין שטוב מיט מיין קאַטאַלאָג. דער ריזיקער יונג, גאָרנישט קיין אידעלער אויפן פּנים, ווי דער ריכטערס זון, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר גראָבע הענט און אַ רויט חזיריש פּנים. דאָך, איך בין געגאַנגען צו אים. זיי האָבן געוווינט קעגן־איבער דעם שפּאַציר־גאָרטן, איבער דער פּאָסט.

איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו רעדן מיט אים אַ וואָרט, אָדער זיך אַרומקוקן וויאַזוי זיי וווינען; ער האָט באַלד גענומען נישטערן, בלעטערן און וואַרפן די מאַרקעס, און דאַביי אַלץ געמאַכט צו קליינגעלט. איך האָב באַשלאָסן מוּתּר צו זיין אויף דער טויש־טראַנזאַקציע און גיין. אָבער ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מאַרקע פון איסלאַנד, אַז איינ־

און־איינציקע ביי מיר אין קאַטאַלאָג, און בכלל אַ זעלטנהייט אין יענע צוואַנציקער יאָרן אין פּוילן. ער האָט זי פֿאַרלאַנגט.

איך האָב זיך מיט דער מאַרקע נישט געוואָלט שיידן. ער האָט זי אָבער מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פֿון מיין בוך און מיר באַפֿוילן צו גיין.

איך בין געקומען אַ צווייט מאָל — נישט צו אים — צו זיין פֿאָטער, דעם אָנפֿירער פֿון פּאָסט־אַמט אין אָסטראָווע, זיך באַקלאָגן. דער גוי, גראָד אַ גוטמוטיקער, האָט אויסגעהערט, אַריינגערופֿן זיין יונג, און נישט קוקנדיק וואָס יענער האָט געלייקנט אַז ער האָט אַזאַ מאַרקע ביי מיר נישט גענומען, האָט דער נאַטשאַלניק געהייסן אַריינברענגען דעם אַלבום און צו מיר געזאָגט:

— געפֿין דיין מאַרקע און מער זאָלסטו מיט אים נישט האָבן צו טאָן; דו זעסט דאָך שוין ווער ער איז!

*

אַ ביסל שפּעטער, ווען די סאַדזאַווקע איז געוואָרן געפּרווירן, ווען פּוילישע גימנאַזיסטן און יידישע ייִנגלעך פֿון פֿרייע היימען פֿלעגן זיך גליטשן איבערן אייז, האָב איך אויך פּרובירט די דאָזיקע קונץ: איך האָב געבאָרגט אַ פּאָר ליזשוועס און באַוויזן אַז אַ חסידיש ייִנגל קאָן אויך זיין אַ גוטער ליזשווע־גליטשער.

מיטאַמאָל האָב איך געזען אָנקומען דעם זון פֿון פּאָסט־נאַטשאַלניק. איידער איך האָב באַוויזן אָפּצושרויפֿן די ליזשוועס פֿון די שיך, האָט ער באַוויזן צו זיין נעבן מיר, ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף מיר ווי אַ ווילדע חיה, און אין קעגנוואַרט פֿון אַלע פּוילישע גימנאַזיסטן און יידישע ייִנגלעך, מיך אומגעוואָרפֿן און גענומען קאָפּען מיט די פֿיס און קלאַפּן מיט זיינע ליזש־ וועס איבער מיין קאָפּ, און ער האָט געשריגן:

— אָט האָסטו דיר, געמיינער זשידעק, פֿאַרן גיין צו מיין טאַטן זיך באַקלאָגן. — איך וועל אים דערהרגענען, דעם זשיד!

ער האָט אַזוי לאַנג מיך געשלאָגן, ביז איינער פֿון זיינע פֿריינט, נאָך אַ גרעסערער שגץ, האָט שוין מער נישט געלאָזט. די יידן זענען דערנאָך

צו צו מיר און מיך אויפגעהויבן און אַרומגעווישט דאָס בלוט. איך בין אַהיימגעגאַנגען מיט איין געדאַנק: צו נעמען אין דעם חזיר־קאָפּ נקמה.

עטלעכע טעג שפּעטער, פאַרנאַכט־צו, ווען אָסטראָווע איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש און עס האָט גענומען פאַלן אַ געדיכטער שניי, בין איך געשטאַנען נישט ווייט פון זיין וווינונג און אים אָפּגעוואַרט. כ׳האָב אים געזען אָנקומען מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם. ער האָט שוין געהאַלטן אָט־אָטביים אַריינגיין צו זיך אין הויף. כ׳האָב געצילעוועט אַ גרויסן שטיין און געטראָפן אים גלייך אין קאָפּ אַריין. ער איז געפאַלן, צעשאָטן די ביכער און געשריגן „אַ יעזוס מאַריאַ!". און איך, אַ צופרידענער, בין געלאָפן דורך הינטערגעסלעך אַ היים, און געפאָלגט מיין טאַטן: איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מעריב...

זי איז אויך אַ חברטע...

פון פּלאַץ דע־לאַ־רעפּובליק האָבן זיך געצויגן די גרויסע בולוואַרן. די פּאַריזער גרויסע בולוואַרן זענען געווען איבערפולט מיט שיינע געשעפטן, קאַפעען און הענדלערינס פון „ליבע". דאָ, קילאָמעטערווייז, האָט געהערשט האַנדל, פּאַרגעניגן און לייכטזיניקייט.

און אין לאַנקרי־געסל ביי דער רעכטער האַנט פון אַנהויב די בול־וואַרן? אין דעם געסל זענען געווען עטלעכע שפּייז־געשעפטן, בעקערייען און שטילע קאַפעען. דאָ האָט מען אַנגעטראָפן פראַנצויזישע האַנטווערקער וואָס האָבן שטיל, מיט הנאה, געטאָן זייערע אַרבעטן — ווי די גרויסע זינדיקע בולוואַרן וואָלטן זיי גאָרנישט אַנגעגאַנגען.

ווי נאָר די נאַכט פלעגט צופאַלן, פלעגט מען זען פיל יידישע בחורים און מיידלעך שפּאַנען אַהערצו, צו רי־לאַנקרי. בחורים און מיידלעך מיט פּנימער פון שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. זיי פלעגן שטראָמען און אָנקומען פון דער יידישער געגנט בעלוויל און „פּלעצל" אין פּאַריז, צו דער „קולטור־ליגע" — אַ פּלאַצוווקע, וווּ אַלע „גרינע" און „אויסגעגרינטע" אין פּאַריז האָבן געמאַכט פאַר זייער היים.

*

די „ליגע" איז געווען פול מיט יונגעלייט און מיידלעך. רעפעראַטן, מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. עס האָט געדרישט, ווי אין אַ בינשטאָק. אַלע דורכגענג און קאָרידאָרן זענען געווען פאַרנומען. די געשרייען פון די לאַנדסלייט און באַקאַנטע האָט מען געקאָנט הערן אין לייען־זאַל, וווּ אַ דיזשורנע פלעגט אַמאָל דערמאָנען די חברה, שטיל־פּליסטערנדיק, און אויפגעוויזן מיט ערנסטקייט אויף דער גרויסער מעלדונג אויף דער וואַנט וועגן שטילקייט.

און אַט, שטילערהייט, אויף די שפּיץ־פינגער, אין צום 20־יאַריקן חיים צוגעקומען זיין לאַנדסמאַן, שלום, און זיך צוגעבויגן:

— קום, חיימקע, איך וויל דיך באַקענען מיט עמיצן — זייער וויכטיק.

— לאָז צורו. שטענדיק ווען איך לייען, האָסטו ליב צו שטערן.

— ווייז נאַר, לאָמיר זען אין וואָס דו ביסט אַזוי פאַרטיפט?

דער לאַנדסמאַן האָט אַרויסגעריסן פון חיימען דאָס בוך און גענומען לאַכן:

— שוין ווידער אַ ראָמאַן? דו לייענסט נאָר ליבע־זאַכן, מיין ראָמאַנ־טיקער. דו האָסט נישט אָפּצועסן און דו ווילסט דורכאויס וויסן ווי דער אָדער יענער געבילדעטער רעדט; אָדער פאַרליבטער רעדט צו זיין געליב־טער... אידיאָט דו! דאָ אין פּאַריז לייענט מען נישט וועגן ליבע — דאָ ליבט מען!

דער יונגער חיים האָט פאַרקעמט זיין שוואַרצע טשופּרינע און זיך געלאָזט פירן פון לייען־זאַל צום קאָרידאָר. דאָ האָט אים שלום צוגעפירט צו אַ גרופּע מענער און פרויען, וועלכע האָבן היציק דיסקוטירט היטלערס קומען צו דער מאַכט און ווי לאַנג ער וועט הערשן אין דייטשלאַנד. צומ־מייסטן האָט געטומלט און נביאות געזאָגט אַ יונגע שיינע פרוי אין די דרייסיקער. זי האָט אַלעמאַל פאַרריסן איר קורץ־געשוירענעם קאָפּ און געשריען, אַז די אַרבעטער אין דייטשלאַנד וועלן איינזען דעם שווינדל פונעם היטלעריזם און איינפירן קאָמוניזם...

זי האָט גערעדט מיט אַזויפיל טעמפּעראַמענט און היץ וועגן היטלערס פאַלן, אַז איר גאַנצער קערפּער האָט מיטגעטאַנצט מיט אירע הענט און לעבעדיקע אויגן. שלום איז געשטאַנען און אָנגעוויזן חיימען אויף דער פרוי, און נישט געוואָגט איר איבערצורייסן.

— אַנטשולדיקט, — האָט שלום גענומען שטאַמלען צו דער פרוי, — אָט איז מיין לאַנדסמאַן, חיים, וועגן וועמען איך האָב אייך דערציילט. קאָנט איר אפשר עפּעס טאָן פאַר אים? קאָנט איר אים שאַפן אַרבעט?

די פרוי מיטן געזונטן פּנים האָט געגעבן אַ מעסט־אָפּ דעם קליינעם, בלאַסן חיימען, אָוועק מיט אים אין אַ ווינקל און גענומען אויספרעגן:

— ווי לאַנג ביסטו אין פּאַריז?

— שוין פיר וואָכן.

— ערגעץ־ווו געאַרבעט?

— נאָך נישט.

— קענסטו גוט נייען אויף אַ מאַשין?

— יאָ, נאָר נישט אויף עלעקטריע.

— ביסט אַ לינקער — אַן אייגענער יאָט?

חיים האָט זיך פאַררויטלט. ער האָט נישט געוווסט צי ער מעג זיך אָנרופן „לינקער". דאָ, אין דער „קולטור־ליגע", האָט ער געהערט, אַז אַלע זענען לינקע און פיל האָבן שוין אפילו באַוויזן צו זיצן אין פוילישע טורמעס.

— איך־איך ב־בין אַ „סימפּאַטיקער". — האָט ער געשטאַמלט.

די פרוי האָט צו אים געשמייכלט:

— נו, איך זע, אַז דו ביסט אַ חבר. איך בין אויך אַ חברטע. מיר האָבן נאָר ליב חברים. קום צו אונדז, מיר וועלן זען וואָס מ'קאָן טאָן פאַר דיר.

*

צונעמען חיימען צו דער אַרבעט, איז פאַר פרוי און הער לערמאַן נישט געווען לייכט. נישט בלויז ווייל חיים האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו נייען ביי הויזן אין פראַנקרייך; ער האָט בכלל נישט געהאַט קיין אַנונג וויאַזוי מ'שטעלט צונויף אַ פּאָר הויזן אויף דער מאַשין.

אָבער מיסיע לערמאַן האָט אים צוגעוויזן און געלערנט דעם סיסטעם און בשעת דער מאַשינער, וועלכער האָט געאַרבעט ביי די לערמאַנס, איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן אורלויב, האָט חיים געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו פאַרטרעטן און אַזוי אַרום ווערן אַ גאַנצער מאַשינער.

אויף ראש־השנה און יום־כיפור, ווען דער מאַשינער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן, צוליב זיין מאַמען", האָט חיים געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען עטלעכע פראַנק.

די לערמאַנס, באַזונדערס פרוי לערמאַן, פלעגט חיימען גערן האָבן. זיי פלעגן אים אויך איינלאַדן צום מיטאָג. מיסיע לערמאַן פלעגט שטיין ביים שנייד־טיש און דערציילן ווי אין דער היים איז ער געווען אַ שוסטער און דאָ איז ער פון די „בעסטע" הויזן־מאַכערס. ער פלעגט זינגען גאַנצע

„שטיקער״ פון אַפּערעס און גוטמוטיק צושמייכלען מיט זיינע בלויע, כמעט קינדישע אויגן צו חיימען וואָס פלעגט אים נאָכקוקן ביי דער אַרבעט.

— זאָג נאַר, חיים, דו ביסט אויך פון די פאַרברענטע רויטע, ווי מיין ווייב?

— ניין, איך בין נישט פון די פאַרברענטע רויטע, פאַרוואָס?

— אַזוי זיך. מיין ווייב האָט נאָר ליב רויטע. זי האָט אַ שוואַכקייט צו דעם מין. איך אַליין מוז איר צושווערן, אַז איך בין אַ רויטער...

חיים האָט זיך צוגעהערט און באַטראַכט דעם ברייטן יידן פון אַ יאָר 50.

מיסיע לערמאַן פלעגט אַמאָל אַ בליק טאָן אויף חיימס קאָפּ האָר און געגומען ווישן מיט אַ נאָז־טיכל זיין לייזיק־גלאַנציקן קאָפּ.

— אַנו, חיים, זינג מיט מיר ״מאַדאַם באַטערפליי״. איך וועל דיך מיטנעמען זען אַפּערעס און דו וועסט ביי מיר ווערן אַ מענטש.

פלעגט חיים נישט ענטפערן. ער האָט נישט געוווסט צי מיסיע לערמאַן ווייסט טאַקע נישט, אָדער אים אַרט נישט וואָס זיין רייצנדע פרוי פירט זיך אַרום האַנט אין האַנט מיט אַ הויכן, דאַרן בחור, וועלכער איז פון אַמעריקע געפאָרן זען ווי אַזוי יידן לעבן אין ביראָ־בידזשאַן, און צוריק־וועגס, אָפּגעבנדיק אַ גרוס די חברה־לייט, וועלכע זענען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן פון „קולטור־ליגע״, באַוויזן עפּעס צו פאַנגען דאָס האַרץ פון דער חברטע, מאַדאַם לערמאַן, וועלכע האָט זיך גענומען טוליען מיט איר בוזים צום „אַמעריקאַנעץ״.

שווער געווען פאַר חיימען צו פאַרשטיין. וואָס האָט זי דערזען אין דעם הויכן „דראָנג״ וואָס האָט געפּאָנפּעט און געווישט די נאָז, בשעת איר מאַן קאָן אַזוי שיין זינגען אַפּערעס?

חיים פלעגט די „ליבע״ נאָכקוקן אין „קולטור־ליגע״ און זייער פאַר־שווינדן ווערן אין פינצטערע געסלעך. זי, מאַדאַם לערמאַן, פלעגט צו חיימען געבן אַ ווונק און אַ שמייכל, און עפּעס געווען זיכער, אַז חיים וועט נישט דערציילן...

דעריבער האָט חיים גענומען גערן האָבן מיסיע לערמאַן. ער האָט

אויף אים רחמנות געקריגן. יעדעס מאָל, ווען די יונגע פרוי פלעגט קומען מיט אָנגעגליטע באַקן און שנעל נעמען באַפעלן איר מאַן, האָט חיים ביי זיך גענומען בעטן: הלוואי שטעלט ער זיך איר אַנטקעגן: הלוואי וואַרפט ער איר פאָר — הלוואי מאַכט ער אַ סקאַנדאַל

אָבער מיסיע לערמאַן האָט קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן און קיינמאָל נישט געגאַנגען זען וואָס זיין פרוי טוט פון 6 פאַרנאַכט ביז 1 באַגינען אין דער „קולטור־ליגע". ער פלעגט לויפן זען „קאַרמען" און „אאידאַ", און נאָכאַמאָל צווינגען „מאַדאַם באַטערפליי".

*

חיים פלעגט אַלץ לעבן פון צוגעוואָרפענע האַלבע טעג אַרבעט וואָס ער פלעגט קריגן ביי די לערמאַנס און ביי אַנדערע. זיי לאַגע איז אַלץ נישט געווען פויגלדיק.

— וויסטו וואָס, מיין ליבער חיים, — האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן פרוי לערמאַן (נאָכדעם ווי חיים האָט זי שוין אַ שטיקל צייט נישט באַמערקט מיטן אַמעריקאַנער און זי האָט אויסגעזען בלאַס און נערוועז), — קום מאָרגן אַרויף — עס וועט עפּעס גוט זיין פאַר דיר.

איר מאַן האָט געגעבן אַ קרומען קוק (ווי ער וואָלט אַלץ געוווּסט וועגן איר) און צוגעוואָרפן אַ פריינדלעכן שמייכל צו חיימען. אָבער אַראָפּ־לייענען פון זייערע פּנימער וואָס אַזעלכעס זי, אָדערביידע, האָבן צוגע־גרייט פאַר דעם יונגן, שעמעוודיקן בחור, איז געווען אוממעגלעך. חיים האָט געטראַכט אַז זיי האָבן פאַר אים געפונען אַ גוטן פּלאַץ צו דער אַרבעט.

דעריבער, ווען צומאָרגנס איז חיים געקומען נאָך פאַר דער באַשטימ־טער צייט, האָט מאַדאַם לערמאַן גענומען אים צערטלען די האָר ווי אַ מאַמע אַ קינד, און גענומען אויספרעגן צי ער שרייבט צו טאַטע־מאַמע, צי ער בענקט און פילט זיך איינזאַם אין פּאַריז; און צי ער קאָן אויסקומען מיט זיינע מאָגערע פאַרדינסטן מיט עסן און באַצאָלן פאַר זיין האָטעל־צימערל.

זי האָט געשטעלט איין גלאָז טיי נאָכן אַנדערן און צוגערוקט פרוכטן.

— אַ שאָד, חיים, וואָס דו, אַזאַ יונגער יאָט און חבר, דאַרפסט זיך

אַזוי מאַטערן אין אַ פרעמד לאַנד, אַן אַרבעט־פּאַפּירן און אַן אַ פאַמיליע. אַ שאָד.

איר מאַן האָט נישט גערעדט און נישט געזונגען. ער האָט אַוועקגע־לייגט די שנייד־שער און געוואַרט מיט וואָס אַזוינס זיין פרוי קאָן חיימען באַגליקן און אַרויסשלעפּן פון זיין לאַגע.

דאָ האָט מען דערהערט אַ קלונג, און אַ הויכע, דאַרע מויד פון אַ יאָר 28 איז אַריינגעפאַלן מיט פרייד און אַרומגעכאַפּט מאַדאַם לערמאַן.

— באָנזשור, מיסיע דאַם! — האָט באַגריסט די אַריינגעקומענע.

חיים האָט באַמערקט אַ געשטופּלט פּנים און גרויע אויגן אַרויסקוקן פון אונטער ברילן. ער האָט גענומען אַפּגיין אַן אַ זייט און בלעטערן אַ פראַנצויזישן זשורנאַל.

— חיים! — האָט אויסגעשריען מאַדאַם לערמאַן, — זייט באַקאַנט! דאָס איז שרהטשע און דאָס איז חיים.

חיים האָט זיך פאַררויטלט, צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, ווי אַ ישיבה־בחור, און דערלאַנגט אַ האַנט. ער האָט נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ בליק צום פּנים מיט די ברילן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— זעצט זיך, קינדער, זיצט, — האָט אָנגעהויבן מאַדאַם לערמאַן. איר קול איז געווען פייערלעך און אירע באַקן האָבן ווידער גענומען גליען. זי האָט גענומען אויספרעגן שרהטשען וועגן איר אַרבעט, וועגן חברים און הברטעס און וועגן איר האָטעל־צימער.

— נו, — האָט זיך פרוי לערמאַן געווענדעט צו חיימען, — וואָס זאָגסטו, זי געפעלט דיר?

חיים איז רויט געוואָרן און נישט פאַרשטאַנען די פראַגע.

— זעסט, שרהטשע, ער שעמט זיך. ער קומט פון חסידישע עלטערן. אַזעלכע יאָטן דאַרף מען איבערדערציען און ווייזן וואָס הייסט לעבן. די פרומאַקעס האָבן די בחורים פאַרקריפּלט!

— געוויס, די פרומאַקעס! דער קלער! מיר אַלע האָבן געהאַט פון זיי אויסצושטיין, — האָט די מויד צוגעהאָלפן, — מען מוז שטענדיק פירן אַ קאַמף קעגן זיי.

— איז וואָס זאָגסטו, שרה? וואָלסט געקאָנט מאַכן פון אים אַ לייט?

חיים און מיסיע לערמאַן האָבן זיך איבערגעקוקט.

— אַ פיינער יאַט. וואָס? אַ חבר. זי איז אויך אַ חברטע. ער קאָן נאָך נישט קיין פראַנצויזיש. דו וועסט אים שוין צולערנען. — האָט מאַדאַם לערמאַן זיך געווענדעט צו שרהן.

מאַדאַם לערמאַן האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף חיימס קאָפּ און פאַרגעזעצט:

— זע, חיים: זי, שרה, אַרבעט און איז אַ גוטע פרוי. זי איז אויך אַ חברטע. זי האָט אַ שיינעם, גרויסן צימער. דו וועסט קאָנען וווינען ביי איר און נישט זאָרגן זיך מער וועגן דירה־געלט! וויפל איר וועט פאַרדינען וועט איר קאָנען לעבן.

חיים האָט אויפגעהויבן די אויגן און נאַיוו אָנגעקוקט מאַדאַם לערמאַן. ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

מאַדאַם לערמאַן האָט גענומען שמייכלען צו דער מויד און געפרעגט:

— און דו, שרהטשע, ביסט מסכים?

שרה האָט געגעבן אַ מעסט־אָפּ דעם יונגן בחור און געענטפערט מיט אַ פריילעך שטימעלע:

— פאַרוואָס נישט! חיים זעט אויס צו זיין אַ ווילער יאַט. ביי מיר אין צימער איז דאָ פּלאַץ פאַר צוויי.

חיים האָט זיך צוגעהערט צו די פאַרהאַנדלונגען און צום אָפּמאַך. ער האָט אַלץ נישט געקאָנט באַגרייפן אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אים; אַז ער דאַרף גיין וווינען מיט דער שרהטשע.

ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט איבערצופרעגן. אַפילו נישט געהאַט קיין מוט אָנצוקוקן מיסיע לערמאַן. נאָר בשעת מיסיע לערמאַן האָט געגעבן אַ טיפן זיפץ, האָט חיימען אויסגעוויזן זיך אַז דער „אוי" קומט פון אים אַליין...

ער האָט געבעטן אַנטשולדיקונג אויף אַ מינוט, ער דאַרף ערגעץ צוגיין, עמיצן זען.

רויט, פאַרשוויצט און אַ באַליידיקטער, איז חיים געלאָפן צו זיך אין האָטעל־צימער. די לערמאַנס האָבן אים מער נישט געזען...

אַן אָרנטלעך הויז

עלעק פלעגט קומען פון דער אַרבעט אַן אויפגעלייגטער. ער האָט דערציילט זיין קייטין, אַז די אַרבעט ביים פרעס־אייזן קומט אים אָן נישט שווער.

— זינט זשאַק, דער פראַנצויז, איז אָנגעקומען אַרבעטן און ער העלפט מיר צו אונטערפרעסן, איז מיר די אַרבעט בכלל נישט שווער.

— זשאַק דער פראַנצויז? דו האָסט מיר גאָרנישט דערציילט פון אים. ווער איז ער, דער יונג?

— ווי האָב איך דיר געקאָנט דערציילן? ער אַרבעט אינגאַנצן צוויי וואָכן. איך האָב אַליין נישט געוווּסט צי ער וועט בלייבן ביי אונדז אַרבעטן.

עלעק האָט אַרויפגעשאַרט די ברילן איבערן שפּיציקן נעזל, און געגעבן אַ וויש זיין פליכעוואַטן קאָפּ און ווידער אָנגעהויבן מיט זיין ווייבעריש שטימעלע:

— איך זאָג דיר, זינט זשאַק איז דאָ נעבן מיר, האָבן אַלע דרך ארץ פּאַר מיין אַרבעט. די מאַשינערס און שניידערס לאַכן שוין נישט פון מיר, די האַנטנייערינס אויך נישט; זיי ברענגען אַליין צו די אַרבעט צום פרעסן; איך דאַרף שוין נישט גיין זוכן ווער ס׳האָט עפּעס פאַר די פרעס־אייזנס.

— אַזוי גאָר? די האַנטנייערינס זענען אויך היימיש מיט זשאַקן? וויאַזוי קוקט ער אויס? ווילאַנג איז ער אין לאַנד? ער קען עפּעס ענגליש?

דער קליינער עלעק האָט גענומען שילדערן פאַר זיין ווייב וויאַזוי זשאַק זעט אויס:

— ער איז אַ הויכער, אַ קרעפּטיקער און אַ בלאָנדער. ער האָט אַ גערדיכטע טשופּרינע און זעט נישט אויס מער ווי פינף־און־צוואַנציק יאָר. אַ יונגער יונג.

— איז ער פאַרהייראַט?

— ווי מיינסטו, וועט אַ יונגער פראַנצויז זיין פאַרהייראַט? אים פעלן פרויען? אַלע ווייבער אין דער פאַבריק שמייכלען צו אים; ער קאָן זיי האָבן איינציקווייז — ער זאָל נאָר וועלן. ער רעדט ענגליש מיט פראַנצויזיש צוזאַמען, און יידיש. ער זעט אויס א יונג אַ כוואַט!

*

אויף צומאָרגנס האָט דער קליינער עלעק איינגערוימט זיין פאָר־קאָלעגע, אַז ער ווערט פאַרבעטן אויף זונטיק צום עסן. ער האָט אים אויך דערציילט אַז זיין ווייב וויל וויסן צי ער איז פאַרהייראַט. זי האָט ליב פראַנצויזן.

— וואָסי? דו האָסט עפּעס אַ מיידל מיט געלט פאַר מיר? — האָט זשאַק אַ פריילעכער געפרעגט. קום, לאָמיר בעסער זינגען אַ פראַנצויזיש לידל. האָסט ליב פראַנצויזיש?

— זשאַק, איז עס אמת, אַז די פרויען לויפן נאָך די מענער אין פּאַריז? — האָט עלעק אָנגעשטעלט אויף זשאַקן זיינע צוויי שיקלדיקע אויגן, און געוואַרט אויף ענטפער.

— אמת, אמת. עס זענען דאָ פיל פרויען, וואָס לויפן נאָך מענער. מען דאַרף זיי אָבער באַצאָלן פאַר זייער לויפעניש!... אַט אַזעלכע יאַכנעס ווי די, וואָס זיצן דאָ אין פאַבריק, ווערן אויך געהרגעט פאַר אַ מאַן. אַ שיין פראַנצויזיש מיידל וואַרט, אַז דער מאַן זאָל איר נאָכלויפן.

— און וואָס הערט זיך מיט יענע „רויטע לעמפלעך", זשאַק, — מ׳קאָן עפּעס צולעבן אין פּאַריז?.

זשאַק האָט אָנגעקוקט דעם קליינעם פאַרדאַרטן עלעק, וועלכער איז געשטאַנען אויף צוויי קרומע הינערישע פיסלעך, און ער האָט געשמייכלט:

— וואָלסט געוואָלט קומען אַ לעב טאָן אין פּאַריז? איך לעב שוין אין פּאַריז זינט איך בין צען יאָר אַלט געוועזן. געקומען מיט מיינע עלטערן דעמאָלט קיין פראַנקרייך, און איך בין נאָך נישט געוועזן אין די הייזלעך. דו, עלעק האָסט דאָך אַ ווייב, וואָס ליגן דיר אַזעלכע זאַכן אין קאָפּ, הא?

— איך לאָז זיך אויס. אַלע מאַשינערס און שניידערס פרעגן, פרעג איך אויך. מיין קיטי איז גענוג גוט פאַר מיר.

א. מ. אָרזשיצער

*

כמעט דעם גאַנצן זונטיק אינדערפרי, האָט עלעק געפּאָרעט זיך אין קיך. זיין פרוי האָט אים אָנגעזאָגט און געוויזן וויאַזוי נאָכצוקוקן די טעפּלעך, און אַליין איז זי געשטאַנען ביים שפּיגל און געהאַלטן אין איין מעסטן קליידער. זי האָט געזוכט, געבּישטערט און אַרויסגעשלעפּט אַ דין קליידל מיט גרויסע באַמאָלטע בלומען, און אויבן האָט זי צוגעגעבן אַ ווייס קעלנערל ווי ביי אַ שילערין אויף אַ טונקל קלייד. ס'קלייד מיט אַט דעם קעלנערל, — האָט זי באַשלאָסן — וועט איר מאַכן פיל יינגער אויסזען, ווי אירע דרייסיק יאָר. דערצו נאָך האָט זי צוגעגאָסן ביליקן פּערפום אין בוזעם אַריין, אויפגעשפּיליעט נאָך אַ קנעפּל, דער בוזעם זאָל זיך אַרויס־זען און געגאָסן פּערפום אונטער די פּאַכוועס. ווי נאָר זי האָט דערהערט אַ קלונג, האָט זי אַלץ אַוועקגעשליידערט אויפן בעט און איז נאָכגעלאָפן עלעקן אויפמאַכן די טיר.

זשאַק האָט גוטמוטיק געענטפערט אויף איר פריינטלעכקייט און אויף־שנעל אָפּגעמאָסטן די פעסטע הויכע יידענע מיט אים קליינעם מאַנעלע. זי האָט געהאַלטן זשאַקס האַנט און אַרונטערגערוקט איר קליידל, וואָס האָט גענומען אַרויסווייזן אירע דיקע קני. זי האָט אָנגעטאַפּט צי אירע גרויסע אויערינגען פון ביליקן גאָלד־קאָליר הענגען אויפן אָרט, און אַ קוק געגעבן אין שפּיגל וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַרויספירנ־דיק אין עס־צימער, צי אירע העל־געפאַרבטע האָר, איינגעלייגטע אין קאַרבן, געפינען זיך אויפן פּלאַץ. זי האָט אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט זשאַקס האַנט.

— קום כאַפּן אַ טרונק, — האָט עלעק געגעבן אַ זאָג. זי איז אויף אַ מינוט אַריין אין קיך און עלעק האָט אָנגעגאָסן אַ שאַרפן געטראַנק: צוויי קליינע גלעזלעך פאַר זיך און זיין פרוי, און אַ גרעסער גלעזל פאַר זשאַקן. קייטי האָט נאָכגעקוקט ווי זשאַק קערט שנעל איבער זיין גלאָז, האָט זי אים צוגעגאָסן נאָך אַזאַ פּאָרציע:

— טרינק צו געזונט, זשאַק! ווער דאָ היימיש! רוף מיך קייטי!

— קייטי, אַ שיינער נאָמען — האָט זשאַק שפּאַסיק געזאָגט. ער האָט

ווידעראַמאָל געכאַפּט אַ בליק ווי איר שמאָל קליידל קריכט אַרויף אויבן און עס האַלט ביים פּלאַצן ביי די זייטן און ביים בוזעם; דאָס פעטס פון איר קערפּער האָט געזוכט אַ וועג אַרויס...

ביי די פיש, לאָקשן און פלייש, האָט זי כסדר גערעדט וועגן זיך. וויאַזוי זי האָט באַקענט עלעקן אין אַ שניידער־פאַבריק און וויפל יונגעלייט עס זענען איר נאָכגעלאָפן... בשעת זי האָט אַריינגעשיקט איר עלעקן אין קיך, ער זאָל אָפּוואַשן די כלים, האָט זי דערציילט וועגן איר טאַטן אַ פיש־הענדלער, וועגן אירער אַ פאַרהייראַטער שוועסטער וואָס פאַרמאָגט אַן אויטאָמאָביל, און אַז זי, קייטי, האָט ליב געזעלשאַפט. זי האָט אַלע מינוט געהאַלטן אין איין אַרויפציען איר קליידל און געשפּיליעט די קנעפּלעך ביי איר בוזעם. זשאַק איז געזעסן און געקוקט אויף דער נאַריש־גוטער פרוי, און געטראַכט אַז מען דאַרף שוין גיין.

ווען עלעק איז פאַרטיק געוואָרן מיטן וואַשן די כלים, האָט זי אים געהייסן צושטעלן אַ טשייניק טיי. זי האָט אַרויפגעשטעלט אַ גרויסן קוכן און צוגערוקט צו זשאַקן:

— עס, זשאַק, איך האָב ליב אַ מאַן וואָס קען עסן; ביי מיר וואָלסטו געהאַט גוט צו עסן.

— וואָס הייסט ביי אונדז עסן? ווי קאָן ער דאָ וווינען? ער וועט דאָך נישט קומען אַהער עסן? — האָט עלעק געפרעגט זיין ווייב.

— וואָס הייסט בלויז עסן, איך וויל טאַקע ער זאָל דאָ וווינען! וואָס הייסט איך האָב נישט ווו?

זי האָט אַ נעם געטאָן זשאַקן פאַר דער האַנט און אַ שלעפּ געגעבן צום פראָנט־צימער און געזאָגט:

— זע אָט דעם צימער. עס געפעלט דיר דאָ צו שלאָפן?

דער קליינער עלעק האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן:

— וואָס הייסט דאָ? דאָס איז דאָך אונדזער פראָנט־צימער! ווער פאַרדינגט עס אַ פראָנט־צימער??

— פאַר זשאַקן? פאַר אים אַליין! — האָט די פרוי געגעבן אַ זאָג.

דער קליינער עלעק האָט גענומען ווישן זיינע ברילן. זשאַק האָט

גענומען טראַכטן וועגן זיין ענגן צימער וואָס ער צאָלט 12 שילינג אַ וואָך, ביי אַן אַלטער פרוי אין וויטשעפּל.

— און ווו קאָן איך דאָ שלאָפן, אויף דער קאַנאַפּע?

— איך וועל שוין זען אַז דיר זאָל זיין וואַרעם — האָט זי וואַרעם — האָט זי זשאַקן געגעבן אַ גלעט איבער דער באַק.

זשאַק איז געבליבן שטיין אַ ביסעלע אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער עלעקס פרוי האָט אים לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן:

— זשאַק, נישט מער ווי צען שילינג אַ וואָך. אויב דו וועסט וועלן וועסטו דאָ קאָנען עסן. עס וועט זיין הימלעך.

— און אַז געסט וועלן קומען, ווו וועסטו זיי אַהינטאָן? — האָט זשאַק געפרעגט.

— אויב געסט וועלן קומען, וועל איך דיך לייגן צו מיר אין בעט אַריין, און די געסט אין דעם צימער — האָט קייטי געלאַכט, ווייזנדיק אַ מויל קרומע ציין.

זשאַק האָט געלאַכט און דער קליינער עלעק האָט אויך מיטגעלאַכט.

— געדענק, זשאַק, קאָנסט שוין מאָרגן זיך אַריינציען — האָט עלעקס פרוי באַמערקט, ווען זשאַק האָט פאַרלאָזט זייער הויז.

*

אַ גרויס און שפּאָגל־ניי בעט. עלעקס ווייב האָט אויפגעקלייגט קושנס און קישעלעך און קאָלדרעס. זשאַק האָט נאָך אַזאַ צימער און אַזאַ בעט נישט געהאַט. ער האָט גענומען דאָ עסן אָונט־ברויט און זיצן טיילמאָל מיט עלעקן און זיין ווייב איבער אַ טעשל קאָרטן.

יעדן זונטיק אינדערפרי, גאַרנישט ווי איר שטייגער, פלעגט זי זיך אויפהייבן און זשאַקן אַריינטראָגן אַ טעפּל טיי מיט קיכלעך. איר מאַן האָט זיך גענומען אויסרוען די ביינער; דאָס אויפשטיין זונטיק פרי און דערלאַנגען איר טיי אין בעט אַריין, איז געווען זיין אַרבעט. זי פלעגט גאַנץ מונטער און אויסגעשלאָפן אַרויסגיין פון בעט, אַ קוק געגעבן אין

שפּיגל ווי זי זעט אויס, און פלעגט אַרויפכאַפּן אַ שלאַפראָק איבער אירע פּידזשאַמעס וואָס פלעגן קיינמאָל נישט זיין צוגעקנעפּלט אויבן. זי פלעגט שטיין ביי זשאַקס בעט און מיט תאווה־אויגן אָפּמעסטן זיין פאַר־יואַקסענעם ברוסטקאַסטן און האָריקע הענט. זשאַק האָט געוווּסט אַז ער קאָן זי גלייך אַריינשלעפּן אין זיין בעט און איבערדעקן מיט זיין קערפּער... ער האָט גענומען פאַרשטיין פאַרוואָס זי האָט אים דאָ געוואָלט האָבן אַלס סובלאָקאַטאָר...

טיילמאָל, ווען זשאַק האָט אויסגעמיטן צו קומען פרי אַ היים, ווייל זי פלעגט הייסן איר מאַנעלע גיין שלאָפן און מיט זשאַקן אַליין געוואָלט שפּילן אין קאָרטן, פלעגט זי זשאַקן פאַרוואָרפן אַז ער שלעפּט זיך ערגעץ אַרום מיט גאַסן־פרויען. אדרבא, עלעק פלעגט זיך בעטן ביי זשאַקן:

— קום מיט מיר אַ היים, וועסטו אַ ביסל אונטערזיצן מיט מיין ווייב. וואָס אַרט דיך ווען דו שפּילסט מיט איר אַ ביסל אין קאָרטן?

ער פלעגט דאָס זאָגן זיין פרוי אין די אויגן. עלעק פלעגט אַ מידער אַוועקפאַלן שלאָפן און די פרוי האָט מיט זשאַקן געוואָלט גיין אין קינאָ.

— דו זעסט, זשאַק, — פלעגט זי זאָגן, — מיין מאַן וויל אַז מיר זאָלן זיך פאַרווילן, אים אַרט נישט. פאַרוואָס לויפסטו אַרום גאַנצע נעכט זוכן אַנדערע פרויען?...

זשאַק האָט איר אָנגעקוקט און געטראַכט אַז צום בעסטן וואָלט געווען ווען ער ציט זיך אַרויס. ער האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט איר. נישט אַזוי צוליב איר מיאוסקייט און פעטקייט, ווי צוליב נישט וועלן פאַראַטן זיין אַרבעטס־פריינד, דעם קליינעם עלעק. אַזאַ מין עטיש געפיל האָט זשאַק פאַרמאָגט. ווייל דער קליינער עלעק קאָן זיך נישט שיצן, און ווייל זיין ווייב רעגירט איבער אים, דאַרף מען דעם שוואַכן נישט טאָן קיין עוולה — האָט זשאַק באַשלאָסן.

*

זשאַק האָט שוין געהאַט געביטן זיין אַרבעטס־פּלאַץ אויף אַ בעסערן און עלעק איז אים מקנא געווען. מאָדנע, נאָר עלעק האָט איצט געציטערט

אַז זשאַק וועט זיך פון זיי אַרויסציִען. ער האָט געגומען באַמערקן, אַז זיין ווייב טראָגט שוין נישט קיין טיי און קוכן יעדן זונטיק פּאָרימאָרגן צו זשאַקן אין צימער, און אַז זי רוימט בכלל נישט מער זשאַקס צימער. ער האָט געזען, אַז זיין ווייב איז אַ ביסעלע אַנגעדראַליעט אויף זשאַקן, און נישט פאַרשטאַנען וויאַזוי זשאַק האָט זיין פרוי באַלײדיקט.

אַזוי עטלעכע וואָכן. ווען עלעקס פרוי האָט זשאַקן נישט מער נאָכ־געקוקט ווען ער קומט אַ היים און צי ער קומט בכלל אַ היים שלאָפן; ווען זשאַק האָט מער נישט געהערט זי זאָל שטיין באַגינען אונטער זיין טיר, האָט ער זיך געפילט לייכטער. ער האָט טאַקע איינמאָל באַגעגנט אַ מיידל, אַ יידישע, וועלכער ער האָט געקענט פון פּאַריז, און שטילער־הייט, אַרום צוועלף ביינאַכט, איר אַרויפגעבראַכט צו זיך אין צימער.

באַגינען, נאָך איידער עלעק האָט זיך אויפגעהויבן צו זיין אַרבעט, האָט זשאַק אויפגעוועקט זיין מיידל מיט די לאַנגע האָר, און זיי האָבן ביידע שטילינקערהייט גענומען גיין אויף די שפּיץ־פינגער, אַרונטער די שטיגן צום דרויסן, האָט זיך אויבן באַוויזן קיטי אַ צשעפּילעטע און צעפּלאָשעטע מכשפה און גענומען שרייען:

— וואָס מיינסטו, דאָ איז אַ באָרדעל, וועסט דאָ אַרויפנעמען מיידן פון גאַס?! אַזאַ געמיינהייט! גאַסן־פרויען צו מיר אין הויז?!

דאָס קליינע עלעקל איז באַלד אויסגעוואַקסן נעבן זיין ווייב און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט אָפּגעווישט זיינע ברילן און נאָכגעשריגן דאָס זעלבע:

— וואָס איז דאָ, זשאַק? דו מיינסט, אַז דו ביסט דאָ אין פּאַריז?

זשאַק האָט נישט געענטפערט. זיין מיידל האָט געגעבן אַ בליק אויבן צום פּאַרפּאָלק און שיער אויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער. זי האָט געפרעגט זשאַקן וואָס זיי שרייען אויף יידיש, אָבער זשאַק האָט געעפנט פאַר איר די טיר און זי גענומען אונטערן אָרעם.

דאָס פּאָרל איז שוין אַרויס אונטן אין גאַס, אָבער קיטי מיט איר מאַן וענען זיי נאָכגעלאָפן. עלעקס פרוי, אַלץ צעשויבערט און האַלב פאַרשפּי־ליעט די פּידזשאַמעס און שלאָפראָק, האָט נאָכגעשריגן:

— מער זאָל איך דיך דאָ נישט זען! ביי מיר איז אַן אָרנטלעך הויז!
דער קליינער עלעק האָט אונטערגעטענצלט. די פרימאָרגן־פרישקייט איז געווען פאַר אים צו שאַרף. ער האָט אויך מיטגעשריגן:
— אַן אָרנטלעך הויז, אַן אָרנטלעך הויז.
די שכנים אַרום האָבן גענומען אַרויסשטעקן די קעפּ דורך די פענצ־טער. זיי האָבן געזען אַ יונג עלעגאַנט פּאָרל און מען שרייט זיי נאָך, ווי זיי וואָלטן עמיצן באַגנבעט. זשאַק האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָרפן אַ בליק צו דער „אָרנטלעכער" פרוי אויף די דרויסן־טרעפּלעך. ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט איז ער געקומען. עלעק האָט זיך צוגעקוקט ווי זשאַק פּאַקט איין די זאַכן און גייט אַוועק אָן אַ „זיי־געזונט".

אַ יום־כּיפּור נאַכט

ווען פּיזול איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן האָט ער די שטאָט געטראָפן אַ פינצטערע. דער וואָקזאַל, קינגס־קראָס, האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערע נאָרע; אַ מין ריזיקע, שרייענדיקע און טומלדיקע נאָרע, מיט לאָקאָמאָטיוון אַריינגעיאָגטע, און שוואַרצע, יאָגנדיקע מענטשעלעך, וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. קליינע, גרינע לעמפּעלעך האָבן פון ערגעץ אַ שוואַרצער הויכקייט באַלויכטן דעם זשומעדיקן וואָקזאַל און דערביי געלאַכט און געשטשירעט פאַר פרייד.

דער דרויסן איז אויך געווען מיסטעריעז. טונקעלע געביידעס און פאַבריק־קוימענס האָבן זיך געטוליעט צו זיך; און די גאַסן און געסלעך אַרום האָבן איינגעשרומפּן פאַר שרעק. אויבן, אויפן ביינאַכטיקן הימל, זענען געווען אָנגעהאָנגען ווייס־זילבערנע העלפאַנטן אָן פיס (אַזעלכע באַלאָנען צו באַשיצן פון לופט־אָנפאַלן) און אַ לבנה האָט פאַרשייט געלאַכט פון די קוים־רירעוודיקע אויטאָבוסן און טעקסיס אָן ליכט, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי גייענדיקע און קריכנדיקע טרומנעס אויף רעדער.

פּיזול האָט זיך געפילט קראַנק אין גוף און צעבראָכן אין דער נשמה. ער איז געווען אָנקוקן טאַטע־מאַמע און חברים אין זיין שטעטל, אין פּוילן, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט אין דער פרעמד. אָבער איידער וואָס־ווען, האָט ער געמוזט זוכן אַ וועג אַרויס, און ער האָט איבערגעלאָזט זיינע אייגענע און אַלע אַנדערע יידן אין פּוילן, זיי זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן די היטלעריסטיש־מאַרשירנדיקע דייטשן.

דער געדאַנק, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט און נישט געטאָרט אויסנוצן די געלעגנהייט פון האָבן ביי זיך אַ פּאַספּאָרט און אַ וויזע קיין ענגלאַנד, האָט אים נישט געלאָזט רוען.

איז וואָס אויב זיין פאָטער האָט אים געהייסן אַנטלויפן און זיך ראַטע־

ווען — האָט פּיווול געמוזט זיך צוהערן? האָט ער נישט געדאַרפט טיילן דעם זעלבן גורל ווי זיינע פאַמיליע־מענטשן און חברים אין שטעטל? האָט ער נישט געדאַרפט זיין מיט די אַלע יידן מיט וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן און געטיילט זייער שפּראַך און לעבנס־שטייגער?

אָט אַזאַ מין געפיל פון געוויסנביסן האָט אים באַגלייט אין די וואַגלע־נישן איבער די סקאַנדינאַווישע לענדער דורך וועלכע ער האָט זיך געראַ־טעוועט, ביז דער מלחמה־שטאָט לאָנדאָן.

יעדע ידיעה און פּיצל נייעס וועגן באַמבאַרדירטע שטעטלעך אין פּוילן, וואָס פּייוול האָט אויפגעכאַפּט אין די וואַגלענישן דורך גרענעצן, האָט אים שטאַרק ווייטיק געטאָן. יעדע פאַרנומענע פּוילישע שטאָט און געביט וואָס איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, האָט פּייוולען געמאַכט פיבערן.

נישט דערפאַר וויל די פּוילישע ערד און פּוילן אַלס לאַנד איז ביי אים געווען טייער. ניין. די פּוילישע אָרדענונג פון פּאָליצייאישן ווילקיר און פּעאָדאַלן האַלב־פאַשיזם, די פּאָגראָמען איבער יידן און די שרעקלעכע סאָציאַלע אומגערעכטיקייט האָט פּייוול אַלס לינק־געשטימטער אַרבעטער נישט געקאָנט ליב האָבן. באַזונדערס אַלס ייד, וואָס זיין פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערן און אורעלטערן, איז פּוילן, מיט די פּאָליאַקן, נישט געווען טייער. אויב ביי פּייוולען איז געווען אַנגסט און שרעק צוליב די דייטשן, איז עס געווען פאַרן יידישן פּוילן, פאַר זיין שבט יידן, וועלכער איז ביי אים געווען טיף איינגעבאַקן אין האַרצן.

איצט איז ער געשטאַנען אַ צעטומלטערביים וואָקזאַל און פּרובירט זוכן און נישטערן אין געדאַנק, ווו מיט וועמען ער איז פאַרבינדן דורך די עטלעכע יאָרן לעבן אין לאָנדאָן, און צו וועמען ער קאָן צופאָרן און אויס־רוען זיינע גלידער.

פּונקט האָט פּייוול זיך דערמאָנט, אַז עס איז יום־כיפור־נאַכט. הגם נישט קיין פרומער ייד, האָט ער אָבער געהאַלטן אין זינען די יידישע יום־טובים. די טראַדיציעס פון זיין פרומער היים זענען מיט אים מיטגעגאַנגען אומעטום; ער האָט מיט זיך מיטגענומען די בילדער פון זיין שטעטל מיט די יידישע הייזער אין אַזאַ נאַכט; פון דעם בית־מדרש און די חסידים־שטיבלעך און ווי זיין פאָטער שטייט איצט ביי כל־נדרי...

א. מ. אַרזשיצער

*

מיט די ברידער שטיינמאַן, אין ווייטשעפּל, איז פּייזול געווען זייער שטאַרק באַפריינדעט. די צוויי ברידער, סעם און אַלף, האָבן פּייזולען געהאַט אויפגענומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער איז אַ גרינער געקומען קיין ענגלאַנד. זיי האָבן אים דעמאָלט געהאָלפן זוכן אַ צימער און אַרבעט. מיט זיי פלעגט ער אַרומגיין קלאַפּן אין האַרעפּאַשנע טירן פאַר־קויפן לינקע צייטונגען כדי צו העלפן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ענגלאַנד, און צו זיי האָט ער געבראַכט דעם גייסט פונעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין פּוילן, פונוואַנען זיינע עלטערן האָב געשטאַמט.

אמת, פּייזול האָט די צוויי ברידער, די יידישע אַרבעטער פון לאָנדאָן, נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די יידישע אַרבעטער פון זיין שטעטל. זיי האָבן גערעדט אַ צעבראָכענעם יידיש און נישט געהאַט דעם יידישן באַוווסטזיין און יידישקייט־געפיל ווי די יידישע אַרבעטער אין דער היים. אפילו נישט די רעוואָלוציאָנערע געפילן און גייסטיקע אַספּיראַציעס פון די שטעטלדיקע חברים, האָבן די לאָנדאָנער נישט פאַרמאָגט. אָבער אַלגע־מיינע יידישע און סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע שטריכן, האָבן אים, פּייזולען, פאַרבונדן מיט די צוויי פריינט, און ביי זיי האָט ער געדענקט צו קאָנען אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרצן.

ווי נאָר די צוויי ברידער האָבן דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר, זענען זיי אַרונטער זען ווער עס קומט אַזוי שפּעט ביינאַכט. זיי האָבן לאַנגזאַם געעפנט די טיר און אַ דינער פּאַס ליכט האָט געוואָרפן אַ שיין אויפן אָפּגעצערטן און קרענקלעך־אויסזעענדיקן פּייזול.

אַלף, דער יינגערער פון די שטיינמאַנס, אַ פעסטער, בלאָנדער חברה־מאַן, אַ יונג מיט בלויע אויגן און קורץ פאַררויסן נעזל, ווי ביי אַ שייגעץ, האָט פּייזולען נישט דערקענט.

— וואָס איז, וועמען זוכט איר?

פּייזול האָט נישט געענטפערט און געוואַרט. באַלד איז צוגעקומען דער עלטערער, סעם, און געגומען אויסשרייען:

— פּיוול! וו, פונוואַנען זיך גענומען! זע נאַר ווער ס'איז דאָ צוריק פון פּוילן!...

סעם, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 25, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּי־שער יונגערמאַן פון אַ קליין פּויליש שטעטל, האָט גענומען קלאַפּן פּיוולען איבער דער פּליידע. ער האָט געגלעט דעם אָנגעקומענעם און בשעת מעשה האָט זיין געבויגענע נאָז און שוואַרצער קאָפּ מיטגעטאַנצט אויף די שמאָלע אַקסלען פון פּיוולען און אים גענומען טרייסלען:

— אַזוי, דו האָסט באַוויזן צו אַנטלויפן און אויסמיידן די נאַציס? אַבי מיר האָבן געמיינט אַז דו ביסט שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס...

ווען די מוטער פון די ברידער שטיינמאַן איז אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף און איז אַראָפּ אָנקוקן וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי פאַרבראָכן די הענט. די דאַרע און אויסגעמאַטערטע אַלמנה האָט גענומען קרעכצן:

— זע נאַר, טייערער פּיוול, ווי שלעכט דו זעסט אויס! וואָס איז מיט דיר? וואָס מאַכן דיין טאַטע־מאַמע? וואָס הערט זיך מיט די יידן אין פּוילן? וועלן אַלע יידן כאָטש קאָנען אַנטלויפן? — אַ בראָך איז מיר! — האָט זי שנעל צוגעגעבן, — היינט איז יום־כיפּור, אָבער דו מוזט עפּעס עסן; נעם שנעלער! סעם, אַלף — מאַכט עפּעס עסן פאַר פּיוולען.

*

ליגנדיק אויף אַ צוגעשטעלט בעטל אינעם אָרעמען צימער פון די צוויי ברידער, האָט ער זיי ביסלעכווייז גענומען דערציילן ווי אַזוי אין די ערב־מלחמהדיקע אויגוסט־טעג האָט אויסגעזען אין פּוילן; און אַז די יידן האָבן געהאָפט אויף אַ נס, פּונקט ווי די פּאָליאַקן האָבן געהאָפט, אַז מיט ענגלאַנדס הילף־אָפּמאַך מיט פּוילן, וועט היטלער נישט וואַגן אַריינצושיקן זיינע סאָלדאַטן אין די פּוילישע שטעטלעך...

דערנאָך האָבן סעם און אַלף גענומען אויספרעגן, וואָס די לינקע אַרבעטער און אינטעליגענץ אין פּוילן האָט געטראַכט, און פּיוול האָט גענומען אַרויסוויזן אומצופרידנקייט מיט דער פּאָליטיק פון רוסלאַנד, וואָס האָט געשלאָסן אַ נישט־אָנגריף־פּאַקט מיט היטלערן. די וויטשעפּלער

לינקע, סעם או אַלף, האָבן פאַרטיידיקט אַזאַ מין „נייטראַליטעט־פּאַקט״. פּיוולען איז געגאַנגען אין דעם וואָס די יידן אין פּוילן ווערן אויסגע־מאָרדעט, און די צוויי ברידער, די לינקע יידן פון ענגלאַנד, איז געגאַנגען אין אויסהיטן סאָוויעט־רוסלאַנד פון אַ מלחמה...

וואָס מער און וואָס לענגער די דיסקוסיע האָט אָנגעהאַלטן, און וואָס מער פּיוול האָט געוואָלט אַרגומענטירן מיט יידישע און מאָראַלישע טעמים, אַלץ מער זענען די צוויי פּריינט זיינע געוואָרן בייזער. ביז דער עלטערער, סעם, האָט זיך אויפגעקאָכט און גענומען פּיוולען זידלען און אָנרופן אים מיט נעמען, ווי „טראָצקיסט״, „פאַשיסט״.

— וואָס רעדסטו, סעם? ווען בין איך געוואָרן אַ טראָצקיסט, אַ פאַרע־טער און אַ פאַשיסט? — האָט זיך פּיוול געבעטן ביי סעמען, — מיר טוט בלויז ווי פאַר מיינע אייגענע און פאַר די יידן אין פּוילן — זיי וועלן חלילה אונטערגיין...

— אָבער צו וואָס קומסטו תמיד מיט „יידיש פאָלק״? דו ביסט נישט מער ווי אַ יידישער נאַציאָנאַליסט און שאָוויניסט. און פאַר אַזעלכע איז נישטאָ קיין פּלאַץ. טראָצקיסטן וויל איך ביי מיר נישט האָבן!

פּיוול און דער יינגערער ברודער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס מיינסטו? — האָט פּיוול געשטאַמלט, — איך טאָר דאָ נישט בלייבן נעכטיקן?

— אויב דו וועסט נישט אַרויס אָט די מינוט, — האָט סעם אַן אָנגע־צונדענער געליאַרעמט, — וואַרף איך דיך אַראָפּ פון די שטיגן. שוין די מינוט אַרויס, טראָצקיסט!

אַלף איז צוגעלאָפן און פאַרשטעלט פּיוולען, זיך געבעטן ביי זיין ברודער:

— לאָז אים שוין בלייבן די נאַכט. זעסט דאָך ווי ער איז קראַנק און צעבראָכן.

ביידע ברידער האָבן זיך גענומען אַמפּערן. זייער מוטער איז אַריין אין צימער אָנגעטאָן אין אַ שלאַפראָק און צעשויבערט. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָ קומט פאָר צוויי אַזייגער פאַרטאָג, יום־כיפור־נאַכט.

זיי האָבן געבעטן דעם עלטערן, סעם, ער זאָל צורולאָזן, אָבער סעם האָט געשריען, אַז ער וועט נישט צאָלן דירה־געלט צו האַלטן פאַשיסטן...

— אָבער, ווי אַזוי וואַרפט מען אַרויס אַ יידישן יונגנמאַן אין אַזאַ נאַכט צוליב עפּעס „מאַשיסט־פּאַרשיסט״? — האָט די דערשראָקענע יידישע מאַמע פּרובירט אויפכאַפּן איר זונס זידלוואָרט.

— זאָל ער ברעכן הענט און פיס! — האָט סעם געקלאַפּט אין טיש. ער איז אַרויס מיט אַ מיאוסער שפּראַך אויף ענגליש אין קעגנוואָרט פון זיין מוטער און נישט אויפגעהערט שעלטן.

פּיוול האָט שטילערהייט איינגעפּאַקט זיינע פּאָר זאַכן אין וואַליזקע און איז אַרויס אין דער נאַסער גאַס.

קראַנק און צעבראָכן. ווו צו ווענדן זיך האָט פּיוול נישט געוווסט. אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך פאַרוואָס ער האָט גערעדט וועגן פּוילן און וועגן די יידן, און עס האָט אים געקרענקט פאַרוואָס יידישע קאָמוניסטן זאָלן זיין אַזוי בלינד און אָפּוואַרפן פריינטשאַפט מיט אַ טופע פון די פיס.

צוגייענדיק צו אַ געסל ווו עס האָט געוווינט נאָך איינער זיינער אַ פריינט, אַ ווייטשעפּלער חבר, האָט פּיוול מער נישט געוואַגט אָנצוקלאַפּן. ער האָט גענומען פילן אַ ווייטיקלעכע אַנטיפּאַטיע צו די מענטשן וואָס קאָנען אַוועקמאַכן מיטן יידישן בראָך, ווי מיט אַ פּאַראַיאַריקער פּאַרטיי־לאָזונג. איצט האָט ער דערקענט וואָסערע יידן זיינע לינקע חברים זענען...

זיצנדיק אויף דער וואַליזע, דעם קאָפּ איבערגעבויגן צו זיינע קני, און טוליענדיק זיין קערפּער אין רעגנמאַנטל, איז פּיוול געבליבן ביז די פרימאָרגן־שעהן. דרימלענדיק וועגן זיין שטעטל און פון זיינע חברים אינדערהיים, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער איז גאָר קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן פונעם שטעטל און איז קיינמאָל נישט באַקאַנט געווען מיט דעם סאָרט יידן ווי סעם.

*

ווי נאָר דער באַגינען האָט ליכטיקער גענומען שפּרייזן און איינגענומען די שמאָלע, שמוציקע ווייטשעפּל־געסלעך, האָבן יידן און יידענעס,

געאיילט זיך אין די פאַרשידענע שולן. טייל האָבן אים כמעט ווי נישט באַמערקט, און טייל האָבן אַריינגעקוקט דעם מידן צעבראָכענעם פּייוול אין פּנים אַריין און אַ ווײַלע געבליבן שטיין. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ יידישער יונגערמאַן וואָגט עס צו פאַרברענגען אַזאַ נאַכט אונטערן פרייען הימל...

פּייוול האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ער האָט זיי נאָכגעקוקט ווי זיי גייען בעטן און תפילה טאָן צו גאָט, וועלכער איז פאַר אַלץ פאַר־אַנטוואָרטלעך. ער האָט זיי נאָכגעקוקט און טראָץ דעם צו זיך געמורמלט:

— גאָט, מיין גאָט. הלוואי וואָלט איך געקאָנט גיין אַזוי רואיק צו דיר בעטן. הלוואי וואָלט איך אָנגעהאַלטן אַ שטיקל רעליגיעזן ציטער און אויף אַזאַ אופן זיך ריינוואַשן פון זינד...

פּייוול האָט די יידן מקנא געווען...

„אַ חזן, אַ שיכור"

ווו האָב איך באַקענט אורקען? ביי דער בערזע פון דאַמען־שניידעריי, אין ווייטשעפּל־רויד. דאָ, ביי גרעיט־גאַרדן־סטריט, פּלעגן זיך זאַמלען צענדליקער און הונדערטער יונגע, מיטליאָריקע און עלטערע יידן וואָס פּלעגן אַרבעטן אַלס מאַשינערס, פּרעסערס און שניידערס. דאָ, אין גאַס, פּלעגט מען רעדן וועגן סעזאָן, אַרבעטלאָזיקייט און וועגן קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען. אויב שניידעריי איז געוואָרן צוגעגעסן פּלעגט מען רעדן וועגן דער טשעמבערליין־רעגירונג אין ענגלאַנד, וועלכע גיט נאָך היטלערן און מוסאָלינין, אָדער אַמאָל וועגן יידישע ענינים.

אורקע פּלעגט זיך דאָ פילן זייער היימיש. ער האָט געהאַט זייער פיל צו דערציילן, וועגן דער רויטער אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט מיטגע־קעמפט, און זיי געהאָלפן איינגעמען פּוילישע שטעט אין יאָר ניינצן הונ־דערט און צוואַנציק.

— איי האָב איך געלערנט בלק מיט די בורזשויען! — פּלעגט אורקע זאָגן און זיך פּאַסמאַקעווען. עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט געווען אַ קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי. ער, דער קאָמאַנדיר, האָט עפּעס צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, נישט צוריקגעצויגן זיך קיין רוסלאַנד, ווי די רויטע אַרמיי האָט געטאָן, נאָר ער איז אָנגעקומען אין אַ לאַנד פון בור־זשויען און אימפּעריאַליסטן — קיין ענגלאַנד.

צו די ענגליש־רעדנדיקע פּלעגט אורקע אַרויפקוקן מיט רעספּעקט. כאָטש ער איז שוין געווען אַכצן יאָר אין ענגלאַנד, איז ער אַלץ געווען ווי צעקריגט מיט דער ענגלישער שפּראַך. ער וואָלט מיט חשק דערציילט די ענגליש־געבוירענע יידן, ספּעציעל די לינקע, וואָס ער האָט אַלץ אויפגע־טאָן בשעת ער איז אַלט געווען נישט מער ווי אַכצן יאָר, אָבער ער האָט פאָרט נישט געקאָנט איבערדרייען די צונג אויף ענגליש. ער האָט אפילו

נישט געקענט דערציילן, ווי פֿלינק ער איז ביי דער ניי־מאַשין, און ווי ער קעמפֿט אין ענגלאַנד קעגן קליינבירגער און אויסנוצער.

און איר האָט געמעגט אָנקוקן אורקען. אַ מאַן מיט רויטע מאַרדעס, מיט אַ פֿעטן קאַרק, מיט ריזיקע הענט, ווי ביי אַ בער, און מיט אַ ברייטער פּלייצע. זיין גוף איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן פֿון קורצע פֿיס ווי דעמבעס. זיין שטערן איז געווען נידעריק, זיינע שוואַרצע אויגן זענען געזעסן טיף, און זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע קליינע געקרייזלטע האָר ווי ביי אַ שעפּס. עפּעס האָט ער פֿאַרמאָגט פֿון אַן אָקס און שעפּס צוזאַמען אין זיין צוזאַמענשטעל.

אין יענער צייט, אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, בין איך געווען „אַ גרינער" אין ענגלאַנד. איך האָב אויך געזוכט צו מאַכן אַ לעבן ביי דער ניי־מאַשין. אין סעזאָן פֿלעגט מען יעדן איינעם אָוועקזעצן ביי די ניי־מאַשינען. מ׳פֿלעגט ווייזן און צולערנען. מ׳האָט געדאַרפֿט פֿאַרטיק מאַכן די „באַנדלעך" אַרבעט אין צייט.

אוורקע האָט גענומען קלעפּן צו מיר. ער האָט ליב געהאַט „גרינע". ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין ווייב אַז זי שטאַמט פֿון יחוס: זי איז אַ ווילנערין און האָט אַ שוועסטער וועלכע איז אין דערהיים געגאַנגען אין גימנאַזיע...

נאָכמער האָט אורקע ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיינע קינדער. און אָנהייבן פֿלעגט ער אַזוי:

— דו ווייסט וויפֿל חזיר־פֿלייש איך קאָן אַריינהאַקן באַלד אינדערפֿרי?

— איך ווייס נישט.

— גאַנצע צוויי פֿונט!

— מער נישט?

— מיט דריי פֿונט שוואַרץ ברויט! איך פֿאַרטרונק קאַלט וואַסער און איך לויף צו דער אַרבעט.

— און דיינע קינדער?

— אָ, יאָ! כ׳האָב דיר געוואָלט דערציילן וואָסערע קינדער איך האָב. מיין מיידעלע איז זייער אַ שיינע. זי איז די בעסטע אין קלאַס. איך מיין אַז

זי האָט מיין ווייבס קאָפּ. זי קאָן אָבער אַזויפיל נישט עסן. פאַרוואָס, ווייסט איר דער טייוול! אָבער מיין זון, ווען דו זאָלסט אָנקוקן מיין זון! ער איז נישט מער ווי צוויי יאָר אַלט, און ער האָקט שוין אַריין אַ פונט רוי פלייש מיט איינמאָל!

— פאַרוואָס עפּעס רוי פלייש? דיין ווייב וויל נישט קאָכן?

— ניין, פאַרשטייסט נישט! איך וויל ער זאָל זיין שטאַרק!

כ׳האָב באַטראַכט אורקען און פאַרשטאַנען וואָס זיין זון וועט אויס־וואַקסן. שעללי, קיטס, אָדער אפילו ווי אונדזער יידישער דיכטער מאַנגער, וועט שוין אורקעס זון נישט ווערן פון רוי פלייש.

*

ווען עס פלעגט רעגענען, ווי עס טרעפט אָפּט אין לאָנדאָן, פלעגט אורקע קומען זוכן סביבה אין דער מוניציפּאַלער ביבליאָטעק אין וויטשעפּל־רויד. אויבן פלעגן זיצן פיל עלטערע צעקנייטשטע מענער און פרויען; מענער אויסגעקוועטשטע פון פאַבריק־אַרבעט, און אָרעמע מענטשן אָן אַ וואַרעמער היים. זיי פלעגן איינשלאָפן איבער אַ צייטונג אָדער איבער אַ זשורנאַל און זיך איבערוועקן. זיי האָבן געזען דורך די פענצטער אַז דער רעגן גיסט מיט זיכערקייט, פלעגן זיי איבערדרייען די צייטונגען און ווידער איינדרימלען.

אונטן פלעגן די יונגערע און שטאַרקערע לייענען די טאָג־צייטונגען שטייענדיק. די צייטונגען פלעגן זיין צוגעפעסטיקט צו וואַנט־שטענדערס; טאָמער האָט איינער נישט געהאַט גענוג צייט אָדער כוח איבערצולייענען אַ גאַנצע צייטונג, פלעגט ער אויסרייסן דאָס אַרטיקל וואָס אים איז געפעלן געוואָרן און עס מיטגענומען אין שטוב אַריין...

אויך די יידישע טאָג־צייטונג „צייט" איז געווען צוגעפעסטיקט צו אַ שטענדער. אורקע פלעגט דאָ נישט לייענען די צייטונג שטייענדיק. ער האָט זיך פאַרגינט: געקויפט אַ יידישע צייטונג און אַרויף אויבן. אים האָט נישט געאַרט וואָס טייל אַלטע מענער שנאָרכן אַ ביסעלע אונטער ביים דרימל. ער האָט אויסגעטאָן זיין היטל און זיך פלייסיק גענומען צו די צוויי־דריי

ראָמאַנען פון „צעבראָכענע הערצער״ און „זינדיקע נשמות״. אורקע האָט מיטגעלעבט און געוואַרט אויף יעדער פאַרזעצונג.

פאַרשטייט זיך, ער פלעגט זיך אַרומקוקן צי עמיצער פון די לינקע קומט נישט אָן. ווי נאָר ער פלעגט דערזען איינעם פון די ענגליש־געבוירענע לינקע „באָיעס״, אָדער פון די ניי־געקומענע וועלכע ער פלעגט האַלטן פאַר מאַרקסיסטן, פלעגט ער אויף שנעל פאַרשאַרן און פאַרשטעלן די „צייט״ מיט אַ קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרייהייט״, וועלכע פלעגט אָנקומען אַזש פון ניו־יאָרק. ער פלעגט איבערלייענען די קעפּלעך פון דער לינקער צייטונג און פרעגן:

— קאָנסטו מיר זאָגן פאַרוואָס די קליינבירגער שטערן דער רעוואָלוציע? פאַרוואָס, צו אַלדי כאָליערעס, פאַרמאָגן די קליינבירגער אַזאַ פאַרפוילטע פסיכאָלאָגיע און ווילן נישט אַז אַרבעטער זאָלן איינפירן סאָציאַליזם, האַ?

— שווער צו ענטפערן.

— דיר איז אויך שווער? איך האָב דיך געזען לייענען אַ בוך פון קאַרל מאַרקס — איז ער צו מיר צוגעשטאַנען.

— נו, מיינסטו אַז מאַרקס האָט אַלץ געוווסט און איז געווען זיכער?

— איך ווייס נאָר איין זאַך: די גאַנצע באַנדע יידישע מייסטערס דאַרף מען אויסשיסן. געדענק, דער טאָג וועט קומען!

— אורקע, מיט וואָס זענען יידישע מייסטערס ערגער ווי נישט־יידישע? פאַרוואָס נעמסטו אַזויפיל דראָען?

— איז אויב אַזוי וויל איך פרעגן: פון מיין אַרבעט אַלס מאַשינער קאָן איך נישט מאַכן קיין לעבן; איך וויל אַ ביסל צוהאַנדלען און צופאַרדינען אַ פאַר פונט — איז פאַרוואָס זאָל איך נישט טאָרן, ווען אַלע שווינדלען? פאַרוואָס זאָל איך נישט טאָרן לעבן גרינגער? שולדיק אין דעם סיסטעם זענען דאָך די ענגלישע אימפּעריאַליסטן. — יאָ, צי ניין?

אַז אורקע האָט מיך גענומען פאַר אַ „מאַרקסיסטישן רב״ האָב איך אים געגעבן דעם הכשר אויף צו מעגן האַנדלען. דערפאַר האָט ער געקריגן גרויס רעספּעקט פאַר מיר...

*

נאָכקאָנטראָלירן אורקעס גבורה מיט דער רויטער אַרמיי און וויפל שטעט ער האָט פאַרנומען, האָב איך נישט געקאָנט. אָבער פון זיין גבורה איבער אַ פיזיש־שוואַכערן פון אים, האָב איך יאָ געהערט. עס איז צו מיר צוגעקומען אַ שוואַך־אויסזעענדיקער מאַן פון אַ יאָר פופציק און מיך באַטראַכט מיט זיינע רויט־קרענקלעכע אויגן. ער האָט געהאַט אַ רחמנות־מינע און גענומען באַוועגן מיט זיינע איינגעפאַלענע באַקן. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, ער האָט בלויז געקוקט ווי איך לייען די זשורנאַלן, און ער האָט אַרויסגערעדט מיט געבעט:

— פליז, איר קאָנט מיך ראַטעווען; די חיה וויל מיך דערהרגענען!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד, אַ פרעסער ביי דאַמען־מאַנטלען, האָט עפּעס אָפּגעשטויסן פון זיך אַ יידישן יונגנמאַן וועלכער האָט אים געשטופּט אין האַנט אַריין ער זאָל קויפן די ענגלישע קאָמוניסטישע צייטונג „דיילי וואָרקער". אורקע איז פונקט פאַרבייגעגאַנגען און זיך געטשעפּעט אַז דער ייד האָט געשפּיגן אויף אַ קאָמוניסטיש בלאַט...

— פליז, האָט אויף מיר רחמנות, איך האָב נישט געשפּיגן. ער וויל מיך דערהרגענען. פאַר אייך האָט ער דאָך דרך ארץ. ראַטעוועט מיך!

ווען איך האָב אויפגעזוכט אורקען, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט בלויז יענעם געגעבן אַ פּאַרפאַר און יענער האָט אויסגעשפּיגן עטלעכע ציין:

— זאָל ער נישט זאָגן אַז די קאָמוניסטן זענען אַן אומגליק — דער קאָנטערדעוואָלוציאָנער! וואַרט־צו, וועסט זען וואָס איך וועל נאָך פון אים מאַכן.

אורקע האָט גערעדט מיט שוים אויף די ליפּן. ער האָט פאַרטיידיקט די רעוואָלוציע און זיין גלויבן, מיט אויסהאַקן ציין...

— אָבער, אורקע, וויאַזוי מעג מען שלאָגן אַן אַרבעטער? וויאַזוי ווילסטו אַריינשלאָגן קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם? דו מיינסט אַז אַזוי שטייט ביי קאַרל מאַרקסן?

— טאָר מען טאַקע נישט? וואָס דען טוט מען מיט אַזעלכן?

— מען שטופּט אים נישט קיין קאָמוניסטישע צייטונגען.

— וועל איך אים מער נישט טשעפּען. אָבער, ער איז ווערט מען זאָל אים דערפּאַר ממיתן!

*

אורקע האָט אָפּגעלאָזט די פראַגע פון קליינבירגערטום און רעוואָלוציע. ער האָט מיך פלוצים גענומען פרעגן צי איך האָב ליב גראַמאָפאָן־פּליטן פון חזנים, און האָט מיך פאַרבעטן, דאָס הייסט מיטגענומען צו זיך אַ היים. ער האָט מיך גענומען פירן איבער שמאָלע געסלעך און פּאַסאַזשן ערגעץ ביי קאַמערשל־רויד און אָנגעוויזן אויף אַ פינצטערן און שמוציקן פּאַסאַזש:

— זעסט? אין אָט דער הייזקע וווין איך. אָבער איך זאָג דיר אָן: דו זאָלסט זיך נישט צוהערן צו מיין ווייב; זי פאַרשטייט גאַרנישט פון קאָמוניזם און סאָציאַליזם — זי איז אַ קליינבירגערין!

— נו, גוט, איך גיי נישט פירן מיט דיין ווייב קיין דיסקוסיעס. דו פירסט מיך איך זאָל הערן חזנישע שטיקלעך.

— אַזוי, דו ביסט אַן אייגענער. דו קענסט דאָך די ווייבער.

זענען מיר אַריין אין פראָנט־צימער. דאָ איז געווען אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן מיט אייזנס, שמאַטעס, בלעך, שטריק און שטיקער האָלץ; וויזט אויס אַז מיט די זאַכן האָט אורקע צוגעהאַנדלט. ער האָט אָפּגעווישט אַ צעבראָכענע שטול און מיך געבעטן זיצן. ער האָט פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרזשאַווערטן גראַמאָפאָן מיט אַ גרויסער טראָמבע, און גענומען אָנשטעלן אַ פּליטע.

דערווייל, ווי ער האָט אַזוי געאַרבעט ביים גראַמאָפאָן, האָט זיך פון דער צווייטער זייט צימער גענומען פאַנאַנדערדרוקן אַ פאָרהאַנג פון אַן איבערגעצוימטער קיך, און אַ בלאַס פּנים פון אַן אויסגעמאַטערטער פרוי האָט געכאַפּט אַ בליק צו זען וועמען אורקע האָט פאַרבעטן אַלס זיין גאַסט. פון אַ כישוף־ווינקל איז אויסגעוואַקסן אַ שיין מיידעלע מיט געלאָקטע הערעלעך, שוואַרצע. זי איז צוגעקומען צו אורקען און געבעטן געלט אויף ניסלעך. אורקע האָט איר געגעבן קליינגעלט און גלעט געטאָן איבער איר

קעפּל, זי איז פאַרשוווּנדן. אין אַ צווייטן ווינקל איז געשטאַנען אַ וויגל, און אַ קינד, אַ יינגעלע, איז געשטאַנען אַרומגעבונדן מיט פּאַסן. ער האָט טאַקע געגעסן שטיקער רוי געמאָלן פליש פון אַ שיסל אַרויס, צוגעשטעלט ביי זיינע באָרוועסע פיסלעך. דער קליינער האָט שוין פאַרמאָגט אורקעס מאָרדעס...

אורקע האָט מיך פאַר זיין פאַמיליע נישט פאָרגעשטעלט. ער איז שנעל אַריין צו דער איבערגעצוימטער טייל שטוב און גענומען שטיל רעדן, עפּעס בעטן זיין וויב. ער איז ווידער צו צום גראַמאָפאָן און אָנגעשטעלט די נאָדל. איך האָב דערווייל געוואָנדערט מיט מיינע אויגן איבער אַלע סאָרטן שמאַטעס און קעסטלעך און העמערלעך. האָב איך געהערט:

— אַזאַ יאָר זאָל ער האָבן, דער קאָמוניסט, דער רויטער. ער וויל זיך אויספיינען פאַר אַ פרעמדן מענטש. אַלע שכנים קענען אים וויאַזוי ער באַהאַנדלט מיך און די קינדער. טאָמער וועט ער נישט בעסער ווערן וועל איך ווידער גיין צום בית־דין.

איך האָב געמיינט אַז די שטימע קומט פון אַ פליטע. כ׳האָב געמיינט אַז עפּעס אַ מין דיאַלאָג פון אַ פאָרפאָלק. אָדער אַ פאָרשפּיל צו אַ מאָנאָלאָג. אָבער ניין. די שטימע איז געקומען פון איבער דעם לייוונטענעם פאָרהאַנג. דאָס האָט אורקעס וויב אַזוי ווייטיקלעך אַרויסגערעדט אַלץ אין איין טאָן...

אורקע האָט זיך גענומען פּילן אומבאַקוועם. ער האָט גענומען וואַרפן און שליידערן זאַכן, ער איז געוואָרן רויט, אָנגעצונדן מיט בלוט. איך האָב באמת מורא געהאַט ער זאָל נעמען שלאָגן זיין וויב...

צום גליק, אָבער, האָט דער גראַמאָפאָן גענומען אויסזונגען מיט יאָסעלע ראָזענבלאַטס שטימע. אורקע האָט מיט דאַנקבאַרקייט גענומען קוקן אויף דער פּליטע, און אין קיך איז אויך געוואָרן שטיל. זיין וויב האָט, ווייזט אויס, אויך הנאה געהאַט פון חזנים.

דערנאָך איז געקומען גרשון סיראָטאַ. אורקע האָט גענומען אויסטייטשן דעם אונטערשיד פון דער פריערדיקער פּליטע ביז דער איצטיקער. ביי די פּליטעס פון חזן פינטשיק און אַנדערע האָט ער נאָך מער געטייטשט און געקוויקט זיך. ער האָט אויך געפרעגט מיין מבינות.

— און פון אַ ייִדישן אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ האָסטו געהערט? — האָט אורקע מיך געפרעגט.

— וואָס הייסט, געהערט? מאָריס שוואַרץ האָט דאָך געשפּילט אין לאָנדאָן, ער איז דאָך באַרימט געוואָרן מיט זיין „יאָשע קאַלב״!

— וואָסער „יאָשע קאַלב״? איך האָב זיינס אַ בעסערע זאַך! איך האָב „אַ חזן אַ שיכור״! אָט דאָס, זאָג איך, איז אַ שטיקל סחורה! אָט דאָס נעמט ביים האַרצן!

די פּליטע פון מאָריס שוואַרץ האָט הייזעריק דערציילט ווי אַ חזן וויינט אויף דעם טויט פון זיין קינד. אַ דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען היילן דאָס קינד אָן געלט. דער חזן טוט זיך אָנשיכורן און וויל נישט מער דאַווענען פאַר די רייכע; ער דאַוונט אין דער שניידערישער שול. אָט די אַ ביסל מעלאָדראַמאַטישע געשיכטע האָט אורקען גערירט ביז טרערן. זיינע ריזיקע הענט, זיינע באַקן און זיין קאַרק זענען צעגאָסן געוואָרן. ער איז געוואָרן איין שטיק צעפלאָסענער סענטימענט, בשעת די פּליטע האָט הייזעריק גערעדט.

— אָט, זעסטו, דער דאָקטאָר, דער בורזשוי, זיי האָבן דערהרגעט זיין קינד! זע, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג! — האָט אורקע געזאָגט מיט פאַרוויינטע אויגן.

*

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט געגומען האַגלען מיט באָמבעס איבער לאָנדאָן. ענגלאַנד האָט געפירט מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד. הונדערטער דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט פאַרשידענע טיילן פון דער גרויסער ענגלישער הויפּטשטאָט. גאַנצע קוואַרטאַלן, מיט צענדליקער גאַסן און געסלעך וואָס ענגלענדער האָבן געבויט און צוגעלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל אין משך פון הונדערטער יאָרן, זענען איצט חרוב געוואָרן. מענטשלעכע קרבנות זענען געווען אין די טויזנטער.

אויך דאָס יידישע ווייטשעפּל האָט געזען טויט און צעשטערונג. די מערהייט יידישע איינוווינער, פּונקט אַזוי ווי די נישט־יידישע, האָט געזוכט

שוין אין טיפע קעלערן — „שעלטערס״ און אויף די לאַנגע פּלאַטפאָרמעס פון דער אונטערגרונט־באַן. מען איז גאַנצע נעכט, ווען דער הימל פלעגט זיין רויט, און ער פלעגט גיין „אויף רעדלעך״, און אַפילו בייטאָג, געלעגן צונויפגעקאָרטשעט אונטער קאָלדרעס און מלבושים. די פרויען האָבן אַזוי־אַרום געוואָלט איינהיטן די לעבנס פון זייערע קינדער און פון זיך. די עלטער־רע מענטשן האָבן אויך נישט געוואָלט צעשמעטערט ווערן פון באָמבעס. כּיל מענטשן פלעגן אַרויסקומען פון די קעלערס און „שעלטערס״ און נישט מער געפונען זייערע היימען. דער „שעלטער״ אָדער די אונטערגרונט־פּלאַטפאָרמע איז געוואָרן די פּערמאַנענטע היים פון פיל אָרעמע מענטשן.

דאָס לעבן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. אַרבעטער און ביזנעס־מענער זענען געגאַנגען און געפאָרן צו זייער אַרבעט און האַנדל. מ׳פלעגט אָנפירן מיט „ביזנעס עס יודזשעל״. דער ענגלענדער האָט אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע סטאָישקייט און גבורה. ווען עס פלעגן אָנקומען די ראָבאָט עראָ־פּלאַן־באָמבעס, פלעגט מען בעטן גאָט דער ברענענדיקער מאָטאָר זאָל אַריבערפליען זייער הויז און געסל, און וואָס ווייטער פון זייער פאַבריק אָדער קראָם...

איינמאָל, נאָך אַבייטאָגיקער באָמבאַרדירונג, ווען יידישע גאָסן און געסלעך פון ווייטשעפּל זענען געוואָרן באַגאָסן מיט בלוט, און דאָס ביסל האָב־און־גוטס פון די יידישע איינוווינער איז געלעגן אונטער חורבות, האָט אורקע גענומען לויפן פון דער אַרבעט זיינער אין דער וועסט־ענד, וווּ די שניידער־פאַבריקן זענען געווען, צו זיין איסט־ענד. גראָד איז מען אין זיין פאַבריק אָפּגעקומען מיט שרעק: אַ באָמבע איז אַריבער איבערן דאַך און געטראָפן אַ שעלטער דערנעבן; עטלעכע צענדליק מענטשן זענען פאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקערהייט...

ווי נאָר אורקע איז צוגעקומען צו זיין געסל, האָט ער געטראָפן פיל שכנים מיט וויינענדיקע אויגן. ער האָט געהערט פון דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, ער האָט אַרום זיך געזען צעבראָכענע הייזקעס. זיין פרוי און יינגעלע, האָט אים אַ שכנטע איבערגעגעבן, זענען לייכט פאַרוווּנדעט און געפינען זיך אין „לאָנדאָן־האָספּיטל״. זיין מיידעלע איז אַרויס אומבאַ־שעדיקט; זי איז ביי באַקאַנטע, ביי אייגענע מענטשן.

ער איז געלאָפן און געשפּרונגען איבער קלעצער און ציגל. צוגעקומען צום שפּיטאָל, האָט ער געטראָפן אַ יאָמער און געוויין פון פאַרוווּנדעטע און פון קרובים. זיין פרוי און יינגעלע זענען געלעגן רואיק. די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין געזונט.

אורקע איז באַלד געלאָפן צוריק. בלויז איין בליק געגעבן צו זיין פרוי און קינד, געזאָגט „האַללאָ", און ער האָט פאַרקערעוועט צו זיין פּאַסאַזש־געסעלע. ער איז אַריין אין דער אָפענער טיר פון זיין חרובער היים און געזען דעם הימל אַריינקוקן מיט בלאָע קאָליר; זיין נעסט איז געלעגן אַ צעשמעטערטע.

ער האָט גענומען פיבערהאַפּט אַרבעטן. ער האָט אַוועקגעשאַרט צעפּאַ־לענע שטיקער ווענט און שטיקער פון באַלקן. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן זיין צעפּיצלט בעט, די צעבראָכענע קאַנאַפּע און גענומען זוכן צווישן צעבראָכן גלאָזוואַרג און כלים, און אַ מינוט פאַרהאַלטן זיין בליק אויף שטיקער פון זיין יינגלס וויגל. ער האָט געזוכט און גענישטערט ביז ער האָט דערטאַפּט אַ צעפּאַלענעם גראַמאַפאָן און צעפּיצלטע פּליטן. ער האָט פאַרזיכטיק באַטראַכט דאָס צעבראָכענע קעסטעלע, דעם ווייזער מיט דער נאָדל־שטימע און געהאַלטן שטיקלעך פּליטן פון די האַרציקע חזנים, ביז ער האָט דער־קענט שטיקער פון זיין באַליבטער פּליטע „אַ חזן אַ שיכור". ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אָפּגעווישט די שטיקלעך, זיי געהאַלטן אין די הענט ווי מ׳האַלט אַ קליין קינד און ער האָט זיך צעוויינט. געוויינט און געווישט די טרערן מיט זיין אַרבל.

דער הימל איז פון בלאָ געוואָרן גראַנאַט־בלאָ. די צעפּאַלענע הייזקעס מיט די אָפּגעדעקטע בעבעכעס אינדרויסן, האָבן גענומען אויסזען ווי מיס־טעריעזע הרוגים, פון ערגעץ אַ ווייט היסטאַריש שלאַכטפעלד. בלויז אַ קאַץ אָדער אַ הינטל האָבן מיט זייער מיאַוקען און בילן דערציילט אַז דאָ נישט לאַנג צוריק איז געווען אַ וואַרעם לעבן...

אורקע האָט שוין געהאַט פאַרפּאַקט עטלעכע פּעק. ער איז צוגעגאַנגען זען וואָס זיין מיידעלע טוט ביי די באַקאַנטע. דערנאָך האָט ער גענומען וואַנדערן איבער דער חרוב־געוואָרענער וויטשעפּל־געגנט מיט די פּעק אין די הענט, ווי עס האָבן געטאָן פיל יידן און נישט־יידן.

אורקעס וועלט איז דאָ געלעגן אַ צעממיטטע.

אין סט. דזשיימס פּאַרק

אין לאָנדאָנער סט. דזשיימס־פּאַרק האָט געשמעקט מיט זומערדיקער לופט. ביימער און גראָזן האָבן צווישן זיך געשושקעט וועגן די ליבענישן וואָס עס קומט דאָ אָפּט פּאָר אויף דער שויס פון דער נאַטור ווו יונגע און עלטערע ענגלענדער, אויב זיי ווילן נישט זיין געשטערט און נאָכגעקוקט פון זייערע שכנים אָדער באַלעבאָסטעס, ווייזן זיי דאָ אַרויס זייערע צערטלעכקייטן צו דעם צווייטן מין...

אין דעם געוויינלעכן נאָכמיטאָג האָט מען קיין געליבטע נישט געזען אויפן גראָז. בלויז איינזאַמע געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן שפּאַצירט הין־און־צוריק איבער די שמאָלע געדרייטע סטעזשקעס, אָדער זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער קליינער באַחנטער בריק אינמיטן פּאַרק, צו אָבסער־ווירן די צענדליקער קאַטשקעס וואָס בעטלען ברויט ביי די ווייבער וואָס האָבן הנאה צו שפּייזן די באַשעפענישן. דאָ, אין שטילן פּאַרק האָט מען אויסגעמיטן דעם גערויש פון די לאָנדאָנער גאַסן און ביזנעס־וועלט; פון אַרומיקן טראַפּאַלגאַר־סקוועער ווו די אויטאָס יאָגן זיך אין אַ קאַראַהאָד, פון דער שיינער סטרענד, און עלעגאַנטער רידזשין־סטריט.

איך בין געזעסן און געלייענט דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף”. שוין צום וויפלטן מאָל ווי די מעשה מיט ראסקאָלניקאָוון האָט מיך געטאָן פאַראינטריגירן. דאָ, אין דעם קליינעם פּאַרק וואָס לויפט צו דעם בעקינגהעם־פּאַלאַץ פון דער ענגלישער קעניגלעכער פאַמיליע, און צו גרעסערע פּאַרקן, ווי גרין־פּאַרק מיט אירע הויכע גראָזן און ווייטער־צו צו הייד־פּאַרק מיט אירע שטענדערס און פרייהייט־רעדנער, איז די רוסישע סצענע מיט די רוסישע טיפּן געוווען מער אָנציענד און כמעט ווי מיך פאַרשלעפּט קיין רוסלאַנד...

די נאַטור אַרום וועלכע האָט געדאַרפט צונויפשטעלן ענגלישע סצענע, איז דערווייל אָנגעגאַנגען מיט איר שפּיל. בלומען האָבן געעפנט מיילכלעך און פייגל האָבן געזונגען, קאַטשקעס געפאַרבט אין פאַרשי־דענע קאָלירן האָבן געגומען שפּאַצירן איבערן וואַסער ווי אויף אַ גליטש און זון־שטראַלן האָבן געגלעט די קעפּלעך פון גראָז און אינזעקטן און פּאַסן פון גאָלד האָבן געגומען מיטשווימען מיט די קאַטשקעס, ביז דאָס געשפּרעך פונעם הויפּט־העלד פון בוך מיט דעם פּאָליציי־אויספאָר־שער האָט מיך ווידער געגעבן אַ שלעפּ אַריין האַסטיק קיין רוסלאַנד, און די ענגלישע פּאַנאָראַמע איז עפּעס ווי פאַרשוווּנדן...

*

ווען דאָס וועזן איז צוגעקומען, צוגעשווימען אָדער האָט צוגעשוועבט צו דער באַנק ווו איך בין געזעסן, ווייס איך נישט. איך האָב עפּעס דערשפּירט אַז מען זעצט זיך צו נישט ווייט פון מיר, ביי דער צווייטער עק באַנק; עס האָט געגעבן אַ שאָרך און אַ פליסטער וואָס נאָר גרינגע מיידלשע פיס קאָנען באַווייזן, און דאָס צווינגט שוין אַרויסצונעמען די אויגן פון בוך און אַ קוק געבן...

זי איז געווען יונג מיט אַ בלאַסער כמעט ווייסער הויט, שיינע פּנים־שטריכן, מיט שוואַרצע גרויסע אומשולדיקע אויגן און אַ קרוין פון געקרייזלטע שוואַרצע האָר אין וועלכע דאָס פּנימל איז געווען איינגעראָמט; זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ יאָר אַכצן אָדער ניינצן.

איז שוין באמת שווער צו לייקענען. איך כאַפּ אַ בליק איבער איר פיין־אַנטוויקלטן קערפּער און איך קאָן שוין מיינע אויגן מער נישט צוקלעפּן צום בוך...

זי, אָבער, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר מיינע זינדיקע מחשבות, האָלט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן און וויל נישט זען דעם שיינעם הימל, וואָס קומט זעלטן אַרויס אין לאָנדאָן אַזוי בלאָ. זי פאַרשטעלט איר פּנים מיט אירע ווייסע הענטלעך און נעמט גאָר, דאַכט מיר, שעפּטשען אַ תּפילה, ווי בשעת מעשה האָט איר בוזעם גענומען מיטזאָגן אָדער מיטפּרעפּלען.

צו וואָס, האָט איך גענומען טראַכטן, קומט אַזאַ מיידל אין אַ שוואַרץ קליידל און ווייסער בלוזקע תפילה טאָן אויף אַ באַנק אין סט. דזשיימס-פּאַרק און זעצט זיך גראַד אַוועק נעבן אַ מאַן, ווען אַזויפיל בענק זענען נישט באַזעצט? און טאַקע: ווען אַ קירכע איז נישט ווייט פון דעם פּאַרק? (אַ ידישע האָט זי נישט אויסגעזען צו זיין...).

לייג איך אַוועק דאָסטאָיעווסקין און איך וויל הערן, אויפכאַפּן אַ ברעקל וואָס זי שעפּטשעט צו זיך אַליין, פאַרשטעלט זיך נאָכמער איר פּנים און נעמט אונטערזיפצן ווי אַן אַלטע יידענע — עפּעס האָט איר ווי געטאָן.

האָט זיך ביי מיר גענומען דערוועקן מיטלייד און רחמנות צום „שוואַכערן מין". כ'האָב איר פּשוט געפרעגט וואָס איר איז, און אפשר קאָן איך איר מיט עפּעס העלפן.

האָט זי אַראָפּגענומען איין ווייס הענטל פון פּנים און געגעבן אַ קוק אויף מיר מיט אַ פאַרטרויערט און פאַרטריבט אויג. האָב איך גענומען בעטן זי זאָל אַראָפּנעמען די צווייטע האַנט, ווייל איך בין אין אַ שטימונג צו טאָן אַלץ פאַר איר. זי האָט אַרויסגענומען אַ שיין געהאַפטן ווייס טיכעלע פון איר שוואַרצן האַנט-בייטל וואָס זי האָט געהאַלטן אויף איר שויס און גענומען ווישן אמתע טרערן, וואָס זענען ווי פּערל געפאַלן אויף אירע באַקן, וועלכע זענען פון בלאַס געוואָרן עפּעס מיט איין מאָל אַ ביסעלע ראָזע... איצט, ווען זי איז געוואָרן פאַררויטלט, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מלאכל...

זי האָט זיך נענטער גענומען צורוקן צו מיר. (איך האָב נישט געוואָגט). עס איז מיר געוואָרן אַ ביסעלע הייס. איך בין געזעסן און געוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. די לופט אַרום, דאַכט מיר, די ביימער און גראָזן, האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן צוגלייך מיט מיר...

זי, אָבער, יאָגט זיך נישט. אַ קליינע דאַמע וואָס פאַרשטייט שוין אַז מען דאַרף דעם קאַוואַליר לאָזן אַ קאַפּיטשקע וואַרטן. זי האָט צורעכט געמאַכט אירע שיינע האָר. זי האָט אַ בליק געגעבן און אַליין באַוואונדערט אירע געטאָקטע פיסלעך אָנגעטוענע אין ניילאָן-זאָקן און אירע שיכלעך,

און מיטגעשלעפּט מײַנע אויגן. דערנאָך האָט זי מיך גענומען אָנקוקן מיט אַזױפיל גוטסקייט, אַז אַלע מײַנע זינדיקע געדאַנקען זענען אַנטלאָפן העט־ווײַט איבערן גאָרטן־צוים.

— אַלזאָ, זאָג שוין, וואָס איז געשען? — האָב איך בײַ איר געפרעגט שטיל. — פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריק און פאַרווײנט? אפשר וועל איך דיר קאָנען העלפן?

זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן, געקוקט מיר אין די אויגן, געפאָרשט און געבליבן שטיל. ניין! זי האָט עפּעס נישט געהאַט קיין צוטרוי צו מיר.

עס האָט קוים געדויערט נאָך אַ מינוט האָט זי מיך ווידער באַטראַכט און שטיל, גאָר שטיל, אַרויסגעמורמלט:

— ניין, איך קאָן דיר נישט זאָגן, דו ביסט פאַר מיר אַ פרעמדער. וועסט נישט פאַרשטיין.

— אַ פרעמדער? הײַנט, בשעת עס פאַלן באָמבעס אין ענגלאַנד, איז מען פרעמד? אפילו שטײַפע ענגלענדער נעמען ווערן פרײַנטלעך אײנער צום צווייטן; זײַ נישט קינדיש, דערצייל, — האָב איך צו איר גערעדט ווייך.

— אויב אַזוי וועל איך דיר אַלץ זאָגן — אַלץ דערציילן.

זי האָט ווידעראַמאָל אַרונטערגעלאָזט אירע שײנע אויגן צו דער ערד ווי אַ צנועה, און האָט אָנגעהויבן גאַנץ שטיל, נאָך שטילער ווי די בלעטער אויף די ביימער.

— איך האָב מורא צו גיין אַ היים.

איך האָב איר אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט, זי האָט מורא צו גיין אַ היים, זעקס פאַרנאַכט זומער־צײַט אין לאָנדאָן? און אַפילו צוועלף בײַנאַכט, דאַרף אַ מיידל מורא האָבן צו גיין אַ היים אין דער שטאָט?

— פאַרוואָס האָסטו מורא? צי וווינסטו ערגעץ אין אַ וואַלד?

— איך האָב מורא פאַר מײַן פאָטער. ער איז אַ שלעכטער און אַ כעסן. ווען ער ווערט אין כעס נעמט ער מיך שלאָגן אָן אַ אָפּשטעל.

דערבײַ האָט זי פאַרקרומט איר פּנימל און אויסגעדריקט לײַדן און שרעק. זי האָט ווידער אַרויסגעכאַפּט איר טיכעלע און גענומען גיסן מיט טרערן.

וואָס אַן אמת, בין איך געבליבן זיצן אַ געררירטער. אַזאַ שלעכטן טאַטן, האָב איך געטראַכט, וואָלט מען געדאַרפט דערציילן אַ מעשה. וואָס הייסט עס עפּעס: נעמען שלאָגן אַזאַ טעכטערל?

— אָבער פאַרוואָס וויל דיך דיין טאַטע שלאָגן? און דיין מאַמען שלאָגט ער אויך?

— ניין, איך האָב נישט קיין מאַמען.

איז זי גאָר אַ יתומה. דאַרף מען ערשט אויפסניי האָבן רחמנות און מיטלייד...

— אָבער פאַרוואָס? האָט דיין טאַטע נישט קיין אַנדער אַרבעט? וואָס אַזעלכעס האָסטו אָפּגעטאָן?

— נו, ווייסטו פאַרוואָס?

— ניין.

— דערפאַר, ווייל איך בין נישט אַהיימגעקומען שלאָפן.

— נישט אַהיימגעגאַנגען? ווו ביסטו געווען?

— איך בין גע־גע... — איך וועל דיר אַלץ זאָגן.

זי האָט ווידער גענומען באַטראַכטן און פאָרשן צי מ׳קאָן מיר געטרויען, און זי האָט דערציילט:

— נישט לאַנג צוריק האָב איך געשריבן תנאים מיט אַן אַמעריקאַנער פליער. איך וועל פאָרן צו אים קיין אַמעריקע. איך האָב ליב די אַמעריקאַ־נער; זיי זענען אַזוי לעבעדיק און לוסטיק; זיי מאַכן פריילעך און דער־ציילן געשיכטעס.

דאָ, וואָס אַן אמת, האָב איך איר נישט געוואָלט לאָזן מער רעדן. מיך, ווי אַ סך יונגעלייט אין ענגלאַנד, האָט אַ ביסל פאַרדראָסן פאַרוואָס אַן ענגליש מיידל רימט אַזויפיל די אַמעריקאַנער. פיל סקאַנדאַלן און אַפילו געשלעגן פלעגן פאָרקומען צולב דעם, ווייל די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין ענגלאַנד פלעגן וואַרפן מיט געלט, און צו זיי פלעגן קלעפּן די יונגע ענגלישע מיידלעך...

אַזוי ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען, האָט זי ווידעראַמאָל גענומען ווישן די טרערן און איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, אַ סוף, בליב נישט שטיין אינדערמיט — בין איך געוואָרן שטרענגער — דערצייל פּאַרוואָס דו האָסט מורא צו גיין אַ היים? ווו ביסטו געווען אַ גאַנצע נאַכט?

— וואַרט, וואַרט, איך וועל אַלץ דערציילן — דו וועסט פאַרשטיין, נישט אמת?

— נו, געוויס.

— איז נעכטן אָוונט, ווי איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט מיין יונג שוועס־טערל שפּאַצירן, האָב איך באַמערקט איינעם אַן אַמעריקאַנער, אינגאַנצן ענלעך צו מיין חתן! אַזאַ הויכער, אַ שיינער, אַ לוסטיקער און שיין אָנגע־טאָן — טאַקע אַ פליער! ער האָט צו מיר גענומען שמייכלען. ווייס איך נישט וואָס מיט מיר איז געשען: איך האָב אַהיימגעשיקט מיין שוועסטערל און בין געגאַנגען מיט אים פאַרברענגען. ער האָט מיך גענומען אויף פאַר־שידענע ערטער. מיר האָבן גוט פאַרבראַכט, און דערנאָך — דערנאָך האָט ער מיך גענומען אין אַזאַ גרויסן רייכן האָטעל — —

דאָ איז זי שטיל געבליבן און געקוקט אַראָפּ, שעמעוודיק, אָבער אַלץ נישט מיט קיין זינדיק פנים.

איך האָב זי גענומען באַטראַכטן מיט רחמנות און אַ ביסעלע מיט כעס. אַ ביסעלע פון איר חתנס כעס און איפּערזיכטיקייט איז אַריבער צו מיר; עפּעס ווי איך וואָלט איבערגענומען די אחריות און געדאַרפט נאָכקוקן צי זי בלייבט געטריי איר צוקונפטיקן מאַן...

— ביסטו, פאַרשטייט זיך, הונגעריק און דו ווילסט עסן!

— ניין, מיר האָבן מיט עטלעכע שעה צוריק געגעסן אַ געשמאַקן מיטאָג, איידער ער איז אָפּגעפאָרן פון לאָנדאָן.

דערביי האָט זי מיר אפילו גענומען דערציילן וואָס זי האָט געגעסן און זיך צעשמייכלט, ווייזנדיק אירע פּערלדיקע ציין.

— איז וואָס פאַרלאַנגסטו איצט פון מיר? — האָב איך געפרעגט גאַנץ קאַלט. עפּעס האָט מיר גענומען אויסווייזן אַז די גאַנצע זאַך גייט מיך נישט אָן. בין איך דען אַ היטער פון יענעמס מאָראַל צו וואָס?

— איך האָב געמיינט אַז דו ביסט אַ פיינער און גוטער מאַן, אַ דזשענ־

טלמאַן, — האָט זי גענומען רעדן צו מיר מיט אַ פּרעטענזיע. — דו וואָלסט מיר געקאָנט העלפן, אויב דו וואָלסט נאָר געוואָלט.

— וויאַזוי? — ווער איך נייגעריק.

— איך מוז זאָגן מיין פאָטער, אַז איך בין ביי עמיצן געשלאָפן, פאַרבראַכט די נאַכט — פאַרשטייסט?

— וואָס? — האָב איך מיך געגעבן אַ כאַפּ, — דו ווילסט זאָגן אַז דו האָסט די נאַכט פאַרבראַכט מיט מיר?...

— ניין, — האָט זי געענטפערט מיט אַ ראַפינירט שמייכעלע, — איך אַרבעט ביי שניידעריי, איך בין אַ האַנט-נייערין, וואָלסטו געקאָנט זאָג אַז איך אַרבעט מיט דיינער אַ שוועסטער, און אַז איך בין געשלאָפן ביי אייך מיט דיין שוועסטער, און איצט ברענגסטו מיך אַ היים — פאַרשטייסט?

איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. אַזוי פלינק צו באַאַרבעטן אַ געשיכטע? דאָס אַלץ קאָן טאָן אַזאַ אומשולדיק יונג פּנימל? קאָן זיין אַז דאָס איז נישט צום ערשטן מאָל ווי זי אַרבעט אויס אַזעלכע פּלענער...

— ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל מיט דיר אַהיימפאָרן און שווערן פאַר דיין טאַטן אַז דו ביסט געשלאָפן מיט מיינער אַ שוועסטער?

— יאָ, יאָ! — האָט זי געזאָגט מיט פרייד און זיך נענטער געשאַרט צו מיר. דערביי האָט זי גענומען שילדערן וויאַזוי איר טאַטע, וועלכער שטאַמט פון איטאַליע, נעמט אַרונטער זיין פּאַס פון די הויזן און שלאָגט איר אָן אָפּשטעל.

ניין, עס האָט מיך שוין נישט גערירט.

— דאָס ערשטע, מיין טייערע, האָב איך דאָ נישט קיין שוועסטער. צווייטנס, וואָס וועט טאָקע זיין אַז דיין פאָטער וועט מיר נישט גלויבן און וועט זיך כאַפּן צו מיר?

— אָה! געוויס נישט. צו אַ מאַן כאַפּט ער זיך נישט שלאָגן; ער שוינט בלויז נישט קיין פרויען.

אַ מינוט האָבן מיר ביידע געשוויגן. אָבער זי האָט באַלד אָנגעהויבן:

— איך בעט דיך, זיי אַ גוטער, העלף מיר אַרויס. איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך וועל דיר אַמאָל אויך טאָן אַ טובה.

נו, יאָ, האָב איך געטראַכט: דאָ טוט זי טובות אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און איצט זאָגט זי מיר צו אַ טובה...

דערווייל איז דער דרויסן געוואָרן איבערגעדעקט מיט שוואַרצקייט. אין סט. דזשיימס־פּאַרק האָט מען מער נישט אַרויסגעזען קיין בוים און נישט געהערט די קאַטשקעס אין וואַסער; די נאַטור אַרום האָט אויסגע־הערט איר געשיכטע און געגאַנגען שלאָפן.

זי איז אָבער פון מיר נישט אָפּגעטראָטן. מיר שפּאַצירן שוין ביי פּיקאַדיללי־געגנט און איך זע פיל אַזעלכע שיינע יונגע מיידלעך מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. איך קוק זיי נאָך און איך וואָלט געוואָלט וויסן וואָס זיי וועלן זאָגן זייערע טאַטעס... זי אָבער, האָט געקוקט אויף די מיידלעך מיט שנאה; זי האָט נישט געקאָנט פאַרגינען זייער לוסטיקייט און, אפשר, ווער ווייסט — אפשר האָבן זיי בכלל נישט קיין טאַטעס פאַר וועלכע מ׳דאַרף אָפּגעבן חשבון...

*

אין דער אונטערגרונט־באַן וואָס האָט געפירט צו איר געגנט ערגעץ הינטער לאָנדאָן, האָט זי זיך שטאַרק געטוליעט צו מיר. מענטשן האָבן געמיינט אַז דאָ טוליעט זיך אַ געליבטע צו אַ געליבטן.

ביי דער האַלב־באַלויכטענער גאַס מיט נידעריקע איינשטאָקיקע הייז־קעס, ווו זי האָט געוווינט, האָט זי מיך אַנגענומען ביי דער האַנט און ממש מיט פרייד מיך געשלעפּט צו איר טאַטן אין שטוב אַריין, אָבער מיינע פיס, ווי עס וואָלט געקומען אַ וואַרעוונג פון קאָפּ, האָבן נישט געוואָלט גיין.

וואָס טו איך, האָב איך ביי מיר געטראַכט, אויב די ליגנערישע מויד דרייט אויס: אַנשטאָט צו זאָגן אַז מיט מיינער אַ שוועסטער, זאָגט זי, אַז איך האָב זי פאַרשלעפּט צו מיר אין צימער און זי האָט ביי מיר פאַרבראַכט די נאַכט? וויאַזוי קאָן איך אָפּלייקענען אַזאַ געשיכטע, אויב איר וועט פאַרגלוסטן גאַר מיך פאַר אַ חתן?

זי האָט מיך געשלעפּט, געבעטן און געריסן ביי די פּאָלעס. מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען און געזען ווי אַ מיידל שלעפּט און בעט זיך ביי אַ

בחור ער זאָל גיין צו איר טאַטן אין שטוב אַריין, אָבער דער בחור רירט זיך נישט פון אָרט...

— קום, מיין טייערער, האָסט צוגעזאָגט צו העלפן, זיי נישט אַזוי געמיין!

— יאָ, אָבער —

איך האָב זיך דערמאָנט אין דאָסטאָיעווסקיס בוך אונטער מיין אָרעם און איך האָב באַשלאָסן אַז די מויד איז ווערט אַ שטראָף. איך האָב זיך פון איר אַרויסגעריסן און געזאָגט „אַ גוטע נאַכט!״.

זי האָט נישט געענטפערט און מיט מידע נישט־דעצידירטע טריט צוגעגאַנגען צו אַ הויז אַ ביסעלע ווייטער און איז פאַרשוווּנדן.

דער פריידענקער

זלמן האָט פיינט געהאַט גאָט. פעסטשטעלן אַז ס׳איז קיין גאָט נישטאָ, האָט ער נישט געקאָנט; ער פלעגט הייסן באַווייזן אַז ס׳איז יאָ דאָ אַ גאָט.

קיינער אין זיין פאַמיליע, נישט זיין טאַטע, זיין מאַמע און נישט זיינע ברידער און שוועסטער זענען געווען קעגן גאָט. זיין פאַמיליע איז גראָד געווען אַ גאָטספאָרכטיקע, ווי פיל יידישע פאַמיליעס אין וואַרשע, אָבער זלמן האָט געוואָלט זיין אַן אויסנאַם — אַ פריידענקער.

שוין מיט זיין אויסזען איז ער באַלד אַרויסגעקומען אַנדערש. זיין גאַנצע פאַמיליע איז געווען פון מיטעלן וווקס, מיט יידישע ווייך־מילדע אויגן און מיט טונקעלע האָר. און זלמן: אַ לענגלעך פנים, שאַרף־גראָע אויגן, אַ געלן קאָפּ האָר, און דערצו אַ פּאָר הויכע פיס. אַלע פון זיין משפחה האָבן געמוזט צו אים אַרויפקוקן.

נישט סתם אַ פריידענקער: — נאָר די בורזשואַזיע קאָן זיך דערלויבן צו דענקען פריי — פלעגט ער זאָגן — אַ סאָציאַליסט מוז קעמפן קעגן רעליגיע, ווייל רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק (דאָס האָט ער געגנאַשט פון קאַרל מאַרקס).

האָט ער טאַקע פאַרשאַפט פיל ליידן זיין פרומער משפחה. שפּעטער, ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט צו זיינעם אַ פעטער, אַ דימענטן־פאַבריקאַנט אין בעלגיע, האָט זלמן גענומען אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון זיין פעטערס פאַבריק און פאַר זיי געפּרעדיקט אַטעאיזם.

אין דער מלחמה, בשעת די היטלעריסטישע אַרמיי האָט פאַרנומען בעלגיע, האָט זיך זלמן געראַטעוועט קיין ענגלאַנד, ווו ער האָט אויסגעמיטן דעם גורל פון מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן, דעם גורל פון זיינע פאַמיליע־מענטשן, וועלכע זענען געבליבן אין וואַרשעווער געטאָ, און זלמן האָט נישט געהערט פון זיי...

האָט ער אפשר געדאַרפט דאַנקען גאָט פאַר אויסמיידן און ניצול ווערן פון טויט, אָבער נישט זלמן. ער איז גאָר אַרויסגעקומען צו גאָט, אין וועלכן ער האָט נישט געגלויבט, מיט האַרבע טענות און פּרעטענסיעס: אויב גאָט קען זיין אַזאַ פּלאַנירער, אָדער רואיק צוקוקן ווי מען שעכט אומשולדיקע מענטשן, אויב היטלער קאָן ביי אים מער פועלן ווי אַלע אַלע פרומע יידן, איז גאָט — אויב ער איז בכלל דאָ — אויף דער זייט פון שלעכטס, און ערשט קעגן אַזאַ גאָט, ווי קעגן קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם, וואָס גרייטן צו מלחמות צוליב עקאָנאָמישער קאָנקורענץ און ראַסן־פּאָליטיק, מוז מען ערשט קעמפן.

זלמן איז נישט געווען פון די, וואָס רעדן און טוען גאָרנישט. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין ענגלאַנד, האָט ער נישט געזוכט ערגעץ צו אַרבעטן ביי בריליאַנטן וואָס זיין פעטער, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט אים, האָט אים געוואָלט איינאָרדנען; זלמן איז פרייוויליק אַריין דינען אין דער ענגלישער אַרמיי, כדי צו העלפן שלאָגן דעם פאַשיזם. דערנאָך, האָט ער געטראַכט, וועט מען אויך דאַרפן שלאָגן דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם.

צווישן די ענגלישע סאָלדאַטן האָט ער זיך געפילט פיל בעסער, ווי מיט זיינע באַקאַנטע אין דער פוילישער אַרמיי. ער האָט מיט די רעשטלעך געראַטעוועטע פּאָליאַקן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין ענגלאַנד און האָבן גערופן פוילישע בירגער זאָלן צו זיי אַריינטרעטן, האָט ער נישט געוואָלט האָבן צו טאָן. צו גוט האָט ער געקענט דעם כאַראַקטער פון די אַנטיסעמיטישע פירער און די געוויינלעכע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט זייער פאַנאַטישן קאַטאָליציזם אויסגעדריקט שנאה און גיפט צו יידן, אַפילו ווען מיליאָנען יידן אין פוילן, ווי יעזוס אַמאָל, זענען איצט געווען געקרייציקטע. אדרבה, ער איז געווען צופרידן, ווען צענדליקער יידן זענען אַרויס פון דער פוילישער אַרמיי און אַריין אין דער בריטישער. ער האָט געהאַלטן די פּאָליאַקן פאַר נישט ווינציקער שולדיק אין יידן־אויסראָטונג, ווי די דייטשן. הגם דער קאַפּיטאַליזם און די הערשנדיקע רעליגיע איןביידע לענדער זענען געווען פאַרשידנאַרטיק.

*

אָפּקומען בלויז מיט אַרבעטן ביי „האַק־האַק״־קאַנאַנען, וואָס האָבן געשאָסן צו די דייטשישע עראָפּלאַנען ווען זיי פלעגן זיך באַווייזן איבער דעם בריטישן הימל, אָדער מיט אויפקלערן די ענגלישע סאָלדאַטקעס נעבן אים, אין צעבראָכענעם ענגליש, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, איז נישט געווען געָנוג פאַר זלמנען. לעבן בלויז מיט האַס, אָן ליבע, איז פאַר אַ יונגנמאַן פון אַכט־און־צוואַנציק יאָר, נישט לייכט. ער האָט געזוכט אַ מיידל כדי אויסצודריקן די צווייטע זייט פון זיין כאַראַקטער. מיט שטענדיקן האַס האָט ער נישט געקאָנט לעבן.

איז ער געקומען אין קלובן און אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל איינגע־אָרדנטע פאַר סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס ווען זיי קומען אויף אורלויב קיין לאָנדאָן. ער האָט אָנגעטראָפן גענוג פרויען, וועלכע זענען צוגעפאַלן צו יעדן אוניפאָרם, ספּעציעל ווען דער סאָלדאַט איז געווען אַ הויכער. ער האָט געוואָלט אָפּזוכן אַן אָנשטענדיק מיידל כדי צו האָבן מיט וועמען צו פאַרברענגען, אָדער אפשר חתונה האָבן נאָך דער מלחמה; עפּעס אַ יידיש מיידל וואָס זאָל האָבן אַ ביסעלע חן און וואָס זאָל וואַרטן אויף אים (ווי פריידענקעריש ער איז געווען האָט ער אַלץ מורא געהאַט זיך צו פאַר־בינדן מיט אַ נישט־יידישער...). אויב עס גייט אין דעם, איז ער גרייט געווען זיך צו פאַרשרייבן אַלס מאַן־און־ווייב איידער די מלחמה ווערט פאַרענדיקט. מ׳ווייסט בכלל נישט וויאַזוי די מלחמה וועט זיך ענדיקן און צי ער וועט זי איבערלעבן! צו וואָס אַזויפיל אַריינטראַכטן?

יידישע מיידלעך פון דערהיים, האָט זלמן געוווּסט, וועט ער נישט געפינען. אַזעלכע זענען געווען געציילטע אויף די פינגער אין ענגלאַנד. וויאַזוי מען קומט צו אַן ענגליש־יידיש מיידל, וועלכע איז נישט אין דער אַרמיי און וועלכע האָט אַ שטיקל קוק, האָט זלמן נישט געוווּסט. צו די יידישע פאַמיליעס, ווו ער איז געווען איינגעלאַדן אויף אַ יום־טוב, האָט ער געטראָפן אָדער יונגע, גאָר יונגעטשקע מיידעלעך, אָדער מיידן, גרויסע גראָבע, פליישיקע, מיט צען אָדער פופצן יאָר עלטער פון אים. ער האָט

שוין געוואָלט טאָן וואָס אַלע סאָלדאַטן טוען: אויפּכאַפּן אויף דערווייל זיך אָנשיכורן און פאַרגעסן; אויף דערווייל מעג זיין אַ נישט־יידישע...

איינמאָל, זייענדיק אויף אורלויב, איז ער אַ זונטיק פאַרנאַכט דורכ־געגאַנגען אַ שטילע גאַס אין דער בירגערלעכער קענסינגטאָן־געגנט פון לאָנדאָן און ער האָט באַמערקט פיל פנימער פון פּליטים: מיטליאָריקע מענער און פרויען און צווישן זיי אויך ייִנגערע, האָבן צווישן זיך גערעדט טשעכיש, פּויליש און יידיש. מען איז געזעסן איבער טעלערס היימישע זופּן, געהאַקטע פליישן און געטראַנקן. די היימישקייט פון אייראָפּעיִשע מענטשן מיט יידישע פנימער האָט אים פּשוט אַריינגעשלעפּט אין קלוב אַריין. ער האָט באַטראַכט די בילדער פון מאַסאַריק און בענעש אויבן אָן און פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַ טשעכישער קלוב פון טשעכישע פּלי־טים. ער האָט אָפּגעגעסן אָוונטברויט און גענומען זיך פילן שטאַרק באַקוועם צווישן די טשעכן. וויפל ער זאָל פיינט האָבן פּאָליאַקן פאַר זייער רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אַנטיסעמיטיזם, האָט ער דאָך געפילט, אַז אים בינדט עפּעס מער מיט די סלאַווישע טיפּן פון פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, ווי מיט די קאַלטע ענגלענדער, בפרט מיט יידן פון די דאָזיקע לענדער.

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער באַמערקט אַ חנוודיק מיידל פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, זיצן אין אַ ווינקל. זי האָט געהאַט אַ קורץ־געשוירן קעפּל מיט שוואַרצע האָר און אַ שפּיציק דין נעזל, אויגן פון ביר־קאָליר — וואָרעמע.

נישט לאַנג געטראַכט, ווי ער האָט געלערנט פון די סאָלדאַטן, אַז מען דאַרף זיך נישט שעמען און צוגרייטן, איז ער באַלד געשטאַנען נעבן דער פריילין און געפרעגט צי מ׳קען זיך זעצן נעבן איר. זי האָט אים אויף שנעל באַטראַכט און געענטפערט: — „אויב איר ווילט״.

ער האָט איר פאַרבעטן און זי האָט זיך געלאָזט פירן צום צווייטן צימער, וווּ פאַרלעך האָבן געטאַנצט ביי די קלאַנגען פון אַ גראַמאָפאָן. ער איז שוין פון דער חנעוודיקער מויד נישט אָפּגעטראָטן...

דעם גאַנצן אָוונט האָט ער מער קיינעם נישט געזען. ער האָט געברענגט צו טרונקען און אויסגעפרעגט צי ווער פון איר משפחה איז

געבליבן לעבן און וואָס זי טוט אין לאָנדאָן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל און אַז אירע עלטערן, וועלכע לעבן נישט מער, זענען געווען פון דייטש־יידישן אָפּשטאַם.

*

אַזוי יעדן פאַרנאַכט. אַלע צען טעג פון זיין אורלויב האָט ער פאַרבראַכט מיט גרעטאַן. ער פלעגט שטיין ביים שפּיטאָל־טויער און איר אָפּוואַרטן. ער איז מיט איר אויסגעוועון אַלע שיינע פּלעצער, אין קינאָ, אין בעסערע רעסטאָראַנען. די צוויי יונגע מענטשן האָבן געפילט, ווי זיי נייטיקן זיך איינער אין צווייטן. באַזונדערס גרעטאַ, וועלכע איז געווען מער סענטימענטאַל פאַר אים, און פלעגט אים אַלע טאָג דערציילן, ווי אירע טאַטע־מאַמע, רייכע מענטשן אין בראַטיסלאַווע, האָבן איר ליב געהאַט.

אויך ער פלעגט רעדן וועגן זיינע עלטערן, וועגן זיינע ברידער און שוועסטער. ער האָט געהאָפט, אַז כאָטש עמיצער פון זיי איז לעבן־געבליבן אינעם וואַרשעווער געטאָ. אָבער איצט, ווען דער געטאָ איז אַזוי מוראדיק פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידישע איינוווינער, צי איז כאָטש איינער פון זיין משפחה דאָ צווישן די געראַטעוועטע ?

ער האָט איר דערציילט, אַז מ׳וועט אים אינגיכן איבערשיקן אין אַן אַנדערער דיוויזיע, פון די וואָס גרייטן צו דעם „צווייטן פראָנט” אין אייראָפּע, און אַז ער האָפט מיט זיינע הענט אָוועקלייגן פיל דייטשן.

דעם לעצטן טאָג, דעם צענטן טאָג פון זיין אורלויב, איז ער מיט איר געזעסן אין רידזשינס־פּאַרק. זי האָט ספּעציעל געבעטן אַ טאָג פריי פון שפּיטאָל־אַרבעט, כדי זי זאָל קענען זיין צוזאַמען מיט אים דעם גאַנצן טאָג. דאָ, צווישן די בלומען און געוויקסן, צווישן שטילקייט און שיינקייט, וואָס נאָר אין אַן ענגלישן פּאַרק קאָן מען עס געפונען, האָט ער איר פיל געקושט און ביי זיך געטראַכט, אַז גרעטאַ וועט אויף אים וואַרטן און וועט בלייבן זיין לעבנס־באַגלייטערין. נאָר אַזאַ צאַרט און מיטפילנדיק מיידל, הגם נישט קיין פּוילישע, פון וואַרשע, איז גוט פאַר אים.

זי האָט זיך אַ מינוט באַפרייט פון זיינע שטאַרקע אָרעמס און אים גאָר פלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— זלמן, קענסטו דעם נייעם טעסטאַמענט?

ער האָט איר אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט פלוצלונג משוגע געוואָרן.

— צו וואָס דאַרף איך קענען דעם נייעם טעסטאַמענט? איך ווייס נישט, אַז יעזוס איז געווען עפּעס אַ רבי׳לע, וועלכער האָט ווידערשפּעניקט עפּעס פון דער יידישער תורה, און אַ וועלט מיט גויים האָבן פון אים געמאַכט אַ גאָט?

— אָבער איך וויל וויסן, צי דו האָסט אַמאָל געלייענט דעם נייעם טעסטאַמענט? — האָט זי געפרעגט צאַרט און איידל.

— ניין, מיין טייערע. איך האָב נאָר געלייענט רענאַנ׳ס ווערק וועגן יעזוסן. ער איז אַ גוטער שרייבער. און בכלל, צו וואָס זאָל איך לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז איך וויל דעם אַלטן פאַרגעסן.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך געכאַפּט און צוגעגעבן:

— דו ווייסט, מיין טייערע, איך בין אַ פריידענקער. איך בין איבערצייגט, אַז אַלע רעליגיעס טויגן אויף כפּרות. איך האַלט פון היינריך היינעס ווערטל: „דער רב און דער גלח, עס שמעקט פון ביידע נישט”.

זי האָט אים אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער בראָקט אַזויפיל וועגן רענאַן און היינע. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער פאַרשטייט עפּעס פון נייעם טעסטאַמענט.

ער אָבער, ווען מ׳האָט שוין אַרויפגעבראַכט די טעמע פון רעליגיע, האָט שוין נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט איר גענומען דערציילן אַ מעשה:

— האָסט אפשר געהערט וועגן די יידישע מיסיאָנערן? איך ווייס נישט, צי איר האָט די מיאוסע פאַרשוינען אין טשעכאָסלאָוואַקיע; זיי האַנדלען מיט גאָט, די פאַרקויפטע פאַרשוינען, און ווילן כאַפּן יידישע נשמות. פיל רייכע גוים צאָלן זיי דערפאַר.

אַלזאָ, דאָ נישט לאַנג צוריק, ווען איך בין געווען אויף אורלויב, האָט מיך איינער אַזאַ פאַרשוין מיט אַ פראַנצעוואַט פּנים, אַריינגערוקט

אַ נייעם טעסטאַמענט אויף יידיש. איך נעם לייענען די ניסים און וואָס עס זאָגן די אַפּאָסטאָלן וועגן יידן, אַז זיי האָבן אומגעבראַכט גאָטס זון, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. עס האָט מיך גענומען צום ברעכן, האָב איך עס אַריינגעוואָרפן אין רינשטאָק.

— וואָס רעדסטו?! — האָט זי געפרעגט מיט שטוינונג — ווייסטו דען נישט, אַז יעזוס, דער האַר, האָט זיך מקריב געווען פאַר מיר, פאַר דיר און פאַר אַלעמען?

— וואָס? ביסט געכאַפּט אויף דער מעשה! — האָט ער גענומען גלאַצן. — מקריב געווען פאַר וועמען? און די שפּאַנישע אינקוויזיציע איז דיר קנאַפּ? און די פּאָגראָמען, און די מיליאָנען יידן וואָס מען הערט נישט מער פון זיי, מיינע און דיינע — אַלע!

— און אַלע פרייהייט־קעמפער! אַלע, אַלע געקרייציקטע! וואָס פאַר־קריכסטו עפּעס, דו, אַ יידיש מיידל, צו יעזוסן, זיין בלוט און נאָך אַזעלכע זאַכן — ביסטו פון זינען אַראָפּ?

זלמן האָט זיך צעקאָכט און איז אַלע מינוט אויפגעשטאַנען פון באַנק. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און געזוכט ווערטער.

—— אָבער, דו פאַרשטייסט נישט, מיין טייערער; ווען דו וואָלסט ריכטיק איבערגעלייענט דעם נייעם טעסטאַמענט און פאַרשטאַנען, וואָל־סטו געפילט ווי איך פיל, דעריבער בין איך אַ יידישע־קריסטין.

— וואָס, וואָס מיינסטו דערמיט? האָסט זיך געשמדט?!

— נו, יאָ, איך בין איבערגעגאַנגען צום קריסטלעכן גלויבן — וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? —

— וואָס? האָסט זיך געשמדט און אַוועק פון יידישן פאָלק?

ער האָט זיך פון איר אָפּגערוקט.

*

די מעשה וויאַזוי זי איז אָנגעקומען קיין ענגלאַנד און איינגעשטאַנען ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע ערגעץ אויף דער פּראָווינץ, ווו זיי זענען צו איר, אַ יונג מיידל, אַ פּליכטלינג, געווען גוט, ווי זיי האָבן איר אָפּגע־

היטן בשעת זי איז געווען קראַנק, ווי מ׳האָט זי מיטגענומען אין קירכע און דערנאָך געגעבן צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט; די מעשה האָט זלמן נישט אויסגעהערט. זי האָט שוין געהאַלטן ווי מ׳האָט איר באַשפּריצט מיט וואַסער. אָבער ער איז אַלץ געזעסן אַ ביסעלע אָפּגערוקט פון איר. אים האָט בכלל נישט פאַראינטערעסירט די שמד־צערעמאָניע. ער האָט נישט געוווּסט צי ער דאַרף האָבן מיטלייד מיט איר אָדער איר פיינט האָבן.

בשעת די נאַכט האָט גענומען נידערן און איבערדעקן גראָזן און בלומען אין רידזשינס־פּאַרק, ווען די פייגל זענען ערגעצוו אַנטלאָפן און דער אַרום איז געווען פאַרהילט מיט טויזנטער מיסטעריעזע שיינקייטן, איז די צאַרטע גרעטאַ געבליבן מיט יעזוסן. זלמן האָט אויף איר געגעבן אַ לעצטן קוק, אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי פּרעפּלט עפּעס און זי וועט זיך באַלד אַרונטערלאָזן אויף די קני פאַר איר גאָט פון נייעם טעסטאַמענט. ער איז אַוועק כאַפּן אַ באַן צוריק צו זיין אַרמיי־דינסט.

אַ גאַנצן וועג, פאַרטאָן אין געדאַנקען, האָט ער געפילט ווי מען האָט אים אָפּגענאַרט; אויף איין מינוט נישט געטראַזט אַז גרעטאַן האָט מען פיל מער אָפּגענאַרט...

אַ שוואַכקייט צו שרייבער

קאַללינס שויפענצטער אין מאָרטימער־סטריט שטעלט נישט אַרויס קיין צירונג אָדער אַנדערע חפצים; אַ געוויינלעך פענצטער ערגעץ אין אַ געסל צווישן פיל גאַסן וואָס זענען פאַררוקט אונטער דעם רייכן אָקספאָרד און שיינער רידזשינט־סטריט אין דער וועסט־ענד. דאָך קאָן מען דאָ טרעפן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר פיל מער צושויער און אַריינקוקער צו די קוויטעלעך, וואָס שרייען אַרויס „פּרעסערס, מאַשינערס און שניידערס פאַרלאַנגט״, ווי ביי אַנדערע שיינע, פיל שענערע געשעפט־פענצטער.

צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן דורכצובליקן די פאַר־שידענע „מ׳פאַרלאַנגט״־צעטלעך, איז געווען שלום. אַ יונגערמאַן אַ דראָב־נינקער, מיט ברילן אויף אַ דאַר נעזל, אַ הויכער שטערן און עטלעכע פאַרבליבענע בלאָנדע הערעלעך אויף זיין אָפּגעדעקטן קאָפּ. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל קעגנאיבער דעם „פּרנסה״־פענצטער, און מיט זיינע מילד־בלויע אויגן גענומען דורכלויפן איבער אַ יידישע צייטונג. אַלע ווילע האָט שלום געבליקט צו דעם פענצטער; טאָמער אַמאָל באַוויזט זיך אַ מייסטער וואָס זוכט אַן אַרבעטער; אַ מאַשינער, אַ פּרעסער וואָס זוכט אַ שניידער צו זיך אין פאַבריק — שלום האָט געדאַרפט אַ פּאָסטן ווי איינער דאַרף לעבן.

— איז עפּעס דאָ אַ ראָמאַן פון מיין פעטער, אין דער יידישער צייטונג? — פרעגט איינער אין האַלב־יידיש און האַלב־ענגליש, און דער פרעמד־צוגעקומענער — אַ פעסט־געבויטער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק — נעמט ווערן גאָר היימיש, שמייכלט, פרייט זיך מיט שלומען, ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינד.

— וואָס, ווער איז אייער פעטער? — פרעגט שלום, און באַטראַכט דעם צוגעקומענעם וואָס מאַכט נישט קיין סימפּאַטישן איינדרוק מיט זיין

פעסטן קאַרק, רויטער מאָרדע און נידעריקן שטערן מיט צווי צונויפגעוואַקסענע ברעמען איבער קליינע אומזיכערע אייגעלעך.

— מסתמא א פּרעסער, — טראַכט ביי זיך שלום. — אַט דער פּאַרשוין מיט אַזעלכע פּלייצעס און אַזאַ זעלנערישן גאַנג — האָט גאָר אַ פּעטער אַ שרייבער?

— קיינמאָל נישט געהערט פון מיין פעטער חיים קרוינבאַרג, וואָס שרייבט גרויסע יידישע ראָמאַנען?

— וואָס, חיים קרוינבאַרג?! — גיט שלום אַ פרעג מיט פאַרוואונדערונג, און טראַכט: איז דאָס מעגלעך אַז דער, אָ, דער, מיט אַזעלכע ידים, אַז זיין פעטער זאָל זיין דער באַרימטער שרייבער פון „בעסאַראַבער ווילדע יונגען" און פון „נאַטע באַלעגאָלע" — איז דאָס מעגלעך?

— אַ קשיא, צי איך האָב געהערט פון קרוינבאַרגן, ער איז דאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן, פון טשערנאָוויץ. ווער ביי אונדז אין טשערנאָוויץ קען אים נישט; ווער בכלל, וואָס האָט אַ ידיעה אין יידישער ליטעראַטור קען נישט איינעם פון אונדזערע גרעסטע שרייבער, קרוינבאַרג?

דער שניידער שלום האָט גאָר אַנדערש גענומען קוקן אויף דעם פּרעסער. ער האָט אים פאַרבעטן צו כאַפּן אַ טרונק טיי אין אַ דערבייאיקן קאַפע־הויז, און ער האָט פאַר סאַללין גענומען דערציילן די גרויסקייט און טיפקייט פון סאַלליס פעטער דעם שרייבער. ער האָט אַלעמאָל אַרויפגערוקט די ברילן וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן פון דער נאָז, און אויפגעוויזן די ווירקונג וואָס חיים קרוינבאַרג האָט אויף אים געהאָט בשעת ער, שלום, איז נאָך געווען אַ ישיבה־בחור, איידער ער איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין ענגלאַנד, און געמוזט ווערן אַ שניידער.

ווי דער פרעסער האָט זיך גענומען פילן אַ ביסעלע יחוסדיקער מיט אַזאַ פעטער, האָט ער דערווייל געהאַלטן אין איין שלינגען שטיקער געשניטן ברויט איבערגעלייגט מיט פליישׁ, און פאַרטרונקען מיט טעפּעלעך טיי.

עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע מינוטן און דער פרעסער סאַללי, וואָס האָט זיך געפילט גליקלעך מיט זיין טאַלענטירטן פעטער, גיט אַ זאָג:

— ער מאַכט מיליאָנען, לעבט אין ווילטאָג, אָבער אין אונדז, אין זיין שוועסטערס קינדער, האָט ער פאַרגעסן — ער וויל בכלל נישט וויסן פון זיין משפחה.

איך דאַרף זוכן אַרבעט, כ׳האָב אַ ווייב מיט אַ קינד און אַ צווייט קינד האַלט ביים קומען, און ער? — דער אוממענטש דער!...

דערביי נעמען זיינע פויסטן זיך ביילן, זיין רויט פּנים ווערט איין שטיק פלאַם. עס זעט אויס דראָענד ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף שלומען, און שרייט אויס:

— אַ שרייבער איז ער? — אַן אוממענטש!

— אָבער, — פּרובירט אים שלום באַרואיקן, — ער איז נאָך נישט קיין מיליאָנער. ער האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון אונטער די נאַצי־הענט, און קאָן איצט נישט קלערן וועגן זיין שוועסטער זון.

— אָבער איך מיין פון פריער, פריער! — שרייט סאָללי. — ער האָט אויף אונדזערע בריוו קיינמאָל נישט געענטפערט, דער אוממענטש, דער!...

— ער איז שוין גראָד יאָ אַ מענטש, מיט אַ גרויסן טאַלאַנט, מער נישט וואָס ער איז פאַרנומען; ער האָט אַזויפיל זאַכן אין זינען, און אים איז שווער צו זאָרגן פאַר זיין משפחה — פאַרשטייסט?

און שלום זעצט פאָר:

— אַ שרייבער איז נישט קיין קליינינקייט. דערצו אַ גרויסער שרייבער, איז געוויס נישט קיין קליינינקייט — וואָס מיינסטו עס איז אָפּצופרעסן אַ דאַמען־מאַנטל?

דערביי האָט שלום שטילערהייט געטראַכט: אפשר אַמאָל איז פאַרט דאָ אַ שייכות צווישן אָט דעם גראָבן פאַרשוין און זיין פעטער דעם שרייבער? אמת, ער קען זיין פעטער פון דער ליטעראַטור; ער שרייבט שיין און פאָלקסטימלעך, אָבער זיין כאַראַקטער — צי קען איך זיין מענטש־לעכקייט?

— ווייסטו וואָס? פויל זיך נישט און שרייב גלייך אויפן אַדרעס פון יידישן „פאָלקסבלאַט" אין אַמעריקע, וווּ דיין פעטער דרוקט זיינע ראָמאַ־

נען, ער וועט דיר זיכער ענטפערן. פֿאַרגיב אים, דו מוזט אים פֿאַרגעבן — דיין פעטער איז אַ גרויסער טאַלאַנט, פֿאַר אַזעלכן מוז מען דרך ארץ האָבן, דו הערסט?

אַזוי האָט שלום אַריינגערעדט אין פּרעסערס האַלב פֿאַרשעמט פּנים, און דערביי האָט ביי שלומען געאַרבעט אַ שקאַצעוואַטער געדאַנק: איינ־טערעסאַנט צו פֿאַרבינדן דעם שרייבער קרוינבאַרג מיט איינעם פֿון זיינע לעבעדיקע העלדן...

ביים געזעגענען זיך איז דער פּרעסער סאַללי אַוועק מיט אַזוי פיל רעספּעקט פֿאַר זיין פעטער, אַז ער האָט געבעטן ביי שלומען ער זאָל אים פֿאַרשאַפֿן עפּעס צו לייענען פֿון זיין פעטערס ראָמאַנען.

— הלוואי וואָלט איך געקענט יידיש, איך וואָלט פֿאַר מיין ווייב פֿאַר־געלייענט מיין פעטערס שרייבעריי, וואָלט זי געזען ווער ער איז — זע, פֿאַרשאַף מיר אַ בוך אין ענגליש — האָט זיך דער פּרעסער געבעטן ביים שניידער.

אַ צווייט מאָל, טרעפֿנדיק איינער דעם צווייטן ביים זעלבן שויפֿענצ־טער, זענען די צוויי ניי־געבאַקענע קאָלעגן געוואָרן נאָך היימישער. דער פּרעסער האָט באַדויערט וואָס דער „גרינער" שניידער האָט נישט קיינעם אין ענגלאַנד — ער האָט שלומען איינגעלאַדן ער זאָל אים באַזוכן ערגעץ הינטער לאָנדאָן, כדי ער זאָל זען ווי ער לעבט מיט זיין פֿרוי און קינד.

— ווייסטו וואָס, — גיט ער דערנאָך אַ זאָג — שלום, צו וואָס זאָלסטו זיך איינער אַליין אַרומוואַלגערן; כ'האָב אַ שוועגערין, מיין ווייבס אַ שוועסטער, אַ פיין מיידל, און דו געפעלסט מיר. כ'וועל זען וואָס איך קאָן טון פֿאַר דיר.

דער דינער, צאַרט־אויסזעענדיקער שלום, האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם פּרעסערס פעטער, דעם גרויסן שרייבער, און אין האַרצן, דעם פּרעסער מקנא געווען: הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ פעטער. פֿאַרוואָס זאָל אַזאַ פֿאַרגרעבטער טיפּ, אַ פּרעסער, וואָס ווייסט גאָרנישט פֿון יידישער ליטעראַטור, פֿאַרמאָגן אַזאַ פעטער? — האָט שלום ביי זיך געפֿרעגט.

ווען די צוויי האָבן זיך גענומען פונאַנדעררעדן וועגן אַרבעט, און בעסערע אַרבעט־פּלעצער, האָט דער פּרעסער סאַללי גענומען זיך פּאַר־קלאָגן אַז ער קאָן נישט אַהיימגיין צו זיין פרוי אָן געלט. ספּעציעל איצט, ווען זיין פרוי דאַרף מער געלט פאַר דעם אָנקומענדיקן צווייטן קינד — און ער האָט געגעבן אָנצוגעהערן:

— ווען איך קאָן כאַטש ביי עמיצן באָרגן עטלעכע פונט, די צווייטע וואָך גיי איך דאָך אַריין אַרבעטן, כ׳האָב אַ גוטן פּאָסטן — אוי, כאָטש עטלעכע פונט, נאָר אויף אַ וואָך, צוויי

שלום האָט פאַרשטאַנען אַז ער מיינט אים, אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי קאָן זיך שלום דערלויבן צו באָרגן געלט? ערשטנס, איז ער אַליין אָן אַרבעט און פאַרמאָגט נישט קיין סך; צווייטנס, קען ער דאָך דעם פּרעסער צו ווייניק, ער ווייסט נאָר אַז ער איז דעם און דעם שרייבערס אַ פּלימעניק — איז דאָס גענוגנד?

אָבער ווען שלום האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם שרייבער קרוינ־באָרג, האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געגעבן:

— קיין סך געלט האָב איך נישט, נאָר אויב דו זאָגסט צו אין אַ וואָך, אַרום אָפּצוגעבן קאָן איך דיר באָרגן 20 אָדער 30 שילינג — כ׳וועל זען אויסצוקומען עטלעכע וואָכן ביז וואַנעט כ׳וועל קריגן אַרבעט.

— אָה, וואָס פעלט דיר איך, ווי אַזוי קאָן איך ביי דיר באָרגן געלט?

— ווערט זיך סאַללי דער פּרעסער — כ׳זע דאָך דאָס דו ביסט אָן אַרבעט. ניין, איך קאָן דאָס נישט טאָן — איך קאָן ביי דיר נישט נעמען.

אַ מינוט זיצן זיי ביידע שטיל. שלום האָט געטרונקען זיין טיי און איז געווען אַ ביסעלע צופרידן וואָס סאַללי האָט אָפּגעזאָגט ביי אים צו באָרגן.

— ווייסטו וואָס? — גיט זיך סאַללי אַ כאַפּ — כ׳וועל נעמען! אַז איך מוז עס האָבן. פאַרשטייסט? גיב מיר די 30 שילינג. איצט זע איך אַז דו ביסט אָן אמתער פריינד. כ׳האָב שטענדיק ליב געהאַט די יידן פון דער היים. איך אַליין, הגם געבוירן אין ענגלאַנד, האַלט זיך פאַר אַ לאַנדסמאַן. מיך ציט צו אייגענע... יאָ, און ווייסטו וואָס נאָך, דו מוזט קומען צו מיר אויף שבת; כ׳האָב מיין ווייב דערציילט וועגן דיר, זי האָט געבעטן דו זאָלסט קומען.

שלום האָט זיך געזעגנט און צוגעזאָגט אַז ער וועט אַמאָל קומען צו דעם פּרעסער אויף אַ באַזוך.

*

דער סעזאָן ביי דאַמען־שניידעריי איז אַנגעגאַנגען אין פולן ברען. קאַללינס שויפענצטער איז געווען פול, אינגאַנצן באַדעקט און אַרומגע־וואַקסן מיט קוויטעלעך —— אָבער קיין סך דאַמען מאַנטל־מאַכערס האָט מען אין דרויסן נישט געזען. סיי שלום און סיי סאַללי,ביידע האָבן געשוויצט. איינער מיט זיינע שפּאַקולן און דינע הענטלעך ביים סטריגעווען שטיקער געשניטענע וואָלענע שטאָפן, און דער צווייער ביים צוקלאַפּן מיט אַ שווערן אייזן וואָס פּילט אָן דעם אַרום מיט קאַכעדיקער פּאַרע.

שלום האָט וויפל מאָל געטראָפן דעם פּרעסער סאַללי, און געוואָרט אַז סאַללי זאָל אים צוריקגעבן דעם חוב, אָבער דער פּרעסער האָט קיינמאָל נישט געהאָט קיין צייט צו ענטפערן, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין לויפן און יאָגן — איינגעצאַלט ביי די הינט־ און פּערד־געיעגן.

שלום האָט גענומען איינזען אַז דער פּרעסער סאַללי איז נישט קיין באַגלויבטער מענטש, און ער האָט אים גאַנץ אָפן געמאָנט די 30 שילינג, אָבער סאַללי האָט אים בייז אָנגעקוקט און געשריגן:

— יאָג מיך נישט! דו מוזט וואַרטן ווי אַנדערע וואַרטן — ביסט נישט דער איינציקער וועמען איך בין שולדיק געלט — כ'האָב פיינט אַז מען מאָנט מיך, פאַרשטייסט?!

אַריבער נאָך עטלעכע וואָכן, און שלום, נאָכדעם ווי ער האָט פון פּרעסער קיין ענטפער נישט באַקומען, האָט ער צוגעשריבן צו דעם פּרע־סערס ווייב, איר געבעטן זי זאָל דערמאָנען איר מאַן צו באַצאָלן זיין חוב.

האָט דער פּרעסער גענומען אַרומזוכן „אַ קליין געוויקסיק שניידערל מיט ברילן" וועמען ער מוז „די ביינער צעברעכן" — האָט ער געזאָגט צו די מאַנטל־מאַכערס.

שלום האָט שוין דערפון געהערט, האָט ער זיך נישט געוויזן. אָבער איין מאָל, גייענדיק צו דער אַרבעט, זעט ער דעם פּרעסער סאַללי ווי יענער

לויפט צו אים מיט אַ צעפלאַמט פּנים און געבײַלטע פויסטן פול מיט כעס און רציחה, האָט שלום פאַרקירעוועט דורך הינטערגעסלעך, און שנעל ווי אַ האָז — האַלטנדיק די ברילן אין האַנט — האָט ער מיט זײַנע קורצע פלינקע פיסלעך באַוויזן צו זײַן פאַרויס מיט 8—10 מעטער פון שווער־לײַביקן סאַללי.

מענטשן האָבן נאָכגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דער פּרעסער האָט געליאַרעמט און געשאָלטן אויף ענגליש:

— דו ממזר, דו! איך וועל דיך אָנלערנען פאַר דײַן חוצפּה! מײַן לאַנד, בײַ מיר אין לאַנד, אַן אויסלענדער! אַ פליכטלינג! פאַרמסרט מיך פאַר מײַן ווײַב — אַזאַ ממזר, בלוטיקער ממזר! ממ — — —

קוים מיט די לעצטע כוחות, האָט דער דאַרער שנײַדער באַוויזן אַרויפֿצולויפן די דרײַ שטאָק, אַרײַנגעפאַלן, ווי אַרײַנגעשאָסן אין זײַן פאַבריק און מיט אַ חלשות־שוואַכער שטימע האָט ער דערקלערט די פאַרוואונדערטע אַרבעטער אַרום:

— כ׳האָב געבאַרגט געלט אַט דעם פאַרשוין — ווײַזט ער אָן אויף סאַללין, וואָס שטייט בײַ דער טיר און וואָגט נישט אַרײַנצוגיין — איך מאָן מײַן געלט צוריק און זעט דעם אונטערוועלטניק — ער יאָגט מיך און וויל מיך שלאָגן!...

— אײַ־אײַ, לויפן? יאָגן? וועלן שלאָגן אונדזער שלומען? — רופט זיך אָפּ אַ שנײַדער פון שלומס אַרבעטס־פּלאַץ צו סאַללין, און ער, סאַללי, שרײַט אַרײַן:

— דער ממזר, דער פליכטלינג! צו היטלערן דאַרף מען אים שיקן, דעם ממזר, דעם — — —

— אָבער פאַרוואָס גיסטו נישט צוריק דעם חוב? — ווענדעט זיך אַ צווייטער פון פאַבריק צו דעם פּרעסער.

— כ׳וועל אים טויט־שלאָגן! — שרײַט דער פּרעסער. — מײַן ווײַב, — מײַן ווײַב גייט האָבן אַ קינד, אַ קינד — — —

די אַרבעטער פון פאַבריק פאַרשטיין עפּעס נישט. זיי קוקן אָן דעם בלאַסן שלום וואָס ענטפערט נישט קיין וואָרט, און דער פּרעסער שרײַט כסדר אַז זײַן ווײַב איז אין אַנדערע אומשטענדן.

— איך הערט דאָך שוין וואָס דאָ קומט פאָר — גיט אײנער אַ זאָג — מיר מײנען, אַז שלום איז שטענדיק פאַרנומען מיט יידישער קולטור — וואָס זאָגט איר נישט צו אונדזער „שטיל וואַסערל״, צו שלומען ? — — — —

— טאַקע אמת, דײן ווײב טראָגט ? — פרעגט נאָך אײנער דעם פּרעסער.

— איך שווער, מײן ווײב טראָגט אַ קינד ! דער שמוציקער ממזר, דער ! — האַלט זיך דער פּרעסער אין אײן קאָכן.

פּונקט איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פון פאַבריק, אַלע זענען זיך צעלאָפן אויף זײערע פּלעצער, און אײן אַרבעטער האָט אײנגערוימט דעם פּרעסער סאָללי, אַז ער זאָל אָפּוואַרטן שלומען בײנאַכט, נאָך דער אַרבעט — איז פיל בעסער...

אין פאַבריק האָבן זיך אַלע געשושקעט וועגן שלומען. אַ מאַשינער מיט אַ וואָיל־יונגעריש פּנים האָט זיך אָנגערופן :

— ווער וואָלט זיך עס געריכט : אַט דער שוואַכער פּיצל שלום — ווער וואָלט זיך אויף אַזעלכעס געריכט ?...

פון אַלע ווינקלען האָבן די אַרבעטער גענומען קוקן אויף שלומען מיט אַזעלכע מאָדנע בליקן, אַז ער האָט זיך גענומען פילן אומבאַקוועם. די פּליאָטקע איז דערגאַנגען אין צווײטן צימער צו די האַנטנײערינס, און זײ זענען אײנציקווײז דורכגעלאָפן אים אָנקוקן און צוגעוואָרפן שטעכיקע בליקן. אַ ווײלע איז ער שטיל געזעסן, ווי פאַרטראַכט אין זײן שנײדערײ, באַלד אָבער האָט ער צו זיך אַ מורמל געטאָן :

— פּרעסערס, מאַשינערס — אַ מיאוסע באַנדע „מענטעל־מײקערס״ אין לאָנדאָן, טפו !

ער האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרלאָזט די פאַבריק און מער נישט צוריקגעקומען.

געבליבן ביי זיין פאָלק

אין טאַנץ־זאַל זענען געווען פיל סאָלדאַטן. קומענדיק אויף אורלויב האָבן זיי געוווט צו באַקענען פרויען. די עלטערע מיידן אין לאָנדאָן האָבן טאַקע אָנגעפילט די אַלע פּלעצער; מען איז שנעל געוואָרן באַפריינדעט.

זשאָזעף איז צוגעגאַנגען צו אַ שטילער, שמאָל־געוויקסיקער מויד, און זייער העפלעך איר פאַרבעטן צום טאַנצן. ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע בלאָע אויגן, געזען איר ווייסן לענגלעכן האַלדז און אַ צלמל. אים איז זי געפעלן געוואָרן.

זי, באַרבאַראַ, האָט נישט געוווסט אַז זשאָזעף איז אַ ייד. זי האָט נאָר געזען זיין אוניפאָרם פון דער פּוילישער אַרמיי און זיין אָפּצייכן אויף די שליפעס אַלס אָפיציר, האָט עס איר אימפּאָנירט. דערצו זיין הויכע פיגור, זיין מענעריש דורכגעאַקערט פּנים פון אַ יאָר פערציק און זיינע וואָנסעלעך. דאָס אַלץ האָט איר צוגעצויגן.

— שוין לאַנג אין ענגלאַנד?

— צוויי יאָר.

— איר רעדט דאָך גוט ענגליש. אייער אַקצענט איז אויך שיין.

— כ'האָב נאָך אין פּוילן געקענט. אַ דאַנק!

— ווי געפעלט אייך ענגלאַנד?

— זייער, זייער שיין!

— ווערט איר דאָ פאַרבלייבן?

— ווילט איר איך זאָל דאָ פאַרבלייבן?

— זי האָט נישט פאַרשטאַנען זיין מיין. ווי יעדע ענגלענדערין האָט זי מורא געהאַט אַז צופיל אויסלענדער וועלן בלייבן אין ענגלאַנד נאָך דער מלחמה. עס זענען שוין דאָ צופיל אַזעלכע „פאָרענערס" אָן מאַנירן וועלכע נעמען אַוועק די פּאָסטנס ביי ענגלענדער. צופיל „רעפיודזשעס" (פליטים) האָט די מלוכה אַריינגעלאָזט, ספּעציעל פרויען. באַרבאַראַ האָט נישט ליב געהאַט צופיל פרויען פון אייראָפּע וואָס קליידן זיך שענער און טומלען, בשעת

ענגלישע מיידלעך מוזן גיין אין דער אַרמיי אָדער אַרבעטן אַלס קראַנקנ־שוועסטער, ווי זי.

דאָך, פאַר מענער וואָלט זי געמאַכט אַ שטיקל אויסנאַם. פיל אייראָ־פעישע מענער פאַרמאָגן מער רייץ און זענען מער ראָמאַנטיש, ווי ענגלענ־דער. אירע חברטעס אין שפּיטאָל וויסן פיל צו דערציילן וועגן דעם...

— פאַרוואָס נישט, — האָט באַרבאַראַ געענטפערט — מיך אַרט נישט אַז גוטע מענער קומען קיין ענגלאַנד.

— זענען דען פּאָליאַקן שלעכטע מענער?

— איך קאָן נישט זאָגן. אַ מערהייט פון אייערע סאָלדאַטן זענען אין שאָטלאַנד; עס ווענדט זיך וואָס יענע פרויען זאָגן...

— מיר זענען אַ פאָלק פון מוזיקער און קעמפער. פּוילן און ענגלאַנד מוזן זיין פאַרבונדן — האָט דזשאָזעף געזאָגט.

ער האָט זי צוגעפירט צו איר שטילער געגנט אין טשיזיק און געקושט איר אין דער האַנט ביים אָוועקגיין. איר איז דאָס געפעלן געוואָרן.

באַרבאַראַ האָט נישט געוואָלט אויפוועקן איר אַלטע מוטער. זי איז געלעגן אַ ביסל וואַך און געקלערט וועגן אירע זעקס און דרייסיק יאָר אין דעם געסל, אין דעם זעלבן הויז. איר פאָטער, אַ באַאַמטער, איז שוין לאַנג געשטאָרבן און איר מוטער מוז לעבן פון איר אָרעמער פּענסיע, און זי, באַרבאַראַ, מוז צושטייער געבן אויפצוהאַלטן דאָס הויז. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו טרעפן אַן אָנשטענדיקן מאַן. אָט דער־אָ פּוילישער אָפיציר וועלכער האָט אַזוי דזשענטלמעניש פאַרנייגט זיך פאַר איר בשעת ער האָט אויפגעעפנט פאַר איר דאָס טירל פון דער טאַקסי, האָט שוין געמאַכט מיט איר אַ ראַנדעווו אויף דער צווייטער וואָך. קאָן זי ביי איר עלטער, כאָטש זי זעט אויס פיל יינגער, טרעפן אַן ענגלענדער מיט אַזאַ באַנעמונג? זי איז נאָך בכלל נישט געווען אין אַ טאַקסי מיט אַ מאַן. אַן ענגלענדער וואַרפט זיך נישט אַזוי שנעל מיט טאַקסיס, יעדנפאַלס נישט די ענגלענדער פון איר שטאַנד.

אויף צומאָרגנס איז באַרבאַראַ ווידער געגאַנגען צו איר שפּיטאָל־אַרבעט. איר מוטער האָט באַמערקט ביים פרישטיק אַז איר באַרבאַראַ איז

גוט געשטימט. אַזוי האָבן אויך באַמערקט די חברטעס אירע און אפילו די קראַנקע אין שפּיטאָל. אָבער, באַרבאַראַ, ווי יעדע סענסיטיווע ענגלישע מיידל, האָט נישט אַזוי שנעל דערציילט וועגן איר פּוילישן אָפיציר.

*

די מלחמה איז געווען פאַרענדיקט, און דזשאָזעף האָט שוין געטראָגן אַ ציווילן אָנצוג. ער האָט בלויז איבערגעלאָזט זיינע וואָנסעלעך. ביי זיין פעטער, דעם צירונג־הענדלער וועלכער האָט געהאַט אַ שיין הויז אין עדזשווער־געגנט, האָט דזשאָזעף נישט געוואָלט לאַנג וווינען. ערשטנס, האָט ער נישט ליב געהאַט דאָס יידיש־רעדן פון זיין פעטער, און נישט פאַרטראָגן פאַרוואָס זיין טאַטנס ברודער האָט פון קאַמינסקי זיך אַ נאָמען געגעבן קאָלמאַן. ער האָט אויך נישט געליטן די גאַנצע אַטמאָספער פון ראַדיקאַלן, אַנאַרכיסטן און בונדיסטן, אַ מערהייט אַרויפגעאַרבעטע יידן, וועלכע האָבן עפּעס אויפגעהאַלטן „אַ געטאָ־אַטמאָספער" — נאָר גערעדט וועגן יידישקייט און יידישע ענינים. דזשאָזעף האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק און פּטור. נאָך אין דער גימנאַזיע האָט אים געצויגן צו נישט־יידישע חברים. אויב מען האָט אים געפרעגט וועג אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן פאַר דער מלחמה און וועגן מערדערייען וואָס פּאָליאַקן זענען באַגאַנגען קעגן יידן בשעת דער מלחמה און אפילו קעגן יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט דזשאָזעף געהאַט איין ענטפער:

— יידן ווילן נישט אַרבעטן. יידן ווילן שווינדלען! וויאַזוי קאָן מען בכלל דולדן יידן וואָס רעדן אַ זשאַרגאָן און טראָגן לאַנגע זשופּיצעס ! — האָט ער געשריגן.

דערצו האָט דזשאָזעף געבראַכט אַ באַווייז פון זיין באַלעבאָס:

— איך מוז שטיין העלפן פאַרקויפן הערינג, ביי אַ יידל וואָס גיט נישט קיין וואָג. דאָ, צווישן די יידלעך, דאַרף זיין מיין אַרבעט אין לאָנדאָן!

האָט אים איינער גוטמוטיק געפרעגט:

— איז ווער צווינגט איך צו אַרבעטן ביי יידן? גייט מען צו פּאָליאַקן אָדער צו ענגלענדער, אויב איר זענט אַזאַ שליאַכטשיץ?

אויף דעם האָט דזשאָזעף נישט געהאַט קיין ענטפער.

*

ביסלעכווייז האָט ער זיין פעטער דערציילט אַז ער גייט אַרום מיט באַרבאַראַן. ער האָט אים אַפילו דערציילט אַז ער נעמט זי אַרויף צו זיך אין צימער. זיין מומע האָט אים אָפן געזאָגט אַז ביי איר וואָלט ער דאָס נישט געקאָנט טאָן. זי וואָלט נישט געוואָלט אַז די שכנים זאָלן רעדן...

דזשאָזעף האָט זיי דערציילט וועגן באַרבאַראַס שטילקייט און איידלקייט. ער האָט געריסמט אירע עכטע ענגלישע מאַנירן. ער האָט זי איינמאָל געבראַכט צו זיין פעטער, און זיינע פאַמיליע־מענטשן האָבן אויך געזען אַז זי טראָגט אַ צלם. זיי האָט אויך נישט געאַרט וואָס ער ליבט זיך אין אַ קאַטוילישער מויד; דער סאָרט ראַדיקאַלער ייד אין ענגלאַנד גייט אויך אויפן וועג פון אַסימילהאַציע און אונטערגאַנג. זיי האָבן אים געזאָגט אַז בלייבן אַ בחור איז נישט פּראַקטיש. אויב אים געפעלט אַ קריסטין, און אים אַרט נישט וואָס זי גייט אין קירכע, זאָל ער זיך פאַרשרייבן און חתונה האָבן אָן אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. דזשאָזעף האָט זיי דערציילט אַז באַר־באַראַ ווייסט שוין אַ ער איז אַ ייד, זי וויל בלויז ער זאָל איר נישט שטערן אָנגיין מיט איר רעליגיע. ער האָט איר, און איר מאַמען צוגעזאָגט אַז ער וועט באַרבאַראַן נישט שטערן. איר מוטער האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

אַזוי איז דזשאָזעף אָנגעגאַנגען נאָך אַ יאָר. צום סוף האָט ער געזען אַז בלייבן ביים הערינג־יידל איז נישט קיין צוקונפט. ער האָט באַשלאָסן אויסצוואַנדערן קיין ניו־זעלאַנד. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין באַר־באַראַן און איר מוטער, אַז נאָר דאָרטן, אין דער בריטישער „קאָמאָנוועלט״ איז דאָ פאַר אים אַ צוקונפט. ער וועט זיך איינאָרדענען, איר אַריבער־ברענגען, און זי וועט קאָנען מיטברענגען איר מוטער, אויב יענע וועט נישט וועלן בלייבן מיט דער עלטערער, פאַרהייראַטער טאָכטער.

יאָ, צו באַרבאַראַן האָט דער פּלאַן אַפּעלירט. זי האָט געוווסט אַז מיט איר פּוילישן מאַן, דעם ייד, וועט זי סיידוי נישט ווערן איינגעבירגערט. אין איר גאַס אָדער אין אַ צווייטער גאַס צווישן ענגלענדער, וועט מען שטענדיק דערקענען אויף אים און לויט זיין שפּראַך, אַז ער איז נישט קיין ענגלענדער. יאָ, פאַרוואָס נישט ווי פיל ענגלענדער און עמיגראַנטן פון דער גאַנצער

וועלט — פאַרוואָס זאָל זי נישט פאָרן צו אים קיין ניו־זעלאַנד? סיווי איז זי שוין מיט אים אינטים; זי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געטאָן מיט אַן אַנדערן מאַן, גאָט וועט איר מוזן פאַרגעבן. מן הסתם איז ער, דזשאָזעף, איר באַשערטער. עס פעלן סיווי אויס ענגלישע מענער...

*

דזשאָזעף האָט געוויזן וואָס ער קאָן אויפטאָן. מיט אַ ביסל געלט פון דער אַרמיי, און אַ ביסל געלט וואָס זיין פעטער האָט אים מיטגעגעבן, האָט ער שנעל באַוויזן אָנצוהויבן האַנדלען, טאַקע מיט צירונג, אין ניו־זעלאַנד, און גאָר שנעל צוגעקומען צו אַן אייגענער וווינונג מיט מעבל, גראַד אין אַ שיינער גאַס. ער האָט אַפילו געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע צו זיין באַרבאַראַן. זאָל זי זען וואָס ער קאָן אויפטאָן אין אַ יאָר צייט. זי איז געקומען מיט דער פאָטאָגראַפיע פון דער וווינונג און פאַרגעלייענט אויסצוגן פון דזשאָזעפס ליבע־בריוו, פאַר דזשאָזעפס פעטער און מומע. זי האָט דערציילט וואָס זי האָט אַלץ איינגעקויפט מיטצונעמען פאַר דזשאָזעפן און פאַר זיך.

נאָך איר אַוועקגיין האָט דזשאָזעפס מומע, אַ קליין ווייבעלע, וועלכע האָט ליב געהאַט קעץ און הינט, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער, באַמערקט צו איר מאַן מאָריס קאַלמאַן:

— וואָס זאָגסטו נישט צו איר שיין בלאָ קלייד; די באַרבאַראַ ווייסט וויאַזוי זיך אָנצוטאָן. עס קאָן זיין אַז זי וועט נאָך האָבן אַ קינד פון דיין ברודערס זון, זי וועט נאָך האָבן אַ זון — צי וועט זי אים דערציען אַלס קאַטאָליק?

— וואָס דען, אַלס ייד? דזשאָזעף וויל פטור ווערן און פאַרגעסן זיין יידישן אָפּשטאַם. עס קאָן זיין אַז ביי אים אין שטוב הענגט שוין אַ גרויסער צלם; ער וועט איר מיט אַלץ געפעלן. דו זעסט דאָך ווי זי טראָגט דעם צלם אויבנאָן.

— איז אפשר בעסער אַז מיר מישן זיך אויס מיט די ענגלענדער. אייי־דער מיט די פּאָליאַקן איז שוין בעסער מיט אַן אידל פאָלק — האָט מרס. קאַלמאַן געגעבן אַ זאָג. זי האָט בכלל נישט געהאַלטן פון יידישקייט.

— איך ווייס נישט צי ס'איז בעסער. די ענגלישע שרייבער ווי בערנאַרד שאָו און וועלס, — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויף דער פּאָליצע

ביכער, — זיי פּרעדיקן, אַז יידן זאָלן זיך אויסמישן. יידן, זאָגן זיי, קאָנען פיל צושטייערן דער ציוויליזאַציע. איך אַליין האָב נישט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן. מיר אַלע פון אונדזער דור ראַדיקאַלן האָבן פאַרשפּילט. אונזער יידישקייט אָן רעליגיע, גייט אונטער. די ציוניסטן מיט זייער קאַמף פאַר אַן אייגענער מלוכה און אייגענעם שטייגער־לעבן אויף אייגענער ערד, האָבן פאַרט עפּעס. מיר אַלע פון „בונד״, טעריטאָריאַליסטן און איבערגע־בליבענע אַנאַרכיסטן — מיר זענען בלויז רעשטלעך, איבערבלייבעכץ!

נאָך דעם געשפּרעך האָט זיך פרוי קאַלמאַן אָוועקגעזעצט אָנשרייבן אַ בריוו צו איר פּלימעניק דזשאָזעף אין ניו־זעלאַנד. זי האָט באַשריבן ווי־אַזוי באַרבאַראַ זעט אויס פיין, ווי זי איז גליקלעך מיט זיין איינגעאָרדנטע דירה, ווי זי קומט צו זיי איבערלייענען זיינע בריוו און ווי זי האָט שוין באַשטימט אין צוויי חדשים אַרום צו פאָרן צו אים, נאָר אַן דער מאַמען. די מוטער אירע וויל נישט פאַרלאָזן ענגלאַנד.

כמעט אַן ענלעכן בריוו האָט באַרבאַראַ געשריבן צו דזשאָזעפן. זי האָט אים אָנגעפרעגט צי עס זענען דאָ זאַכן וואָס אים געפעלט אין ענגלאַנד און מ׳קאָן זיי נישט קריגן אין ניו־זעלאַנד, זי וועט אַלץ מיטברענגען.

*

די קאַלמאַנס זענען שוין געוועזן ביי דער באַן. זיי האָבן געוואַרט אַז באַרבאַראַ מיט איר מוטער זאָלן אָנקומען. באַרבאַראַ האָט פון טשערינג־קראָס וואָקזאַל געזאָלט אָפּפאָרן קיין סאָוטהעמפּטאָן, און אויף צומאָרגנס מיט אַ שיף קיין ניו־זעלאַנד. זיי האָבן געוואַרט אַ האַלבע שעה און מער און באַרבאַראַ האָט זיך נישט באַוויזן. האָט מרס. קאַלמאַן טעלעפאָנירט צו באַרבאַראַן אַ היים, און דערהאַלטן אַן ענטפער פון באַרבאַראַס מוטער:

— עס טוט מיר לייד איך מיטצוטיילן: מיין טאָכטער האָט זיך איבער־געקלערט; זי האָט באַשלאָסן נישט צו פאָרן קיין ניו־זעלאַנד. באַרבאַראַ האָט היינט פרי אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו דזשאָזעפן.

— נו, מאָריס, וויאַזוי וועט ער דאַרטן אויפנעמען אַזאַ קלאַפּ? וואָס זאָגסטו נישט צו אַזאַ אַלטער מויד? — האָט מרס. קאַלמאַן געפרעגט איר מאַן.

— וואָס זאָל איך זאָגן? ער וועט אויסהאַלטן. עס איז אפשר בעסער וואָס זי איז נישט געפאָרן צו אים — האָט מיסטער קאַלמאַן געענטפערט.

דער פעטער

נחום האָט דערפילט, וואָס עס הייסט צו זיין אַ פרעמדער אין ניו־יאָרק. די שטאָט האָט נחומען צוגעצויגן און געשראָקן.

אָנגעקומען קיין ניו יאָרק איז נחום ווינטער־צייט. אין דער צייט פון יאָר, ספּעציעל ווען די נאַכט פאַלט צו, איז די שטאָט פּשוט פאַנטאַס־טיש. דער געלויף פון די ביוראָען, פאַבריקן און געשעפטן אויף בראָדוועי און דער פינפטע־עוועניו, פון יונגע און עלטערע פרויען און מענער, וועלכע איילן צו די אויטאָבוסן און צו די אונטערגרונטבאַנען; די פאַנ־טאַסטיש־אָנגעצונדענע פענסטער־קעסטלעך, וועלכע הויבן זיך העכער און העכער צו די הימלען און קוקן צוריק אַרונטער צו העראַלד־סקווער, צו דער 23־סטער גאַס און צו דעם וואַשינגטאָן־סקווער, טיימס־סקווער; די אַלע פּונקטן פון דער שטאָט זענען מיט אַזויפיל צויבער פון ציוויליזאַציע און טעכניק, אַז נחום, כאָטש אַ געקומענער פון דער וועלט־שטאָט פּאַריז, וועלכע פאַרמאָגט אויך אירע בולוואַרן, פלעגט דאָ אין ניו יאָרק בלייבן שטיין מיט פאַרוווּנדערונג.

געלעבט האָט נחום אין אַ צימערל, אַ מעבלירטס, ערגעץ־ווו ביי אַן עלטערער פרוי אין די בראָנקס, און געאַרבעט האָט ער, באַר־וואָס אָנגע־הויבן, אין אַ פאַבריק פון סוועטערס. אַ באַקאַנטער זיינער, וועמען ער האָט געקאָנט פון פּאַריז, האָט אים אַריינגענומען און צוגעוויזן ביי דער אַרבעט.

פאָרן יעדן אינדערפרי צו דער אַרבעט, פון די בראָנקס ביז מאַנהעטן צו דער 14־טער גאַס, ווו מ׳האָט זיך געדאַרפט שטופּן צווישן ווייסע, פאַרהאָרעוועטע, אָפּטמאָל נישט־אויסגעשלאָפענע, צווישן מענער און מער פליישיקע, מיט אַ טונקעלער הויט, שוואַרצע, וואָס די זיידעס זייערע זענען געבראַכט געוואָרן פון אַפריקע, ווי אויך צווישן האַלב־שוואַרצע,

אַזעלכע דינע און רירעוודיקע מענער און פרויען מיט קליינע פיסלעך און מיט קלינגענדיקע שפּאַנישע ווערטער אין מויל, וועלכע קומען פון אינזל פּאָרטאָ־ריקאָ, האָט נחום נישט אַנגעטראָפן אַזוי פיל מאַנירלעכקייט ווי ביי די פּראָנצויזן אין פּאַריז. דאָך, האָט נחום די ערשטע צייט באַטראַכט די פּנימער אַרום זיך מיט נייגעריקייט און אינטערעס.

די יידן אין וואַגאָן פלעגט נחום דערקענען דורך זייערע ווייכע אויגן, אָדער דורך די יידישע צייטונגען, וואָס זיי פלעגן האַלטן צונויפגעלייגט מיט אַ ביסעלע איינגעהאַלטנקייט, געמישט מיט שרעק פון דער אַלטער היים...

ביי דער אַרבעט, אין אַ שמוציקער פאַבריק מיט אָנגעוואָרפענע און אָנגעלייגטע סוועטערס, ווו מענער זענען געזעסן ביי מאַשינען קאָפּ אויף קאָפּ, איז נאָך אַלץ געווען באַקוועמער ווי אין סאַבוועי. דאָ פלעגט נחום הערן אַ יידיש וואָרט פון די גרינע, נייגעקומענע ווי ער, און דאָ זענען די פּאָרטאָ־ריקאַנער, מיט זייער שנעלן שפּאַניש, געווען אין אַ מינדערהייט. נחום פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג איבערגעבויגן איבער אַ ניי־מאַשין און פלעגט אַרייננייען קעלנערלעך — אָן אַרבעט, אַ מאַנאָטאָנע, אָבער, פלעגט געבן גענוג ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

*

אַ פרעמדער צווישן אַכט מיליאָן מענטשן! ווי איינזאַם אַ מענטש קען זיך אין אַזאַ גרויסער, טומלדיקער און שטענדיק פאַרנומענער שטאָט.

אַזוי ווי אין פּאַריז, אויף דער ערשטער עמיגראַציע זיינער פון פּוילן, האָט נחום, אַ יונג בחורל נישט געוווּסט ווי אַזוי מען קומט צו צו אַן אייגן ווייב; זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן אָדער נישט געוואָלט אַזוי פרי חתונה האָבן. איצט, אַ בחור אין די שפּעטע דרייסיקער, האָט נחום בכלל נישט געוווּסט ווי אַזוי מען קומט צו צו דעם טיפּ אַמעריקאַנער יידישע פרוי. אין זיין פאַבריק האָט ער בכלל נישט אָנגעטראָפן קיין יונגע יידישע פרויען.

אָט אין אַזעלכע שטאַרק־איינזאַמע מאָמענטן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אויפזוכן זיינעם אַ פעטער אין ניו־יאָרק.

ווי אַזוי, אייגנטלעך, קומט עס, אַז זיין, נחומס, פּאַטערס אַ ברודער מיטן נאָמען שמעון רוזשאַנסקי, זאָל האָבן פאַרלאָזט זיין משפּחה פון למדנים, חסידים און סוחרישע מענטשן, און האָבן געפאָרן, מיט 50 יאָר צוריק, קיין אַמעריקע?

נחומס פּאַטער פלעגט שטענדיק דערמאָנען, אַז ער האָט אַ ייִנגערן ברודער אין אַמעריקע. אָבער, ווי אַזוי און פאַרוואָס זיין ברודער שמעון איז אַוועק פון שטעטל נאָך אַלס יונגער בחור און „אַנטלאָפן" קיין אַמע־ריקע, האָט נחומס פּאַטער נישט דערציילט.

נחומס פּאַטער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין פרומקייט און סוחרישקייט אין פּוילישן שטעטל ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. די מערדערישע דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט אַ האַלבע משפּחה זיינע, און נחום, וועלכער האָט ערב דער מלחמה זיך געראַטעוועט קיין פראַנקרייך, האָט אויסגעפונען, אַז זיין פּאַטער מיט 2 פון זיינע שוועסטער זענען געבליבן לעבן. נאָך לאַנגע וואָגלענישן און פּיין איבער רוסלאַנד און אין די „דיפּי"־לאַגערן, זענען זיי איצט אין קאַנאַדע. טאַקע ביי אַ באַזוך ביי זיין אַלטן פּאַטער, האָט נחום צוגעזאָגט אויסצוזוכן זיין טאַטנס ברודער אין ניו־יאָרק.

*

דער נאָמען שמעון פלעגט שטענדיק אַרויסרופן רייץ און דרך ארץ ביי נחומען. די מעשה פון חומש, ווי שמעון און לוי האָבן נקמה גענומען אין שכם, אין אַלע אירע אייננווינער, פאַר פאַרשעמען שמעונען און לויס שוועסטער, איז געווען איינע פון די געשיכטעס אין דער ביבל, מיט וועלכע ער איז געווען שטאָלץ אַלס חדר־ייִנגל. היינט, זייענדיק אַ פרייער ייִד און מענטש, האָט נחום אַלץ דרך ארץ געהאַט פאַר דעם חומש־נאָמען — שמעון...

ניו־יאָרק פאַרמאָגט אָבער איבער צוויי מיליאָן ייִדן; דאָס איז אַ ייִדיש לעבן מיט טויזנטער פאַרשידענע אַנדערשקייטן — וואָס האָט געקאָנט ווערן פון אַזאַ פעטער שמעון אין אַזאַ מדינה אַמעריקע?

— לעבט ער נאָך? איז ער געבליבן פרום ווי מיין טאַטע? האָט ער

אַ פיינע פאַמיליע? איז ער רייך? — די אַלע פראַגעס האָט נחום געפרעגט ביי זיך. ער האָט געגלויבט, אַז זיין פעטער לעבט און אַז די פאַמיליע רוזשאַנסקי איז זיך צעוואַקסן אין ניו־יאָרק.

ווען נאָכפרעגן ביי לאַנדסלייט פון זיין פעטערס שטעטל, און דורך אַנאָנסן אין יידישע צייטונגען האָבן נישט געהאָלפן, האָט נחום גענומען בלעטערן אין די טעלעפאָן־ביכער פון ניו־יאָרק און אָנגעטראָפן אויף אַ נאָמען רוזשאַנסקי. אַזוי פשוט צו זוכן איז גאָר נחומען פריער נישט איינגעפאַלן...

מיט האַרצקלאַפעניש האָט נחום טעלעפאָנירט אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס און אַ פרוי האָט געענטפערט. אין אַ געמישטן יידיש און ענגליש האָט די פרוי געלאָזט וויסן נחומען, אַז איר מאַן הייסט טאַקע שמעון רוזשאַנסקי, און שטאַמט פון שטעטל מאַקאָוו, אין פוילן, און... זי וויל וויסן ווער עס פרעגט זיך אויף אים.

ביי נחומען איז דעמאָלט געוואָרן אָפּגעהאַקט דאָס לשון. ווען אין אַ מינוט־צוויי האָט פון ברוקלין גענומען רעדן אַ מאַן און געמאָלדן, אַז ער איז שמעון און איבערגעפרעגט ווער עס רעדט, איז נחום געבליבן אַ פאַרשטומטער...

די נאַכט איז נחום געלעגן וואַך. דאָס עלעקטרישע לעמפּל אין זיין צימער האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. ער איז געלעגן מיט פיבער אויף זיין געלעגער, געקוקט צום האַלב־שמוציקן סופיט פון אומבאַשטימטן וויסן קאָליר און געטראַכט פון זיין געפונענעם פעטער.

— אַלץ — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וועט ער פאַרשטיין. פּאָגראָמען, ווילן צו פרייהייט, צו אַ ניי לעבן, אַלץ־אַלץ וועט ער פאַרשטיין. ער וועט מאָרגן זיין ביי זיין פעטער.

אָבער, פאַרוואָס זיין פעטער שמעון האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט פּרובירט אויסגעפינען צי עס איז ווער געבליבן פון זיין משפחה; נישט פּרובירט אויפזוכן אַ לעבעדיקן און אָפּגעראַטעוועטן, וואָס איז אַרויס פון די דייטש־מערדערישע הענט, דאָס האָט נחום בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין. דאָס האָט אים געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט און צוגענומען דעם שלאָף פון זיינע אויגן.

אויף צומאַרגנס, ווי נאָר ער האָט דורכגעשלעפּט דעם טאָג ביי דער אַרבעט, און ווי אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט, איז נחום צוגעפאָרן אַהיים זיך איבערטאָן אין שבתדיקע קליידער, און מיט דער סאָבוועי געלאָזט זיך פירן פון די בראָנקס קיין ברוקלין.

דער סאָבוועי־צוג האָט זיך דאָס מאָל נישט געיאָגט. די רעדער האָבן לאַנגזאַם געקאַלערט זיך איבער די רעלסן און פאַרטויבט מיט אַ שרעק־לעכן טומל, ווי נאָר שטאָל און אייזן קאָנען באַוויזן מיט זייער געבראַזג און קלאַפּעריי. דער צוג האָט זיך געצויגן און געשלענגלט אויבן איבער בריקן און דעכער, און נחום האָט נאָר געבעטן גאָט, אַז דער מאָטאָר־מאַן זאָל גוט פירן און די מינוט זאָל נישט זיין אַז ס'זאָל עפּעס געשען מיט דער באַן. — ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אָנקומען און אָנקוקן זיין פעטער.

צוגעקומען צו דער סטאַציע „יוטיקאַ״, איז נחום אַרויס אין דרויסן און איינגעאָטעמט די פרישע, פאַרנאַכטיקע לופט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען איסטערן פּאַרקוועי: אַ ברייטע, לאַנגע גאַס מיט ביימער־אַלעען, שוין באַלד ווי אַ שיינער בולוואַר אין פּאַריז, נאָר אָן די אָפענע קאַפעען און לוסטיקע פראַנצויזן אַרום. דאָ האָט נחום צום ערשטן מאָל דערזען אין ניו־יאָרק, פיל עלטערע פרומע יידן לעבן אַ ישיבה אָדער בית המדרש, און פיל ייִנגלעך מיט לאַנגע פאות, אַרונטערגעשאַרט הינטער די אויערן.

— אפשר טאַקע איז מיין פעטער שמעון אַ רב, — האָט נחום געכאַפּט נאָך טראַכטן. פאַרוואָס נישט? לויט ווי מיין טאַטע האָט מיר איבערגעגעבן איז שמעון געגאַנגען אין אַ ישיבה פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע — איז פון אַזאַ טאַטן ווי זיי האָבן געהאַט, און אין אַזאַ געגנט פון ברוקלין אַ קונץ צו ווערן אַ רב?

צוגעקומען איז נחום צו אַ הויז נישט פון די שענסטע אויף איסטערן־פּאַרקוועי; דער איינגאַנג איז אויך נישט געווען צו רייך.

— וואָס־וואָס, האָט נחום ביי זיך באַשלאָסן: מיין פעטער איז, ווייזט אויס, נישט פון די אַמעריקאַנער „אַלרייטניקעס״.

געעפנט די טיר האָט אַ הויכער,ברייטפּלייציקער יונג, כמעט אין די

זעלבע יאָרן ווי נחום. ער האָט אין האַלב־יידיש האַלב־ענגליש זיך פאָר־געשטעלט אַלס קוזין נאָרמאַן. דער נאָרמאַן האָט פּעסט געדריקט די האַנט פון קלענערן, דאַרן נחום און געשמייכלט מיט אַ פעט פּנים. איידער נחום האָט צייט געהאַט צו באַטראַכטן זיין „ניי־געבאַקענעם" קוזין, איז אָנגע־לאָפן, ערגעץ פון אַ צווייטן חדר, אַ קליינער, עלטערער ייד מיט איינגעפאַ־לענע באַקן און רויטלעך־מידע, אויסגעמאַטערטע אויגן, וועלכע האָבן דערציילט פון אַרבעט און נויט. דער עלטערער ייד האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו נחומען און זיך גענומען פרייען מיט אַ פרייד, וואָס איז נחומען געווען אי נאָענט צום האַרצן און אי ווייט און פרעמד...

באַלד איז אויסגעוואַקסן אַן עלטערע יידענע אויך מיט אַ ברייטן, שמייכל אויפן פּנים, און אַלע האָבן געשריגן:

— קום אַריין, נחום! קום אַריין!

נחום האָט אויף שנעל אָפּגעמאָסטן זיין פעטער שמעון און איז עפּעס אַן אַנטוישטער אַריינגעפאַלן אין דער וויכער, אַלטער שטול דערנעבן.

— עפּעס שטימט דאָ נישט; עפּעס זעט דאָ די ווירקלעכקייט אויס „מאָדנע"! ניין, עס קאָן נישט זיין! — האָט נחום געטראַכט און זיך געווערט.

ווי קאָן דאָס זיין, אַז זיין פעטער שמעון, וועלכער האָט ביי אים, נחומען, אַזוי פיל יאָרן, פון קינדוויז אָן, פאָרגעשטעלט און פאַרקערפּערט מיט זיך גבורה, שטייט דאָ איצט, אין דער גרויסער, רייכער, זאַטער אַמעריקע אַזוי קליין, דאַר, אויסגעמאַטערט — אָן אַ באָרד!

אַ פעטער אָן אַ באָרד אין זיין משפּחה? ער האָט בכלל נישט געדענקט און נישט געזען עמיצן פון זיין משפּחה, אַ דערוואַקסענעם מאנס־ביל, אָן אַ באָרד.

זיך, האָט נחום גענומען פאַר נאַטירלעך. ער האָט באַלד נישט צוגע־לאָזט אַ באָרד צו זיין פּנים; זיך גענומען ראַזירן, קעגן זיי טאַטנס ווילן, ווען ער איז געווען 17 יאָר אַלט. זיין פעטער, אָבער, ווי קומט ער צו פאַרשעמען זיין פרומער משפּחה? זיין טאַטע מיט אַ באָרד, און זיין פעטער — אָן אַ באָרד?!

דערווייל זענען אָנגעקומען יונגע פרויען מיט זייערע מענער און

דערוואַקסענע קינדער. שמעון האָט זיי פאַרגעשטעלט אַלס טעכטער, איי־דעמס און אייניקלעך. ער האָט זיי אָנגערופן מיט יידישע נעמען. אָבער די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך האָבן אונטערגעטראָגן זייערע נעמען אויף ענגליש...

די צוויי קליינע, אָרעמע צימערן ביים פעטער שמעון, זענען געוואָרן אָנגעפילט מיט באַוווּנדערונג, פרייד, געלעכטער און טומל. אַלע האָבן פּרובירט רעדן יידיש, אַפילו דעם פעטער שמעונס אייניקלעך. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי אַזוי און ווען — און נאָכאַמאָל ווי אַזוי נחומס פאָטער האָט זיך געראַטעוועט און ווי אַזוי נחומען איז איינגעפאַלן אַרויסצופאָרן פון פוילן, ערב דער מלחמה, קיין פראַנקרייך.

זיי איבערגעבן וועגן דער יידישער טראַגעדיע אין פוילן, איז פאַר נחומען געווען שווער. נחום אַליין האָט דאָס נישט מיטגעמאַכט. וואָס ער האָט זיי דערציילט, זענען בלויז געווען ברעקלעך, פּיצלעך פון שמעונס ברודערס איבערלעבונגען; פון ביכער און פון יידישע צייטונגען. נחומס אייגענע איבערלעבונגען זענען געווען מילדע, אין פאַרגלייך מיט דער עפּאָפּייע פון ליידן און אומקום, וואָס זיינע מענטשן האָבן צוגעזען.

די טעכטער, די איידעמס און אויך אפילו די אייניקלעך, וועלכע האָבן קוים פאַרשטאַנען אָדער געפילט די בילדער, וואָס נחום האָט פאַר זיי געמאָלן, זענען אויך געזעסן שטיל און אויסגעהערט. דערביי האָבן זיי באַטראַכט נחומען, זיינע באַוועגונגען און פּנים־שטריכן און שטיל זיך געשושקעט וועגן געפונענע אייגנשאַפטן, וואָס זענען ענלעך, אַ ירושה־אָפּשטאַם ביי זיי און ביי אים...

מיטאַמאָל האָט דער פעטער שמעון אַ פרעג געגעבן:

— און דיין זיידן, שמואל רוזשאַנסקי, געדענקסטו? ווייסטו כאָטש וואָס פאַר אַ ייד דיין זיידע איז געווען? (דערביי האָט שמעון זיך אומגע־קוקט צו זען צי זיינע קינדער און אייניקלעך וויסן ווער זייער זיידע און עלטער־זיידע איז געווען).

— אַ פרומער ייד און אַ תלמיד־חכם — האָט נחום געענטפערט. ער האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט אים נישט, ווייל שמואל רוזשאַנסקי איז שוין 35 יאָר טויט.

— בלויז דאָס ?! אַ ייד אַ למדן! מיט די גרעסטע רבנים זיך געחברט! און כסדר אַריינגעמישט און אַריינגעפלאָכטן גמרא־ווערטלעך.

בשעת נחום האָט געפרעגט זיין פעטער פאַרוואָס ער האָט פון אַזאַ פרומער היים, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָבן שמעונס טעכטער מיטגעפרעגט מיט זייער נייעם קוזין:

— טאַטע, פאַרוואָס ביסטו טאַקע אַוועק פון דער היים?

פעטער שמעון האָט זיי נישט געענטפערט, ער איז אַוועק פון דער היים, כדי אויסצומיידן פאָגראָמען, מלחמות און פאַרניכטונג; כדי זיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן האָבן די געלעגנהייט צו וואַקסן און פריי אָטעמען אין אַ פרייער מדינה. דאָס האָבן שמעונס קינדער זיכער געוווּסט, און זענען געווען דאַנקבאַר זייער פאָטער, און דעם גורל, פאַר אויסמיידן אַלע צרות, וואָס פוילישע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין. זיי, אָבער, ווי פיל אַמעריקאַנער יידן, האָבן געהערט פון דעם פּזמון, אַז „נאָר פּראָסטע יידן" זענען אַמאָל געפאָרן קיין אַמעריקע — האָבן זיי איינמאָל פאַר אַלע־מאָל געוואָלט וויסן פאַרוואָס?

דער פעטער שמעון האָט באַטראַכט זיין פלימעניק און דערנאָך געגעבן אַ קוק צו זיינע קינדער און אייניקלעך און געענטפערט:

— איך בין אַוועק פון דער היים, ווייל איך האָב געגנבעט פערד...

נאָכדעם ווי אַלע האָבן געלאַכט פון דעם ענטפער, זענען די ווייבער אַריין אין קיך צוגרייטן טיי מיט צו פאַרבייסן, און דער פעטער שמעון האָט געגומען דערציילן, זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרצן פאַר זיין פלימעניק:

— מיין פאָטער האָט מיך געשיקט אין אַ ישיבה, ווייט אַוועק פון אונ־דזער שטעטל. מיר איז דאָרט נישט גוט געגאַנגען מיט „עסן טעג". בין איך אַוועק קיין אַמעריקע.

ווי אַזוי, ווען ער האָט חתונה געהאַט, ווי שלעכט אים, אַ פרומען יונגנמאַן, איז דאָ געווען צווישן די פּראָסטע יונגען אין אַמעריקע, ווו ער האָט געאַרבעט ביי נייי־מאַשינען; ווי ער האָט פּרובירט העלפן איינפירן

ערלעכקייט אין „יוניאָן”, און נאָך אַזעלכע זאַכן פון „הייס און קאַלטס”, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָט ער פאַר נחומען דערציילט.

נחום האָט גוט באַטראַכט זיין פעטער און איינגעזען, אַז דאָס פּנים און זיינע טרויעריקע אויגן זענען ענלעך צו זיין פאָטער.

— און ווי אַזוי האָט דיין טאַטע און די אַנדערע ברידער מיינע — ווי אַזוי האָבן זיי באַהאַנדלט מיין טאַטן? — האָט שמעון אָן אַ פאַרוואָס געגעבן אַ פאַר אַריין.

נחום איז געוואָרן ווי איבערגעוועקט און נישט פאַרשטאַנען.

— איך בין נישט געוועזן ביי זיין פּטירה — האָט שמעון טרויעריק געזיפצט — איך קאָן זיך דאָס נישט מוחל זיין.

די פראַגע איז פאַר נחומען געווען שווער צו פאַרשטיין: אַ זון פאַרט אַוועק מיט 50 יאָר צוריק, ווייזט זיך נישט אָדער קען זיך נישט ווייזן, ווייסט נישט און האָט נישט געוואָלט וויסן, וואָס מיט זיינע ברידער און שוועסטער און מיט זייערע פאַמיליעס איז געשען — וויל אָבער וויסן צי מ׳האָט גוט באַהאַנדלט זיין פאָטער...

יאָ, היינט, נאָך 50 יאָר נישט האָבן געזען זיין איינציק-געבליבענעם ברודער, וועט ער צופאָרן קיין קאַנאַדע, און זיך מיט אים אַרומכאַפּן: איין אַלטער מאַן וועט זיך אַרומכאַפּן מיט אַ צווייטן; אַנשטאָט צוויי יונגע בחורימלעך, וועלן צוויי גרייז-גרויע קעפּ זיך באַטראַכטן און באַוויינען פּופּציק פרילינגס און זומערס, מיט אַ צולאָג פון פופציק ווינטערס פול מיט ווי און פּיין, פאַרלאָפּענע...

*

שפּעט ביינאַכט איז נחום צוריקגעפאָרן צו זיין צימערל אין די בראָנקס, די איבערראַשונג פון געפינען אַ פעטער מיט אַ פאַרצווייגטער פאַמיליע אין ניו-יאָרק, איז געווען געוואַלטיק. אָבער, די פרייד — אַ געמישטע. נחום האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מ׳קאָן צונויפבינדן און איינ־

פלעכטן משפּחה־פּעדים מיט די איצט־געפונענע אין ברוקלין; וויפל וואַרעמקייט עס קאָן אויסשטראַלן פון זיי צו אים און פאַרקערט; וויפל פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איבערגעגעבנקייט מיט געטריישאַפט מען קאָן און מען מעג פאַרלאַנגען פון אַ געפונענעם פעטער, קוזין און קוזינעס — צי מ׳קאָן בכלל איבערשפּאַנען אַ בריק איבער פופציק יאָר אייראָפּע און אַמעריקע.

וואָלט כאָטש זיין פעטער געטראָגן אַ באָרד...

די אַמעריקאַנערין

אין ריווער־האָטעל אויף בראָדוויי און 76־טער גאַס, וועסט, איז דעם שבת־ביינאַכט פאָרגעקומען אַ טאַנץ־אָוונט. אפשר אַ העלפט פון די אַלטע מיאוסע מיידן וואָס וווינען אין דעם האָטעל, און אַ ביסל ראַפּינירטע אַלמנות און מער מיאוסע מיידן פון ברוקלין און פון בראָנקס, זענען געקומען טאַנצן און פאַרברענגען צווישן מענער אין צענטער פון מאַנהעטן. עלטערע מענער און אַלטע בחורים וועלכע האָבן כמעט ווי געשווירן נישט חתונה צו האָבן, אָדער אַזעלכע וואָס זענען אַוועק פון זייערע ווייבער, זענען אויך דאָ געווען.

צווישן אַזויפיל אַלטע מיאוסע מיידן און אָפּגעלעבטע מענער, וועלכע האָבן גערעדט ענגליש מיט אַ יידישן אַקצענט, זענען אויך געווען עטלעכע צענדליק יינגערע, שענערע, און שטאַלטנערע פרויען און יונגע מענער, נישט לאַנג געקומענע קיין אַמעריקע. די ניי־געקומענע האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש און אָפּגעלאַכט פון די אַמעריקאַנער פרויען וואָס האַלטן זיך גרויס מיט זייערע פאָסטנס און נישט־שיינע פנימער. אַ מין געלעכ־טער מיט אַן אינפעריאָריטי־קאָמפּלעקס.

די מוזיק פון פיר יונגען האָט געקלאַפּט און פאַרהילכט דעם קעלער. די היץ איז דאָ געווען אומדערטרעגלעך. טייל יינגערע און עלטערע מענער און פרויען זענען אַרויף אויבן זיך אָפּקילן, אָבער די שענערע פרויען האָט מען נישט אָפּגעלאָזט; מען האָט זיי כסדר פאַרבעטן צום טאַנץ.

סעם, אַ הויכער בלאָנדער מאַן פון אַ יאָר פערציק, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער סוחר, האָט באַמערקט אַ שיינע שטאַלטנע מויד פון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק. זי האָט געטאַנצט מיט אַ קליין געוויקסיקן מאַן, וועלכער האָט זיך פון איר נישט געוואָלט אָפּטשעפּען.

אַז סעם זאָל איר אַוועקנעמען פון איר טענצער, האָט ער נישט פאַר־מאָגט אַזויפיל דרייסטקייט; ער האָט בכלל נישט געקענט טאַנצן — איז וויאַזוי פאַרבעט מען אַ שיינער יונגער פרוי צום טאַנץ?

זי, אָבער, ווי זי וואָלט כסדר אָבסערווירט דעם מאַן מיט די שטאַרקע הענט און פעסטע פלייצעס, האָט מיט אַן אויסרייד, בשעת זי האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם טאַנץ־זאַל און איר באַגלייטער האָט זי געזאָלט אָפּפירן אַ היים, איז זי צוגעקומען צו סעמען, בשעת ער איז געשטאַנען מיט צוויי פריינט און זי האָט געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, קען איך אייך פון לאָנג־אײלאַנד פון אַ ציוניסטישן קלוב?

ער האָט זיך אַוועקגעשאַרט פון זיינע חברים און באַטראַכט איר שיין פּנימל און לעבעדיקע אויגן, שוואַרצע, איר רויט היטעלע און פוטערנעם מאַנטל; ער האָט נישט געקאָנט גלויבן אַז די יונגע פרוי וועלכע ער האָט אַזוי נאָכגעקוקט און געגלוסט צו איר, בשעת זי האָט קאָקעטיש געטאַנצט און געוויזן איר שיינע פיגור און טאַנצנדיקע פיס, זאָל איצט שטיין נעבן אים און זוכן אַן אויסרייד — מיט אים זיך וועלן באַקענען.

— ניין, איך וווין נישט אין לאָנג־אײלאַנד און איך קען נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, — האָט ער געענטפערט אויף מאַמע־לשון — אָבער ציון קען איך גוט.

— אַזוי? — האָבן אירע אויגן געצומען לייכטן, — איר קענט גוט ציון; זענט איר אפשר פון ישראל?

— יאָ, געוויס, איך האָב דאָרט געלעבט כמעט צוואַנציק יאָר.

— און איר רעדט העברעיש?

— געוויס! הלוואי וואָלט איך געקענט אַזוי גוט רעדן ענגליש.

— אָ, איר וועט זיך אויסלערנען. לערנט מיך העברעיש, וועל איך אייך לערנען ענגליש — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, און דערביי צוריק אויפגעשפּיליעט איר מאַנטל, צו ווייזן איר גרויסן בוזעם...

— און דער יונגערמאַן מיט וועמען איר זענט אַרויסגעגאַנגען, וואַרט ער נישט אויף אייך?

— אָה! געוויס, דער יונגערמאַן, — גיט זי זיך אַ כאַפּ.

זי איז אַרויס פון האָטעל אַ קוק געבן ווו איר באַגלייטער געפינט זיך, און אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין צוריק געווען נעבן סעמען.

— אַ, ווייס איך וואָס: אים דאַ באַקענט, וויל נישט אָפּטרעטן און וויל מיך אַהיימפירן. ער איז פאַרשוווּנדן — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע וואָס איז איבערגעגאַנגען צו סעמס פּנים אויף אַ ברייטן געזונטן שמייכל; ער האָט פּשוט אַנגעקוואָלן פון גליק.

סעם האָט איר אַהיימגעפירט. אויפן גאַנצן וועג, בשעת זי האָט אים געפרעגט וועגן זיין לעבן, צי ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, צי ער מאַכט געלט אין אַמעריקע און צי אים געפעלט די נייע מדינה, האָט ער כמעט ווי נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געטראַכט וואָס ער וועט זאָגן זיינע פריינט פון ארץ־ישראל און זיינע לאַנדסלייט: ער וועט זיך פאַרשטעלן מיט איר, באַווייזן זיין אַמעריקאַנערין, זיך אויסלערנען גוט ריידן ענגליש — זאָלן זיי אַלע צעפּלאַצט ווערן פון קנאה.

— וואָס? אַ סוחר? געלט? נו, געוויס. עס גייט מיר גאַנץ גוט.

ער האָט געהערט ווי זי זאָגט עפּעס אַז איר פאָטער איז געווען אַ רב; אַז זי האָט ליב יידישקייט און פרומקייט, אַז זי האָט ליב מוזיק און נאָך אַזעלכע זאַכן. ער האָט איר נישט געוואָלט דערציילן אַז זיין טאַטע איז אין דערהיים געווען נישט מער ווי אַ שמש, אַז ער האָט אַלע יאָרן שווער געאַרבעט ביי בנין אין ארץ־ישראל; אַז ער האָט זיך אין אַמעריקע אויסגעלערנט זיין אַ צושניידער ביי לעדערנע מאַנטלען ,און אין סעזאָן פאַרדינט ער קוים אויף צו מאַכן אַ לעבן... אים איז איצט, — ווען דער אָוונט איז געווען אַזוי מילד, מיט אַ לייכט ווינטל וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף פרילינג, ווען די גאַנצע געגנט אין לאָנג־איילאַנד איז געווען מיט נייע שיינע הייזער און ברייטע וועגן, גערטנער און שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער — געווען שטאַרק גוט און זיס; ער וואָלט שוין מיטגעגאַנגען מיט איר, און אָט די מינוט געשטעלט אַ חופּה מיט איר. נישקשה, ער וואָלט פאַרקאָשערט די אַרבל און געאַרבעט אויף צוויי „דזשאָבס״. פאַר אַזאַ פרוי לוינט צו אַרבעטן.

*

די נאַכט איז סעם כמעט ווי נישט געשלאָפן. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם גליק וואָס אים האָט געטראָפן. ער האָט קוים באַוויזן זיך צו וואַשן און ראַזירן, איז ער באַלד צו צו אַ טעלעפאָן אינדרויסן, ביי זיין וווינונג, און טעלעפאָנירט צו סאָניאַן. אין אַ צעבראָכענעם ענגליש און אין יידיש, האָט ער גלייך געזאָגט אַז ער מוז זי זען, און ער וועט אַרויסקומען זי אָפּוואַרטן נישט ווייט פון איר וווינונג ביי דער אונטערגרונט־באַן.

דאָס ערשטע האָט ער זי גענומען צו דער קאַפעטעריע אויף 96־טער גאַס אין בראָדוויי. זאָלן די יונגען אָנקוקן, הנאה האָבן, מקנא זיין, אָדער פּלאַצן!

ער האָט איר באַקענט מיט איינעם, צוויי און דריי פון זיינע פריינט וואָס זיצן שטענדיק אין דער קאַפעטעריע און רעדן וועגן פרויען...

איר זענען עפּעס די טיפּן נישט געפעלן געוואָרן. סעם האָט אויס־געזען דער אינטעליגענטסטער און ריינסטער פון זיי אַלע. זי האָט בכלל נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער זיצט אין אַזאַ ביליקע קאַפעטעריע. נישט זי האָט דאָ געוואָלט עסן און נישט לאַנג זיצן... זי האָט אים גענומען ערגעץ־ווו נעבן וואַשינגטאָן־סקווער; דאָרטן אין גרינידזש־ווילעדזש, ווו מען זעט באַבערדלדיקע יונגע מענער, און פרויען נישט פאַרקעמטע, אין קאָלירטע הויזן, האָט זי אים אַריינגעפירט אין אַ שיינעם ריינעם קאַפע־רעסטאָראַן ווו מען זיצט ביי ליכטלעך און ווי קעלנער דערלאַנגען עסנס מיט אַ נויג און שיינעם צואַנג.

סעם האָט גענומען קוקן אויף דער שפּייז־קאַרטע און נישט פאַר־שטאַנען די פראַנצויזישע נעמען פון די עסנס. ער האָט נאָר געקוקט אויף די פרייזן ביי דער רעכטער זייט, און איין שפּייז איז געווען טייערער ווי די צווייטע... ער האָט גענומען קוקן אויף די געסט: אַלע אַזעלכע פיין־דערצויגענע מענער און רייך פאַרפּוצטע פרויען, געפאַרבטע אויף בלאָנד. ער האָט געקוקט צו זיין סאָניאַ, וועלכע איז אויך געווען פאַרפּוצט אין אַ שיין שוואַרץ קלייד מיט קורצע אַרבל און דעקאָלט. ער האָט שוין גענומען

גלוסטן צו באַרירן איר בוזעם און איר האַלטן אין זיינע אָרעמס — הלוואי וואָלט ער שוין, די מינוט, געקאָנט אַרויס פון דאַנען!

זי האָט באַשטעלט אַ פלאַש רויטן ווין און פיין געקאַכטע שפייזן. סעם האָט געגעסן מיט אַפעטיט אָבער עס איז אים נישט באַקומען. יעדעס מאָל ווען זי האָט באַשטעלט אַ פרישן מאכל, האָט ער גענומען ציילן וויפל עס באַטרעפט צוזאַמען. ער האָט אויסגערעכנט אַז עס וועט אים קאָסטן מער ווי אַ טאָג אַרבעט, אַ טאָג אַרבעט פון סעזאָן וואָס ער דאַרף אַרבעטן מיט די זייטן.

— און איך האָב געמיינט אַז דו עסט כשר עסן, ווייל דיין טאַטע איז געווען אַ רב — האָט ער איר געגעבן אַ פרעג אין אַן איראָנישן טאָן.

— יאָ, מיין טייערער, איך האָב ליב כשר עסן. אַ צווייט מאָל וועלן מיר גיין עסן צו פינטשיקן — האָט זי אָנגערופן דעם טייערסטן יידישן רעסטאָראַן אין ניו־יאָרק.

פאַר דעם עסן און טרונק־געלט האָט ער באַצאָלט מער ווי אַ טאָג אַרבעט. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַרויסנעמען הונדערט דאָלאַר פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע טויזנט דאָלאַר. אַז מען גייט מיט אַ פרוי טאָר מען נישט זיין קאַרג, אפשר וועט זי שפּעטער קאָכן פאַר אים, האָט ער אויס־גערעכנט.

איז צוגעפאַלן דער אָוונט אין וואַשינגטאָן־סקווער. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען ווי פאַרלאָזן. די נאַקעטעביימער, דער אוניווערזיטעט און די שמאָלע געסלעך מיט די קאַפעען וווּ עס זענען געזעסן סטודענטן, מאָלער, ליידיק־גייער און באָהעמע־מענטשן, אַלץ האָט אָנגענומען אַ מיסטעריעזן אויסזען. זי האָט אים גענומען אויפקלערן די באַדייטונג און געשיכטע פון יעדער גאַס און ער האָט געפילט, מחיהדיק פריש געפילט, איר וואַרעמקייט נעבן אים. אָבער אָנרירן איר, אַ קוש געבן סאַניאַן, האָט ער אַלץ נישט געוואָגט.

*

סעם האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דעם צווייטן שבת. ווי נאָר זי האָט

אים געזאָגט אַז זי האָט דערציילט אירע עלטערן וועגן אים, און אַז אירע שוועסטער ווייסן אויך אַז זי האָט אים באַקענט, איז ער געווען איבער־גליקלעך. ער האָט איינגעהאַנדלט אַ גרויסע באָמבאָניערע און געלאָזט זיך אַ פּאַרפּוצטער קיין לאָנג־איילאַנד. ער איז אַרויף אויפן 5־טן שטאָק און אַנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳האָט געעפנט אַן אַלטיטשקע פרוי נישט ריין אָנגעטאָן, מיט צעשויבערטע גראָע האָר און געבעטן אים זיצן. האָניאָס פאָטער, אַן אַלטער מאַן מיט אַ קרענקלעך פּנים האָט סעמען געגעבן שלום און זיך פאַרגעשטעלט אַז ער האָט אינדערהיים געהאַט סמיכות אויף רבנות, נאָר דאָ, אין דער מדינה, מיט 50 יאָר צוריק, האָט ער זיך גענומען צו בעקעריי...

סעם האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די שוואַרצע ווענט, אויף די אַלטע שטיקער מעבל און אויף דעם שימל: ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין וויאַזוי אַזאַ שיינע בלום ווי סאָניאַ האָט געקאָנט אַרויסקומען פון אַזויפיל אַלטוואַרג און אָפּגעלאָזנקייט...

ווען סאָניאַ איז פאַרטיק געוואָרן מיטן באָדן זיך, איז זי אַרויסגעקומען מיט אַ „סאָררי" און „האַללאָ". זי האָט צו די עלטערן גערעדט אויף ענגליש און סעמען אַרויפגעפירט אַ שטאָק העכער צו איר שוועסטער. סאָניעס שוועסטער, וועלכע האָט געטראָגן הויזן, געהאַט אַ מאַן אַן אַדוואָקאַט, אַ שיינע קאַר, און אַ שענערן און ריינערן אַפּאַרטמענט ווי אירע עלטערן, האָט געהערט פון סאָניאַן אַז דער מאַן איז אַ סוחר, קען גוט העברעיש און איז זייער אַ גוטער...

סעם האָט נישט באַשטעטיקט און נישט אָפּגעלייקנט, ער האָט וואָס גיכער געוואָלט זיין מיט סאָניאַן אויג אויף אויג...

אַראָפּגייענדיק האָט איר סעם געוואָלט פרעגן וועגן אירע עלטערן, אָבער סאָניאַ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג מיט עפּעס אַנדערש.

— איז וואָס דענקסטו, סעם, איך בין געווען פאַרהייראַט צי נישט?

— איך ווייס, אַזאַ מויד ווי דו — וויאַזוי איז מעגלעך אַז אַ מאַן האָט דיך נישט דערזען?

— יאָ, מיין סעם. מען האָט מיך חתונה־געמאַכט צו אַכצן יאָר מיט

אַ מאַן גאָר אַ פרומען. כ׳האָב מיט אים געלעבט נישט מער ווי איין יאָר — מער האָב איך נישט געקאָנט.

— וואָס? ער איז געווען נישט קיין שיינער מאַן?

— גראָד אַ שיינער און שטאַרקער; ער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן.

— וויאַזוי האָט ער געוואָלט לעבן אָן אַרבעט?

— ער האָט געוואָלט איך זאָל אויך אַרבעטן. ער האָט געמיינט, אַז מיין טאַטע האָט געלט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז מיר זענען אָרעם האָט ער מיך געג׳גט.

— אַזוי, ביסטו אַ גרושה?

— ביסט אַנטוישט?

— ניין, נישט אין דעם. ווען יענער גט דיך נישט אָפּ, וואָלט איך דיך נישט באַקענט. מיך וווּנדערט בלויז פאַרוואָס אַזאַ גרושהלע ווי דו האָט ביז איצט נישט געקריגן אַ צווייטן מאַן.

— וואָס הייסט נישט געקריגן? איך וועל נישט נעמען סתם אַ מאַן. ער מוז זיין הויך, אינטעליגענט, שיין און זיין אַ מענטש.

— וואָס הייסט זיין אַ מענטש?

— ווייס איך, — ער זאָל קאָנען פאַרדינען.

— און וויפל הייסט ביי דיר פאַרדינען?

— זעסט מיין שוועסטער מיט איר מאַן? איך וויל אַזאַ לעבן. איך דאַרף אויך אַ פיינע דירה, אַ קאַר און איך האָב זיך ליב אָנצוטאָן.

— איז ווילסטו בכלל נישט אַרבעטן?

— יאָ, צוביסלעך. איך קאָן זיך נישט אויפהייבן פרי. איך האָב ליב צו שפּילן פּיאַנאָ. זאָג מיר, סעם, פאַרשטייסט עפּעס מוזיק?

— יאָ, איך פאַרשטיי מוזיק און איך האָב ליב חזנות — האָט איר סעם געענטפערט. אָבער אַ פרוי דאַרף צוהעלפן אַ מאַן אין פרנסה.

— נו, געוויס. אין אַמעריקע העלפן די פרויען פיל די מענער. אַז דו זאָלסט האָבן אַ געשעפט און איך זאָל זיין דיין ווייב, וואָלט איך געקומען צוהעלפן.

סעם האָט געטראַכט וועגן זיינע קנאַפּע טויזנט דאָלאַר אין באַנק, נאָך פינף יאָר זיין אין אַמעריקע. ער האָט נישט געזען קיין מעגלעכקייט

צו קריגן אַ געשעפט פאַר אַזאַ סומע. אויב זי איז נישט דער טיף פרוי וואָס וויל אַרבעטן, אויב זי מיינט אַז ער האָט געלט, איז אפשר בעסער איר זאָגן דעם אמת און זוכן אַ וועג אַרויס פון דער שנעלער ליבע...

*

ווי אַלע פאַרליבטע פּאָרלעך, אָדער אַזעלכע וואָס מוזן אָנקומען איינער צום צווייטן: סאָניא, אַ יונגע טעמפּעראַמענטפולע פרוי וועלכע האָט שוין געהאַט אַ מאַן, האָט דאָך נישט געקאָנט סתם לייכטזיניק ווערן אינטים מיט יעדן איינעם. זי האָט ליב געהאַט צו ליבן און טראַכטן אַז זי איז די איינציקע ביי אַ מאַן. סעם האָט איר באמת אימפּאָנירט. זי האָט זיך שוין צוגעווינט צו זיין אָרעמער דירה אין וועסט־סייד און אפילו געטיילט ליבע ביי אים אין דער וווינונג. ער האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן ריין און פלעגט אפילו וואַשן די פּאַדלאָגע איידער זי האָט געדאַרפט קומען. אים איז בכלל געווען גוט צו האָבן אַזאַ גרושה ווי סאָניאַ פאַר אַ געליבטער און נישט געדאַרפט זוכן אַ שמוציקע פּאַרטאָריקאַנערין אין זיין געגנט, כדי צו קויפן ביי איר אַ פּאַרציע ליבע פאַר עטלעכע דאָלאַר... זי האָט שוין געוווּסט אַז סעם איז נישט קיין סוחר און פאַרדינט נישט צופיל געלט. אָבער אָפּזאָגן זיך פון עסן כאָטש איינמאָל אַ וואָך אין אַ גוטן רעסטאָראַן און גיין זען אַ פּיעסע, האָט זי נישט געוואָלט. סעם האָט געקאָרגט פון אַנדערע זאַכן און געצאָלט. ער האָט אפילו פון צייט צו צייט געקויפט איר אַ מתנה. דער קאַרגער סעם איז געוואָרן אַ מאַן מיט אַ פּרייער האַנט.

אַז זיי זאָלן חתונה האָבן איז דערווייל נישט געווען קיין רייד. זי האָט פאָרגעשלאָגן אַז זיי זאָלן ביידע פאָרן קיין ישראל, וועט זי נישט דאַרפן פיל געלט און האָבן שטענדיקן זומער. ער, אָבער, האָט איר דערציילט וועגן זיינע שווערע יאָרן אַלס חלוץ אין פּוילן, דערנאָך אין אַ קיבוץ ווו ער האָט געאַרבעט אָן געלט צוליב אידעאַליזם, און דערנאָך אונטער אַ ברענענדיקער זון ביים בויען הייזער. פאַר אים איז דאָ גוט. דאָ קאָן מען עסן פלייש, עפּל און קויפן מער אָנצוגער. דאָ איז מען אויך זיכערער — די אַראַבער שטייען נישט ביי די גרענעצן.

ער האָט געוווּסט אַז מער ווי צו זיין אַן אַרבעטער ביי יענעם איז ער נישט פעיק. קאָן זיין אַז דאָס לעבן אין קיבוץ, ווו ער האָט נישט געדאַרפט זאָרגן און אָנווענדן איניציאַטיוו, האָט ביי אים אָפּגעטויט די אונטערנע־מונגס־פעיקייטן. חוץ דעם: ער איז נישט געווען לייכט אויף דער ענגלישער שפּראַך און האָט נישט פאַרמאָגט די געשיקטקייט און מאַכינאַציעס וואָס עס פאָדערט זיך ביים האַנדל. אויב בלייבן אַן אַרבעטער, איז שוין בעסער אַמעריקע: דאָ איז ער כאָטש געווען פאַרזיכערט מיט אַרבעטסלאָזע פאַר־זיכערונג נאָך 20 וואָכן אַרבעטן. צוואַנציק וואָכן אַ יאָר האָט ער שטענדיק געקאָנט מאַכן ביי זיין לעדער־אַרבעט.

סאָניאַ, אָנשטאָט זי זאָל נעמען זיך צו אַן אַרבעט און פאַרדינען 70—80 דאָלאַר אַ וואָך ווי פיל פרויען האָבן פאַרדינט, האָט זיך גאָר איינ־גערעדט אַז זי איז פעיק צום מאָלן, און אָוועקגעוואָרפן איר האַלבן טאָג אַרבעט אין אַ ביוראָ פון אַן אַדוואָקאַט, אַ גוי. זי האָט געהאַט אַן אויסרייד אַז דער מיאוסער גוי טשעפּעט זיך צו איר...

זי פלעגט באָרגן געלט ביי אירע שוועסטער און אַפילו ביי סעמען. וואָס איר טאַטע־מאַמע האָבן געקריגן פון עלטער־פענסיע און פון די אַנדערע קינדער, איז געווען גענוג אַז סאָניאַ זאָל אויך דערפון לעבן.

ווען סאָניאַ האָט גענומען ברענגען מאָלערייען צו סעמען, אים ווייזן אירע פעיקייטן, איז ער געווען בלינד און שטום. ער איז בכלל געווען אַ מאַן אַן שום פאַרשטענדעניש פאַר קאָלירן. די איינציקע קאָליר וואָס ער האָט אָפּגעשאַצט, איז געווען די ראָזע קאָליר פון סאָניאַס באַקן. אַלע איבע־ריקע זאַכן וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ער פאַרשטייט, און שאַצט אָפּ, איז נאָר געווען איר צוליב צו טאָן. פון דער נאַטור איז זי געווען פיל עמפּינדלעכער און פאַרביקער פון אים. נישט איינמאָל האָט ער געטראַכט אַז מיט ווינציקער אינטעליגענץ און ווינציקער נייגעריקייט, וואָלט זי געווען בעסער פאַר אים.

*

פלעגן אָפּט פאָרקומען קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. זי האָט אים גענומען פאָרוואַרפן אַז ער טויג זידנישט אויס צו עפּעס בעסערס ווי זיין

אַ קנעכט אין אַ פֿאַבריק און אַז זי האָט פֿיינט מענער וואָס האָבן אַ צוגע־טיילטן גראָשן. ער האָט גענומען איבעררעכענען אַז איר שיין פּנימל קאָסט אים סיוּוי צופֿיל. אַ גרעסערער אינטעליגענט אָדער ביזנעסמאַן קאָן ער צוליב איר סיוּוי נישט ווערן.

זי האָט עפּעס גענומען רעדן וועגן „אַלטע באַקאַנטע" וואָס זי דאַרף טרעפֿן שבת אָדער זונטיק, און זי פֿלעגט זיך אָפּט נישט ווייזן. סעם האָט דערשמעקט אַז זי זוכט אַן אַנדערן; טאַקע אַ מאַן מיט געלט און אַן אייגענער ביזנעס.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און זיי האָבן זיך צעקריגט. אַריבער אַ וואָך, צוויי און אַ חודש, און נישט סעם און נישט סאָניאַ גייען צו צום טעלעפֿאָן. ער איז צוריק געוואָרן אַן איינגייער אין דער קאָפֿעטעריע אויף דער 96־טער גאַס, און זיינע פֿריינט האָבן פֿון אים אַ ביסל שפּאַס געמאַכט, אַז ער האָט געוואָלט שפּרונגען צו הויך: צו אַ רבס אַ טאָכטער אַזש קיין לאָנג־איילאַנד.

איינמאָל, וויסנדיק אַז סאָניאַ האָט ליב אָפּעראַ, האָט ער איינגעהאַנדלט צוויי בילעטן און איר צוגעשיקט איינעם. אַזויאַרום האָט ער איר געוואָלט איבערבעטן.

אָבער אומזיסט זיין וואַרטן. נישט אינדרויסן ביי דער אָפּערע, נישט אויבן און נישט נעבן אים. דאָס ליידיקע פּלאַץ און די פֿאַרשעמטקייט האָט געריסן זיין האַרץ. ער האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען פֿון „לאַ באָהעם" און נישט אויסגעזעסן ביז דער ענדע; אַ צעבראָכענער איז ער געגאַנגען אַ היים און זיך געלייגט אין בעט נישט אויסטוענדיק זיינע בגדים.

אָבער מער ווי אַ וואָך האָט סעם נישט אויסגעהאַלטן. נאָכדעם ווי דער בילעט פֿון דער אָפּערע איז צוריקגעקומען אַ טאָג־צוויי נאָך דער פֿאַרשטעלונג, האָט ער מיט רוגזה זיך געלאָזט צו איר געגנט אין לאָנג־איילאַנד, און נעבן איר שטוב געררעדט צו איר שבת בייטאָג דורכן טעלע־פֿאָן. זי האָט אים גאַנץ קאַלט געענטפֿערט:

— געווען פֿאַרנומען דעם טאָג; אויב ער וויל קאָן זי אַרויסקומען.

דאָסמאָל, נאָך צוויי חדשים איר נישט זען איז ער באמת געשטאַנען מיט האַרצקלאַפּעניש. יעדע מינוט איז ביי אים געווען אַ יאָר. דער פֿערציק־

יאָריקער סעם האָט געפּיבערט ווי אַ 16־יאָריק ייִנגל. ווען זי האָט זיך באַוויזן מיט איר גראַציעז גענגעלע, האָט ער געמיינט אַז ער קריגט די נכפּה.

אַזוי ווי אַן אָפּמאַך: מען האָט בכלל נישט גערעדט וועגן פאַרגאַנגענע טעג און וואָכן. זיי זענען צוגעפאָרן צו אַ פּליאַזשע און געקוקט ווי די זון שפּילט זיך מיט דעם וואַסער, ווי מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער, באָדן זיך און זענען פריילעך, און ווי די וועלט אַרום איז פול מיט שיינ־קייט און מנוחה.

איז צוגעפאַלן דער אָוונט. סעם האָט איר פאַרבעטן אין אַ טייערן רעסטאָראַן. סאָניאַ האָט דאָרטן געטראָפן באַקאַנטע און מ׳האָט איר גע־פרעגט צי דער מאַן מיט וועמען זי זיצט איז איר נייער באַשערטער. זי האָט ממזריש זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער...

דערנאָך האָט זי, אָן אַ שום פאַרוואָס, געגעבן אַ זאָג צו סעמען:

— ווילסט אפשר אַרויפגיין אַ ביסל צו מיין שוועסטער? זיי זענען היינט אויף דאַטשע, שלאָף איך ביי זיי און איך היט די וווינונג.

צי סעם האָט געוואָלט אַרויפגיין? אפילו זי זאָל אים לאָזן אויף אַ שעה־צוויי פילן איר נאָענטקייט נעבן זיך, וואָלט ער אַלץ אָוועקגעגעבן.

זיי האָבן גערעדט, געטרונקען טיי, געקוקט אין טעלעוויזיע־קאַסטן און געזען ווי אַ פּאָרל קריגט זיך און טוט זיך איבערבעטן, און זי האָט זיך אַנטשולדיקט: זי איז אַריין נעמען אַ באָד. סעם האָט דערווייל באַטראַכט די צימערן, און פּרובירט לייענען די נעמען פון די אייל־בילדער אויף די ווענט צי זיי זענען פון סאָניאַ באַרטאָוו, אָבער איר שוועסטער האָט גאָר אויפגעהאָנגען פון פראַנצויזישע מאָלערס. ער האָט דורכגעקוקט די נעמען פון די ביכער געבונדענע און אין פּאַפּיר־באַנד: אַלץ אויף ענגליש פון שרייבער וועלכע ער האָט נישט געקענט. ער האָט געמיינט, אַז ביי אַ רבס אַ טאָכטער וועט ער כאָטש געפינען דעם תלמוד, דעם תנ״ך, אָדער כאָטש אַ בוך פון שלום אַש (פון דעם שרייבער האָט ער געקענט „מאָטקע גנב״. סעם האָט בכלל ווינציק ביכער געלייענט אין זיין לעבן).

ווען סאָניאַ איז אַן אַרומגעוואַשענע און אָפּגעפרישטע אַרויס פון באָד־צימער, האָט זי דאָס ערשטע אַראָפּטעלעפאָנירט צו אירע עלטערן, זיי זאָגן

אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אַז זי וועט באַלד זיך לייגן שלאָפן. אַז זי האָט אַ גאַסט ביי זיך אין דער וווינונג האָט זי נישט דערמאָנט...

סעם האָט בכלל נישט געוווּסט וויאַזוי ער דאַרף זיך דעם אָוונט האַלטן. זי האָט אים נישט געזאָגט ער זאָל אַוועקגיין און זי האָט אים געהייסן בלייבן נעכטיקן. עס האָט פון איר געווייעט אַ נאָנטקייט און אַ ווייטקייט. ער האָט בכלל נישט געוווּסט צי ער האָט צו טאָן מיט דער זעלבער סאָניאָן, וועלכע ער האָט באַקענט מיט אַכט־ניין חדשים צוריק.

זי האָט באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט. זי האָט ווידעראַמאָל אויפגעקאָכט טיי. און זי האָט צוגעשטעלט אַ ביסל משקה מיט קיכלעך. זי איז געוואָרן וואַרעמער אין איר טאָן און זי האָט פאַרזיכטיק אים גענומען רייצן מיט איר בוזעם וואָס האָט שניי־ווייס אַרויסגעקוקט פון איר האַלב־פאַרקנעפלטער טונקעלער פּידזשאַמע און שלאַפראָק.

— דו קאָנסט דאָ שלאָפן — האָט זי געגעבן אַ וויז אויף דער קאַנאַפּע

— דו קאָנסט שלאָפן וווּ דיר געפעלט, — האָט זי גערעדט אַנציעריש.

— אויב אַזוי שלאָף איך וווּ מיר געפעלט! — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שלאָף־צימער. זי האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט בלויז באַמערקט:

— אויב דו ווילסט קאָנסטו נעמען אַ באָד.

*

זיי זענען אויפגעשטאַנען ניין פרי. זי, אַ צעשויבערטע איז אַרויס פון בעט אויפקאָכן טיי און ער האָט גענומען גענעצן. זי האָט אים דערלאַנגט טיי און אַ קוש געגעבן איבער זיינע ליפן. ער האָט ווידעראַמאָל געוואָלט זי אַריינכאַפּן אין זיינע אָרעמס, אָבער זי איז שנעל אַרויס זיך אָנטאָן און אַריינגעשריגן אַז ער מוז זיך צו איילן.

— אָבער, פאַרוואָס? לאָז מיך אונטערליגן, לאָמיר פאַרברענגען דעם טאָג אַ ביסל פוילענצעריש, — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

— ניין, דו מוזט אַוועק נישט שפּעטער ווי צען דרייסיק. איך וועל אַרונטערגיין העלפן מיין מוטער אָפּקאָכן מיטאָג — פאַרשטייסט?

— איז ווילסטו איך זאָל וואַרטן, מיר זאָלן זיך טרעפן נאָכמיטאָג?

— ניין, איך קאָן נישט היינט. עמיצער קומט אונדז באַזוכן.

— איז אויב דו ווילסט וועל איך קומען צו דיינע עלטערן נאָכמיטאָג.

— ניין, האָב איך געזאָגט! דאַרפסט שוין פאַרלאָזן דאָס הויז.

— וואָס איז די אײַלעניש. אַ געליבטן טרײַבט מען נישט פון הויז — האָט ער גענומען ריידן מיט אַ ביסל כעס.

— איז וואָס מיינסטו אַז איך בין צו דיר צוגעשוווירן? אפשר קומט היינט איינער וועמען איך קען פון פריער, פאַר דיר? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ געלעכטערל אויף איר פּנים.

— וואָס הייסט פאַר מיר? דו שלאָפסט דאָך מיט מיר? — ווער איז דאָ וויכטיקער?

— אפשר בין איך מיט אים אויך געשלאָפן, וואָס ווייסטו?

— ווער איז ער? איך וועל פונדאַנען נישט גיין! איך מוז אים זען!

סעם האָט זיך געוואָרפן פון כעס. זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. ער האָט איר גענומען אָנרופן מיט זידל־ווערטער און געקלאַפּט אין טיש. זי איז געבליבן רואיק און געזאָגט:

— דו קאָנסט מיר נישט פאַרווערן מיט וועמען צו גיין, און מיט וועמען חתונה צו האָבן. דערווייל האָב איך נאָך מיט קיין ציגל־טרעגער נישט חתונה. אויב דו ווילסט און מוזט שוין יאָ וויסן, קומט היינט צו מיר אַ מאַן מיט אַ קאַר, וועלכער האָט אַן אייגן געשעפט. איך זע אים די לעצטע פיר וואָכן יעדן וויק־ענד, און דו קענסט גאַרנישט טאָן צו דעם.

— אַזוי גאָר?! — האָט סעם געגלאָצט מיט די אויגן און געבליבן מיט אַן אָפן מויל — דו האָסט נאָך אַ געליבטן? אַ רייכן? און נישט קיין „ציגל־טרעגער"?

— דאָס וואָס דו הערסט! וואָס מיינסטו אַז איך וועל חתונה האָבן מיט אַ גרינעם?

סעם איז געבליבן שטיין און באַטראַכט סאָניאַן. ער איז געוואָרן רואיק און עפּעס גענומען איבערטראַכטן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ גלעט געגעבן זיין קראַוואַט און זיין בלאָנדן קאָפּ האָר און זיך אָפּגערופן:

— וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון אַזאַ אַמעריקאַנערין ווי דו ביסט?

דו ביסט נישט ווערט וואָס אַ גרינער רעדט צו דיר! דו ביסט אַ שטיק פּאַסקודסטווע!

דערנאָך איז ער מיט אימפּעט צו צו דער טיר און מיט כעס איר פאַר־קלאַפּט הינטער זיך. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף דער ווינדע. ער איז האַסטיק אַרונטער אַלע שטיגן און ביים אַרויסגאַנג באַמערקט סאַניאַס פאָטער, אָבער דער אַלטער האָט אים נישט באַמערקט.

סעם האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אָט האָסטו דיר אַ רב מיט אַזאַ טאָכטער!

אַ שעה שפּעטער איז שוין סעם געזעסן אין דער קאַפעטעריע אויף דער 96־טער גאַס און געהערט ווי חברה „גרינע" וויצלען זיך איבער די אַמעריקאַנערינס, אָבער ער איז געזעסן אָן מוט צום לעבן.

אויס טאַטע

אַ געשעפט פון שניידעריי, ערגעץ אין אַ הינטערגאַס אין ווינּיפּעג. עס זיצט דאָרטן מאָריס קרייטמאַן און ציט פּאַמעלעך די נאָדל. ער שטעכט די נאָדל, קירצט אַ פּאָר אַרבל פון אַ רעקל, און ער קוקט זיך ארום. מאָריס, אַ נידעריק מענטשעלע, מיט אַ פּאָר בלאָע סענטימענטאַלע אויגן, און ווייכע ווייבערישע הענטלעך, קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט ערשט היינט דאָ אָנגעקומען. די ניי־מאַשין, דער פּרעס־טיש, די אַנדערע שניידערישע מכשירים, בפרט די אַלטע פּעק מלבושים, וואָס פּרויען און מענער פון דער געגנט ברענגען אַריין צו פאַרריכטן און אויסצופּרעסן — דאָס אַלץ איז אים שרעקלעך פרעמד.

ווען די זון שיינט אַמאָל אַריין דורך דער פאַרהאַנגענער און פאַר־שמירטער שויב, בלייבט מאָריס אײַנגאַנצן אַ פאַרטראַכטער. ער באַטראַכט די זון־שטראַלן, וועלכע נעמען גלעטן אַ גרינעם מאַנטל, אָדער אַ גראָען ראָק. און מאָריס נעמט עפּעס חלומען וועגן פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג. וואָס זענען געווען פול מיט אַזוי פיל היימישקייט און נאָענטקייט אין דעם לאַנד פון זיין קינדהייט און יוגנט, וויַיט־ווייט, ערגעץ־ווו, דאָרטן, איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

שפּעט נאָכמיטאָג קומט אַריין (אַזוי כמעט יעדן טאָג) אַ יונגע פרוי אויף דינע הויכע פיס, און זי זאָגט „האַי!" זי עפנט אַ פאַרשנורעוועט מיילעכל צו באַגריסן מאָריסן, און זי לאָזט זיך גלייך צו דער קאַסע. זי נעמט אַרויס אַלע דאָלאַרן־פּאַפּירלעך און לאָזט איבער דאָס קליינגעלט. זי רוקט אַרויף די ברילן מיט די געבלימלטע ראַמלעך העכער איבער דער נאָז, און זי שפּיזט אָן אירע ביר־קאָליר־אויגן אויף מאָריסן מיט אַזאַ זאָג:

— מאָריס, דו מאַכסט גאָרנישט מיט גאָרנישט. פאַרוואָס נעמסטו נישט צו עטלעכע מענטשן צו דער אַרבעט, מאָריס?

מאָריס נעמט אַריין זיין פאַרחלומטן בליק פון דרויסן אין געשעפטל אַריין. ער לייגט איינגאַנצן אַוועק די נאָדל און נעמט באַטראַכטן די פרוי. ער קוקט זי אָן און קאָן גאָרנישט פאַרשטיין:

— ווי אַזוי איז דאָס אַלץ צושטאַנדגעקומען? — טראַכט ער — ווי אַזוי איז ער אַריין אין דער פאַרמער־שטאָט וויניפּעג? און די דאָזיקע מאַלי, ווי אַזוי איז זי געוואָרן זיין ווייב?

מאָריס איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אָנגעקומען פון רוס־לאַנד און פון די דייטשע לאַגערן, וווהין ער איז געהאַט פאַרשלעפּט געוואָרן, קיין מאָנטרעאָל. ער איז געבליבן איינער אַליין פון זיין גאַנצער פאַמיליע. פלעגט מאָריס קומען נאָך זיין אַרבעט אין אַ שניידער פאַבריק אין דעם „דזשואיזש סענטער". דאָרטן פלעגט ער טרעפן אייגענע, אויך אַזעלכע פאַרוואָגלטע ווי ער. און דאָרטן האָט זיך אויך באַוויזן די הויך־געוויקסיקע מאַלי. זי האָט געזען, אַז ביי אירע אָרעמע טאַטע־מאַמע אין וויניפּעג וועט קיינער נישט קומען זי זוכן. איז זי צו 28 יאָר געפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, מיט מער ייִדן, און זי איז געוואָרן דרייסטער. זי האָט אַליין געמאַנט ביי יונגעלייט, אַז זיי זאָלן מיט איר שליסן באַקאַנט־שאַפט. און זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צוריקצוקומען קיין וויניפּעג אָן אַ חתן.

מאַלי האָט מאָריסן נישט צוגעצויגן מיט אַ שיין פּנימל, אָדער מיט אַ שיינער, זגראַבבער פיגור, ווי אַנדערע טוען דאָס. וואָס איז נעבעך מאַלי געווען שולדיק, אַז גאָט האָט זי נישט באַשאָנקען מיט צופיל פרויען־רייץ?

ווען מאַלי האָט געזען און געהערט ווי ביי די ניי־געקומענע יונגעלייט שפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע זייער מאַמע־לשון פון דער אַלטער היים, איז זי געווען ביי זיך זיכער, אַז זי קאָן אויסנעמען מער ווי אַנדערע קאַנאַדיש־געבוירענע ייִדישע מיידלעך. זי, מאַלי, האָט דווקא געקענט מאַמע־לשון פון אירע עלטערן. און זי האָט טאַקע געהאַט געלערנט אין אַ ייִדישער שולע אין איר שטאָט.

ביי מאָריסן האָט איר ייִדיש־ריידן געהאַט טויזנט טעמים. עפּעס איז אים איר ייִדיש צעגאַנגען אין אַלע אברים און עס איז אים געוואָרן מחיהדיק זיס. מאַלי האָט מאָריסן כמעט ווי פאַרכישופט. און ער איז איר טאַקע

נאָכגעגאַנגען, אָדער נאָכגעפאָרן, דעם גאַנצן וועג פון מאָנטרעאָל ביז וויניפעג.

*

פיל ווייבלעך וואָרפן אַוועק דאָס פוצן, קעמען און וואַשן זיך, נאָך דער חתונה. מאַלי האָט אַוועקגעוואָרפן איר יידיש רעדן. זי האָט אַפילו נישט געוואָרט ביז מאָריס וועט זיך אויסלערנען ענגליש... ווי נאָר זי האָט אים מיטגענומען קיין וויניפעג, באַלד אויף דער באַן, האָט זי אויפגעהערט צו רעדן מאָריסעס שפּראַך. זי האָט באַשלאָסן צו ווייזן אירע חברטעס, וועלכע האָבן אַלע געהייראָט מיט קאַנאַדישע יונגעלייט, אַז איר מאָריס, פאַרשטייט שוין אַלץ אויף ענגליש.

אַזוי איז געווען די קאַנאַדערין מאַלי. אירע עלטערן, האַרעפּאַשנע און פשוטע מענטשן, האָבן דווקא גערעדט צו מאָריסן יידיש. און סעם, אַ פעסטער יונג מיט אַ רויט פּנים און מיט שטאַרקע הענט ווי ביי אַ גיבור, פלעגט אויך רעדן מיט מאָריסן יידיש. יעדעס מאָל, ווען דער סעם פלעגט זיך באַווייזן, מיט אימפּעט אַריינפאַלן צו מאָריסן אין שניידער־געשעפטל, פלעגט ער אויסשרייען:

— משה, וואָס טוט זיך? פאַרוואָס שאָקלסטו נישט אויס דאָס זאַמד פון די אַרבל?! דאָ איז אַמעריקע! ניי אַ ביסל שנעלער!

מאָריס, אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף, האָט זיך צוגעהערט ווי זיין שוואָגער רעדט יידיש. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי סעם, וועלכער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, שפּראַצט מיט גבורה. עס איז מאָריסן געווען אַ ביסעלע דערווידער וואָס דער שוואָגער זיינער איז אַזוי געזונט און פאַרמאָגט אַ פולן קאָפּ האָר אָן גראָע פעדים, כאָטש ער איז עלטער פון אים.

— פאָלג מיך, משה, וואָרף אַוועק די נאָדל און פאָר אַרום מיט מיר איינקויפן „דזשאָנק”. פון דיין ציען מיט דער נאָדל וועסטו אַ ווייב נישט קאָנען געבן צו עסן. אָט זע, פון די אַלטע אייזנס און בעטן האָב איך היינט שוין פאַרדינט 25 דאָלער!

משה האָט באַטראַכט דעם שוואָגער זיינעם, אָבער סעם האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— האָסטו שוין היינט פאַרדינט אַ זלאָטע? מיין שוועסטער האָט שוין איין מאָל געכאַפּט אַ מציאה! — אַזוי האָט ער אָפּגעלאַכט פון מאָריסן.

— וואָס? — איז משה געוואָרן בייז — וואָס גייט דיך אָן וויפל איך האָב היינט פאַרדינט? כ'האָב עפּעס דיין שוועסטער צוגעזאָגט גליקן? זי איז מיר נאָכגעלאָפן!

— אַזוי גאָר? קוק אים נר אָן דעם פוילישן, דעם גרינעם! מיין שוועסטער איז אים נאָכגעלאָפן! עד, ווען מיין שוועסטער זאָל מיך וועלן פאָלגן — האָט סעם עפּעס נישט דערזאָגט.

— יאָ, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך טאַקע נישט קיין הויכער — האָט דער קליינגעוויקסיקער מאָריס גערעדט מיט אַ פייערל אין די אויגן — די פרויען אין רוסלאַנד זענען מיר נאָכגעלאָפן. און טאַקע שיינע פרויען. אַזאַ יאָר אויף מיר וואָסערע פרויען!

— אַזוי?! — האָט סעם אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן — דיר זענען פרויען אין רוסלאַנד נאָכגעלאָפן? איצט שטעל זיך פאָר, ווען איך וואָלט דאָרטן געווען!

מאָריס האָט איצט שטילערהייט געהאַט אַ נקמה־געפיל וואָס סעמס ווייב איז מיאוסער ווי זיינע...

מאָריס האָט מיט זיין שוואָגער נישט געוואָלט פיל איינטענהן. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גראָבן יונג. נישט מען קאָן מיט אים רעדן וועגן פּאָליטיק; נישט ער ווייסט ווער אברהם רייזען איז געווען; נישט ער פאַרשטייט דעם טעם פון אַ יידיש ליד, בפרט נאָך, ווען דער שוואָגער זיינער, ווען ער דאַרף אַ נייעם אָנצוג, געטרויט ער נישט, אַז מאָריס זאָל אים אויפנייען, נאָר ער גייט קויפן אַ גרייטן!

*

אַזוי יעדן טאָג. זיין ווייב פלעגט קומען אַרויסנעמען דאָס פאַרדינסט פון קעסטעלע און אַמאָל צוואָרפן:

— שלאָפסט שוין ווידער? אַנדערע מענער מאַכן געלט און ברענגען אַלץ אין שטוב אַריין. אָבער מיין מאַן שלאָפט — האָט זי צוגעגעבן אויף יידיש.

פלעגט ער אַרונטערלאָזן די אויגן אָדער זיך קראַצן אין די גרוי־געוואָרענע שלייפן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער דאַרף ברענגען אין שטוב אַריין, אויב אַ בעט, אַ טיש און עטלעכע שטולן זענען דאָ, און אַפילו אַ טעלעוויזיע.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קינדערישע יאָרן, אויף דער שמאָלער מילע, אין וואַרשע. זיין פאָטער, אויך אַ שניידער, איז יונג געשטאָרבן, און די מאַמע זיינע האָט נישט געקאָנט שפייזן אירע קינדער. דערנאָך איז געקומען די מלחמה. ער האָט זיין מאַמען און די יינגערע ברידער פאַרלאָזן. ער האָט זיך געראַטעוועט אויף דער רוסישער זייט. דערנאָך די וואָגלענישן און דער פיין. פאַרוואָס קאָן זיין ווייב נישט פאַרשטיין דעם בראָך זיינעם און זיין איינזאַמקייט?

כדי אויסצומיידן די געשרייען און די פאָרוווּרפן פון זיין ווייב, האָט מאָריס גענומען זיצן לענגער אין זיין שניידער־געשעפטל. טיילמאָל האָט ער טאַקע אַריינגעאַרבעט „גאָטס שטונדן״, כדי צו ווייזן, אַז ער קען אויך פאַרדינען אַ דאָלאַר. און טיילמאָל פלעגט ער זיך נישט קאָנען אָפּרייסן פון זיינע ניי־געקומענע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע פלעגן נאָך דער אַרבעט אַריינקומען צו מאָריסן, ווער פאַראיכטן אַ מלבוש, ווער עפּעס אויספּרעסן, און ווער טאַקע אויפנייען אַ נייעם בגד. מאָריס פלעגט אַלעמען אַריינלאָזן און מיט יעדן איינעם זיך פילן היימיש. זיי פלעגן דערציילן ווי שווער עס איז צו אַרבעטן אין די שניידער־פאַבריקן, וווהין עס קומען אַן פיל אוקראַי־נישע און דייטשע פרויען, און ווי אַזוי מען פירט איין „סעקשאַן״ אַרבעט און ווי מען צאָלט פּרוטות פאַר די צעטיילטע סעקציע־אַרבעטן, און ווי אַזוי מען דאַרף אַרויסיאָגן פון זיך די נשמה, שוין באַלד אַזוי ווי אין די פאַבריקן אין ניו־יאָרק.

זיי, די ניי־געקומענע, מאָריסעס פריינט, האָט אַזוי געצויגן צוריק. וועמען קיין פּאַריז, וועמען קיין דייטשלאַנד, און וועמען קיין ישראל. וויניפּעג האָבן זיי געהאַלטן פאַר דער ערגסטער שטאָט אין דער וועלט.

מאַלי פלעגט אין אַזעלכע אָוונטן טעלעפאָנירן און רופן מאָריסן אַהיים, ווייל דאָס עסן ווערט קאַלט. אָבער מאָריס פלעגט בלייבן ביז צען־עלף אַזייגער ביינאַכט. דער שניידער־וואַרשטאַט איז געוואָרן זיין היים.

ווען אָבער מאָריס האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין ווייבל מאַלי שוואַנגערט און אַז זי וועט אינגיכן געבוירן אַ קינד, איז ער געוואָרן באַפליגלט מיט פרייד. אַט ערשט וועט ער נעמען אַרבעטן. ער וועט ווערן אַ טאַטע און געבן זיין קינד אַלץ — אַלץ, וואָס אים האָט געפעלט אין דער היים.

איצט פלעגט ער זיצן און חלומען ווי אַזוי זיין זון (אַ טאָכטער האָט ער גאָרנישט צוגעלאָזט צום געדאַנק...) וועט אויסזען. ער וועט האָבן דעם טאַטנס בלאָע אויגן, און ער וועט זינגען יידישע לידער. ער אַליין וועט אים לערנען.

דערצו האָט ער געטראַכט:

— זי וועט האָבן אַ קינד, וועט זי מיך צורו לאָזן. עס וועט קאָנען אַריינ־קומען אַן אייגענער מענטש פון פוילן. מען וועט איבעררעדן וועגן די צייטן אין רוסלאַנד. מיין ווייב וועט נישט האָבן קיין צייט צו קומען אַהער יעדן טאָג און פאַרטרייבן מיינע פריינט...

*

פאַר ניי־יאָר, ווען מאָריס איז געזעסן איבערגעבויגן איבער זיין שניי־דעריי און געשוויצט מער ווי שטענדיק, האָט ער גענומען אַריינקלערן, אַז ער איז שוין איבער פערציק יאָר אַלט און ער פאַרמאָגט אַ מידן גאַנג. אַט זעט ער אין שפּיגל, אַז זיינע האָר זענען אַוועקגעפלויגן ווי זיינע יוגנט־יאָרן און אַז ער איז געבליבן כמעט מיט אַ נאַקעטן שאַרבן — וואָסער סאָרט טאַטע וועט ער זיין פאַר אַ ניי־געבוירן קינד?

זי, מאַלי, איז נאָך נישט קיין דרייסיק יאָר אַלט. זי קאָן נאָך האָבן עטלעכע קינדער. ער וועט מוזן אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר, אַז ער זאָל אים געבן עפּעס צו שטאַרקן. ער וויל זיין אַ שטאַרקער טאַטע. ער טאָר נישט זיין קיין צעבראָכענער שאַרבן.

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער דערזען אָנקומען זיין מאַלין. זי איז דאָסמאָל

געווען באַרעדעוודיקער. זי האָט אַפּילו אַריינגעוואָרפן עטלעכע יידישע ווערטער, און אים, מאָריסן, געגעבן אָנצוהערן, אַז דער דאָקטאָר זאָגט היינט, מאָרגן...

*

איז עפּעס קאַליע געוואָרן. באַלד נאָכדעם, ווי מאָריס איז אין אַ פּראָסט־קאַלטן פרימאָרגן געפאָרן עפענען זיין שניידער־געשעפטל, האָט זיין מאַלי דערפּילט שטאַרקע ווייטאָקן. איר מוטער און איר ברודער האָבן זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל פאַר געווינעריננס.

איידער וואָס ווען, האָט מען מאַלין געמוזט אָפּערירן, און מען האָט ביי איר אָפּגענומען אַ טויט קינד. אַליין איז זי, מאַלי, פאָרט אַרויס פון געפאַר. די בלוט־טראַנספּוזיע, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן, האָט פּשוט געראַטעוועט איר לעבן.

ווען מאָריס האָט דערהערט אַ טעלעפאָן־קלונג, האָט ער עפּעס ווי אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. זיין שוואָגער האָט אים, וויינענדיק, איבערגעגעבן וועגן דער לאַגע, און אים געבעטן קומען אין שפּיטאָל אַריין. מאָריס האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טרייבל און גענומען קוקן ערגעץ ווייט אַוועק, אַריבער צו אַ יענער וועלט. עפּעס האָט זיך אין אים אָפּגעריסן. ער האָט נישט געוווּסט, צי זיין האַרץ, אָדער טאַקע די הענט און פיס, זענען ביי אים געליימט...

די טאַקסי האָט אים געבראַכט צום שפּיטאָל. אַ גאַנצן וועג האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן אַ וואָרט, אָדער ווערטער, ווי אַזוי צו טרייסטן זיין ווייב. אָבער ער אַליין האָט עפּעס אויך דערוואַרט אַ טרייסט פון איר...

אַריינגעקומען צו זיין בלאַסער מאַלי איז ער מיט אַ „האַי, דאַרלינג!”. זי האָט אַביסל אויפגעלעבט און אים פאַרזיכערט, אַז זי פילט זיך גוט.

דערנאָך, ווען ער האָט איר געגלעט די הענט און אַרויסגעוויזן צערט־לעכקייט, איז ער געזעסן נעבן איר און זיך געהיט נישט אויסצוווינען איר זיין בראָך. זי האָט אים רחמנותדיק אָנגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— מאָריס, ווי גייט עס אין די ביזנעס?

די שטאָט מיט שמאָלע הימלען

מאָריס האָט באַטראַכט זיין ווייב און ווידער גענומען שוועבן ערגעץ־ווו אין די הימלען. די פראַגע אירע, וועגן די ביזנעס, איז געווען עפּעס אַזעלכעס, אויף וואָס ער האָט זיך איצט נישט געהאַט געריכט.

ער האָט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל און ער איז געפאָרן צו זיין שניידער־געשעפטל איינגאַנצן אַ צעבראָכענער.

די מעצענאַטקע

ווער האָט עס נישט געהערט פון פוילישן שטעטל מאַזאָוו?

קען זיין, אַז פיל נישט־יידן און אפשר אויך פיל יידן אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק האָבן נישט געהערט פון אַזאַ שטעטל, וואָס ליגט האַרט ביים בוג און נעבן שיינע, גרויסע וועלדער. דער בוג שווענקט די ברעגעס פונעם שטעטעלע און מאַכט דעם אַנשטעל ווי ער וואָלט אַריינשיקן די כוואַליעס געבן אַ שפּאַציר איבער שטעטלדיקע געסלעך, נאָר די סאָסנע־בוימער פאַרזיכערן שטיל, אָבער מיט כוח, אַז זיי וועלן אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן...

דאָס שטעטעלע פלעגט באַקן מצות און זיי שיקן קיין וואַרשע. ווען יידן האָבן אין וואַרשע אויסגעפונען דעם טעם פון זאַמאָווער מצות, פלעגן זיי אַראָפּשיקן ווייבער און קינדער צו דעם שטעטעלע אויף זומער־דאַטשע.

וועט דאָך נישט די גאַנצע יוגנט, פון פרום און פריי, וואַרטן אַז מצות און דאַטשע זאָלן שפּייזן אַ גאַנץ יאָר. עס וואַקסן אונטער יידישע אָרגאַני־זאַציעס פון ציוניסטן און בונדיסטן, עס נעמען זיך שושקען אין די וועלדער, רחמנא ליצלן, אויך אַזעלכע, וואָס מ׳רופט „אַנאַרכיסטן” און „קאָמוניסטן”. און די אַלע, סיי פון פרומע טאַטע־מאַמע, און סיי פון אָרעמע שיסטער און שניידער־נעסטן, האָבן עפּעס נישט געקאָנט געפונען געגנוג לופט אין די וועלדער אַרום זאַמאָוו, און אַפילו נישט ביים מחיהדיקן טייך בוג: די יוגנט פאַרלאָזט די אָרעמע אָדער מער זאַטלעכע נעסטן און לאָזט זיך איבערן ים.

די מרס. ציפּרין איז אויך געפאָרן. דעמאָלט, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זי געווען אַ יונג שיין מיידל און געהייסן רבקה לאַכאָוו. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ שניט־סוחר און איר האָט כמעט גאָרנישט געפעלט אין זאַמאָוו. אָבער, ווען איר חתן פון אַ דערבייאיק שטעטל איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווען פיל פון אירע חברים און חברטעס האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, און אין שטעטל איז רבקהן כמעט ווי נישט געבליבן מיט וועמען פון איר עלטער צו דיסקוטירן וועגן אַ בוך פון רוסישן שרייבער אַרציבאַשעוו, האָט זי אויך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן איר היים.

איר חתן יעקב ציפּרין, וועלכער איז נישט געווען אַזוי שטאַרק געביל־

דעט און נישט געגנוג שיין, האָט רבקהן נישט אַריינגענומען אין אַ פּאַלאַץ. ער האָט פאַרמאָגט אַ טיש מיט פאַרשידענע סחורות אין דעם גאָסן־מאַרק פון אָרעמען האַרלעם־געגנט, וואָס איז געווען באַוווּנט פון בלויז נעגער, וועמענס אורעלטערן מ׳האָט אַמאָל געבראַכט פון אַפריקע אַלס שקלאַפן. דאָ, אין דער געגנט, האָט מר. ציפּרין פאַרמאָגט צוויי קליינע צימערלעך. ווען רבקה איז געקומען, געשטעלט מיט אים אַ חופּה, און גענומען אים צוהעלפן, אָדער טאַקע מיטאַרבעטן זיבן טעג אין דער וואָך, צו זעכצן און מער שעהן ביים האַנדל מיט העמדער, זאָקן און אַרבעטס־הויזן, האָבן זיי דורך יאָרן, און יאָרן, דורכגייענדיק „קאַלטס און וואַרעמס״, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, באַוויזן צו עפענען אַ גרויס געשעפט פון וויין, און אַריינציען זיך צווישן רייכע, אין דער וועסטשעסטער געגנט, ווו פאַר יעדער טיר שטייען צוויי־דריי אויטאָמאָבילן פון מאַן, ווייב און זון, און יעדעס צימער האָט אַ טעלעוויזיע־קאַסטן.

ניין, מרס. ציפּרין איז שוין היינט נישט אַזוי פלינק און שיין ווי אַמאָל. דער האַנדל מיט שוואַרצע, וואָס ברענגט צו כיטרעקייט, פון איבערקליגלען, און פון פאַמעלעכן זאַמלען און שפּאָרן געלט, לייגט אַרויף אַ שטעמפּל אויפן פּנים. אַזוי זי און אַזוי איר מאַן. זיי האָבן ביידע אויסגעזען ווי טיפּישע קליינהענדלער וועלכע מעסטן אָפּ אַ מענטש וויפל מ׳קאָן פאַרדינען ביי אים.

אָבער, נישט אַלץ קאָן מען אויפגעבן. די מרס. ציפּרין, למשל, האָט אירע אַלע ראַדיקאַלע אָנשויונגען פון שטעטל נישט אַוועקגעוואָרפן. אמת, פון אַרציבאַשעווס „סאַנין״ האָט זי מער נישט גערעדט, אָבער פון סאָציאַ־ליסטישע געדאַנקען האָט זי זיך אײַנגערעדט אַז זי האַלט יאָ. זי האָט אַמאָל געלייענט אַ בוך פון דרייזער, און פון אַפּטאָן סינקלער, זי פלעגט אַמאָל גיין אויף אַ קאָנצערט, אָדער אויף אַ רעפעראַט און בכלל זיך מישן מיט דעם מיטלקלאַס און רייכע פרויען וועלכע האָבן געהאַט צייט פאַר בעסערע זאַכן, בשעת זייערע מענער האָבן טאָג און נאַכט זיך פאַרנומען מיט ביזנעס.

מיט קינדער איז מרס. ציפּרין נישט געוואָרן באַגליקט. מר. ציפּרין וואָלט יאָ געוואָלט אַדאָפּטירן אַ קינד, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו קיין פרעמדע קינדער. ער, ווי יעדער באַלעבאַטישער מאַן אין

אַמעריקע, איז געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז מען מוז דער פרוי לאָזן אָנפירן מיט קולטור־ און קהל־זאַכן. ער האָט געוווּסט אַז די פרויען פירן דאָ די גראַנדע און זאָגן אַרויס מער מבינות אויף זאַכן, וואָס זיי פאַרשטייען נישט, ווי די מענער. די פרויען ווילן אָפטמאָל איבערשטייגן די מענער אויף מענע־רישע געביטן, און ווערן מענעריש...

מיסטער ציפּרין פלעגט מיט נייגעריקייט נאָכקוקן און קאָנטראָלירן די אָקציעס זיינע אין „דזשענעראַל־עלעקטריק" אָדער אין „בעלל"־קאָמפּאַני, און פלעגט זעלטן אַרויסגיין פאַרברענגען מיט זיין פרוי, אַפילו נישט צו די זאַמאָווער לאַנדסלייט, ביי וועלכע מרס. ציפּריון איז געווען טעטיק.

זי פלעגט פון צייט צו צייט רופן זיצונגען ביי זיך אין הויז. עס פלעגן קומען עטלעכע אַרויפגעאַרבעטע רייכע ווייבער, הויפּטזעכלעך פון פּראָסטן אָפּשטאַם. זיי פלעגן אַרויסשיקן בריוו צו די הונדערטער זאַמאָווער אין אַמעריקע, וועגן הילף פאַר די אָרעמע לאַנדסלייט, געראַטעוועטע אין ישראל, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַלע גיהנומס און אַלע ליידן, און וועלכע זענען קראַנק און צעבראָכן און נייטיקן זיך אין באַלדיקער הילף. מרס. ציפּרין פלעגט אַריינשיקן מעלדונגען אין יידישע צייטונגען, אַז די זאַמאָווער קאָנען שיקן הילף אויף איר אַדרעס.

און מען מוז זאָגן: אַזוי גוט ווי פיל לאַנדסלייט פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, וועלכע פלעגן אַרויסהעלפן זייערע לאַנדסלייט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַזוי אויך די זאַמאָווער. דער סענטימענט צו דער אַלטער היים און צו אייגענע, איז ביי זיי נאָכנישט אָפּגעשטאָרבן. זיי האָט בלויז געוואָלט אַז די רייכערע, און טאַקע די מרס. ציפּרין אַליין, זאָלן אויך זיך באַשטייערן לויט זייערע מעגלעכקייטן...

פלעגן טאַקע פאָרקומען פאַרשידענע רייבונגען. מ'פלעגט פאַרוואַרפן אַז די מרס. ציפּרין און נאָך עטלעכע אַרויפגעאַרבעטע שיקן צום־מערסטן הילף זייערע אייגענע באַקאַנטע און געוועזענע פריינדינס. נישט איינמאָל פלעגט מען בעטן אַז די מענער זאָלן איבערנעמען די אַרבעט און אַריינברענגען אַ ביסל אָרדענונג, אָבער, די מידע ביזנעסמענער, און אַפילו די עטלעכע האָרעפּאַשניקעס, האָבן נישט געוואָלט הערן דערפון.

אפילו די ווייבער מיט קולטור־מאַכעריי און וואָלטעטיקייט ווערן אָפט מיד. זייערע שיינע היימען באַפרידיקן זיי אויך נישט. נישט אַלע ווילן זיין צוגעשמידט צו די אייניקלעך אַלס „בייבי־סיטערס", און נישט יעדע פרוי וועט זוכן אַ יינגערן מאַן צו פאַרפירן אַ ליבע, כדי דער יינגערער און פריי־שערער זאָל זי אַרויסנעמען און מיט איר פאַרברענגען, ווען דער מאַן שלאָפט אָדער פאַלט אַוועק אַ מידער פון ביזנעס־טראַנזאַקציעס. עס פּאַסט נישט פאַר שכנים אָדער משפחה, און עס פּאַסט נישט פאַר זיך אַליין, זיך אריינצולאָזן אין אַוואַנטורעס. מען פילט אַ געוואַלדיקע פוסטקייט. איז כאָטש גיי, וואַנדער אַליין איבער לענדער, מיט אַ פעט באַנק־ביכל, בשעת דער מאַן וויל איצט, נאָך פינף און זעכציק יאָר, רוען, אָדער קלאָגן זיך אַז ער דאַרף פרישע עסנס, ווייל ער קאָן מער נישט פאַרטראָגן די רעסטאָראַנען, און די שנעל־געמאַכטע שפייזן.

מרס. ציפּרין וועלכע איז שוין געווען קרוב זעכציק, אָבער געפּאַרבט זיך אויף בלאָנד און פלעגט זיך שמירן און אָפּזיצן אין קאָסמעטישע אַנשטאַלטן, כדי אויסצוזען וואָס יינגער, האָט גענומען פילן ווי דאָס לעבן ווערט איר אַ ביסל פוסט. זי האָט געוואָלט אין עפּעס אַריינוואַרפן איר ענערגיע, אויס־לאָדן, ווערן מיד און עפּעס אויפטאָן.

האָט זי געזוכט און עס איז פונקט אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט:

פון צווישן די שיינע יידן, רבנים, לערערס און העברעיש־קענער פון שטעטל זאַמאָוו, וועלכע זענען כמעט אַלע אומגעקומען מיט אַלע אַנדערע יידן פון שטעטל דורך די בלוטיקע הענט פון די דייטשן, בשעת זיי האָבן אַריינמאַרשירט קיין זאַמאָוו, און דעם טייך בוג רויט געמאַכט פון יידיש בלוט, האָט זיך געראַטעוועט איינער, וואָס אינדערהיים האָט מען געזאָגט אַז ער „שניידט" זיך אויף אַ דיכטער. די מרס. ציפּרין האָט זיך דערוווּסט פון אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג, אַז דער שמואל טאָבינסקי איז דאָ אין אַמע־ריקע. זי האָט גלייך גערופן אַ זיצונג פון „רעליף־קאָמיטעט זאַמאָוו".

פאַר די זעקס ווייבער און צוויי פאַרשלאָפענע מענער האָט זי געהאַלטן אַזאַ מין רעדע:

— איר געדענקט מסתמא דעם שטעפּערס זונדל שמואל טאָבינסקי.

אַמאָל האָט מען ביי אונדז נישט געוווסט אַז דער בחור האָט טאַלאַנט צום שרייבן. מ׳פלעגט לאַכן פון אים און אים האַלטן פאַר אַ בטלן און פאַר אַ טויגעניכטס. היינט, אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין רוסלאַנד, געווען אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און געהונגערט עטלעכע יאָר אין פאַריז, איז אונדזער לאַנדסמאַן אַנגעקומען צו קרובים ערגעץ אין אַ שטעטל נישט ווייט פון ניו־יאָרק. היינט איז אונדזער שמואל ווייט פון קאָמוניזם, פון רוסלאַנד, וועלכע האָט אָפּגענאַרט די מענטשהייט. היינט קאָנען מיר אים אויפנעמען, אויסהערן זיינע לידער און אַרויסגעבן זיינס אַ בוך. זאָל די וועלט הערן וואָס מיר זאַמאָוער טוען אויף פאַר אונ־דזערס אַ לאַנדסמאַן!

די עטלעכע ווייבער פון קאָמיטעט האָבן גוט געדענקט די עלטערן פון דעם דיכטער. זיי האָבן אויך געהערט אַז דער דיכטער וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן עטלעכע העפטלעך לידער איז דאָ אין אַמעריקע. אָבער זיי האָבן נישט איינגעזען צו וואָס זיי דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע אַרבעטן. איין פרוי, אַ שטיקל קרובה פונעם דיכטער, האָט פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל דאָ אויפן אָרט זאַמלען פופציק דאָלאַר און איבערשיקן צו זייער לאַנדסמאַן.

— אָבער, איר פאַרשטייט נישט; היינט האָבן מיר אַ געלעגנהייט אויפצולעבן אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט — האָט אַ צווייטע פרוי געשטיצט מרס. ציפרין.

— און איך וויל נישט אַז ער זאָל קומען רעדן קעגן רוסלאַנד און קאָמוניזם — האָט אַ פרוי, באַהאָנגען מיט דימענטן און בריליאַנטן, איינע פון קאָמיטעט, וואָס איר מאַן האַנדלט מיט הייזער, געזאָגט. — זעט ווי אין רוסלאַנד האָבן אַלע פרויען רעכט; זעט ווי זיי מאַכן ספוטניקעס!

עס איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. מען האָט נישט געטאָרט דערצע־רענען די אַזויגערופענע „לינקע" צווישן די זאַמאָוער; די יידן וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און האָבן געשעפטן, געלט און אַקציעס אין די בענק, אָבער וואָס קענען זיך נישט אָפּזאָגן פון זייערע אַמאָליקע סימפּאַ־טיעס צו רוסלאַנד, ווייל זיי און זייערע קינדער האָבן יאָרן געליטן בויט

און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען. טייל זאַמאָוער, ווי אויך פון אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, האָבן אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין אַמעריקע פאַרוואָס זיי האָבן זיך מיט יאָרן צוריק געדאַרפט מאַטערן ביז עס האָט גענומען פערציק און מער יאָרן, זיי זאָלן זיך אַרויפאַרבעטן. אַפילו דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגענוצט אַנדערע, איז אויך שולדיק דער סיסטעם. „זאָל זיך דאָרט, אין רוסלאַנד, בויען דער סאָציאַליזם", האָבן געהאַלטן די עטלעכע זאַמאָווער „פּראָגרעסיווע" אָדער „לינקע".

ווען מרס. ציפּרין האָט נישט געקאָנט איינשטילן די עטלעכע ווייבער, האָט איינער פון די צווי פאַרשלאָפענע מענער ביי דער זיצונג, וועלכער איז גאָרנישט געווען קיין זאַמאָווער, נאָר פון אַ דאָרף דערנעבן, פאָרגע־שלאָגן מען זאָל יאָ מאַכן אַן אָוונט פאַר דעם זאַמאָווער דיכטער טאָבינסקי, נאָר ער זאָל בלויז רעדן וועגן זיין שטעטל, לייענען זיינע לידער און נישט דערמאָנען רוסלאַנד.

אַלע האָבן דערצו מסכים געווען.

*

ס'איז געוואָרן געדונגען אַ גרויסער זאַל, מ'האָט באַשטעלט קאַווע, טיי און פאַרשידענע קוכנס און מ'האָט געמאָלדן אין די יידישע צייטונגען. מרס. ציפּרין האָט באַוויזן אַריינציען עטלעכע מענער אין קאָמיטעט און דער קבלת־פּנים איז געוואָרן צוגעגרייט מיט פאַרנעם. זי האָט געשריבן צום דיכטער־לאַנדסמאַן, אַז זי און אַלע וואַרטן אויף אים מיט אָפענע אָרעמס און זיי וועלן זיין גליקלעך אים צו האָבן ביי זיך.

דעם זעלבן טאָג, אַ זונטיק איז דאָס געווען, איז מרס. ציפּרין אויפ־געשטאַנען אַ נישט־צופרידענע. קען זיין, אַז דאָס קאָרטן־שפּילן נעכטן ביינאַכט האָט איר נישט פאַלוביעט, אָדער דער סטעיק אַזוי שפּעט ביינאַכט. זי האָט געפונען אַ ביסעלע שטויב אין די שלאָף־צימערן און אין די סאַלאָנען, אויך דער פאָדערצימער איז נישט געווען צוגעראַמט ווי געהעריק. זי האָט געשאָלטן דער שוואַרצער פרוי, וועלכע קומט צו זיי רוימען און געגעבן אָנצוגעהערן איר מאַן, אַז מ'דאַרף זוכן אַ צווייטע נעגערין, וואָס זאָל בעסער פאַרשטיין ווי צו רייניקן און לופטערן די אַכט צימערן.

איר מאַן, פֿאַרטאָן באַלד אינדערפֿרי ביי חשבונות און ביי „שערס״ אין די צייטונגען, האָט צום ערשט נישט געענטפֿערט און דערנאָך זיך אָפּגערופֿן:

— די וווינונג איז סיי־ווי צו גרויס פֿאַר צוויי מענטשן, מ׳דאַרף זי. טוישן אויף אַ קלענערע. איבריקנס, אַ שוואַרצע פֿרוי קען נישט טאָן מער ווי אַ ווייסע און אַז מ׳דאַרף זיין צופֿרידן אַז מען קריגט אַ שוואַרצע צו טאָן הויז־אַרבעט.

דערביי האָט מיסטער ציפּרין אַרונטערגענומען זיינע ברילן און אַ קראַץ געגעבן זיינע פֿאַרבליבענע עטלעכע גראָע האָר און באַמערקט:

— דיין לאַנדסמאַן, דער דיכטער, קומט היינט, וועסטו כאָטש צוגרייטן אַ בעסערן מיטאָג? און זאָג מיר נאָר, רעבעקאָ, אין וועלכן צימער וועט ער שלאָפֿן?

מרס. ציפּרין האָט אים אָנגעקוקט און נישט געענטפֿערט. עס איז איר גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז זי וועט זונטיק זיך אָוועקשטעלן אין קיך קאָכן אַ מיטאָג. זי האָט נישט קיין צייט צו אַזעלכע זאַכן. זי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן און גערעדט צו אַ באַקאַנטער אין נוי־דזשערזי. זי האָט איר דערציילט וועגן אַ ניי, שיין קלייד, וואָס זי לאָזט זיך מאַכן. זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי האָט נישט קיין צייט נאָכצוקוקן די בלומען אין איר גאָרטן. זי וועט מוזן דינגען אַ גערטנער צו דער אַרבעט.

דערנאָך, אַ קוק טוענדיק ווי דער זייגער ווייזט עלף מיט דרייסיק, איז זי אָן צו זאָגן עפּעס דעם מאַן, אַריין אין גאַראַזש, זיך אַריינגעזעצט אין אַ בלאַנקנדיקן קאַדילאַק־אויטאָמאָביל און איז גלייך געפֿאָרן צו דער הויפּט באַן־סטאַציע, וווּ עס האָט געדאַרפֿט אָנקומען די באַן פֿון שטעטל באַסקאַטי און ברענגען איר לאַנדסמאַן, דעם דיכטער טאָבינסקי.

אַזוי־ווי עס זענען נאָך געבליבן צען מינוט, האָט זי דערווייל געכאַפּט אַ קאַווע אין דער באַן־קאַפֿעטעריע און דערנאָך איז זי געשטאַנען אָפּוואַרטן דעם צוג.

עס האָט געדויערט אַ מינוט, צוויי, איז אָנגעלאָפֿן אַ לאָקאָמאָטיוו וועלכער האָט געשלעפּט פֿיל וואַגאָנען און עס האָבן זיך געגעבן אַ שיט

אַרויס מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, אַלע מיט גויאישע פּנימער און זונטיקדיקע מלבושים. זיי זענען געקומען פון שטעטלעך אַרום ניו־יאָרק צו פאַרברענגען דאָ ביי קרובים אָדער סתם הנאה האָבן פון גרויס־שטאָטישן גלאַנץ, ווען ס׳אַנטפּלעקט זיך אַ ליכטיקער הימל און די זון באַלייכט די גאַסן, געסלעך און פּאַרקן פון דער שיינער שטאָט אין חודש אָקטאָבער.

זענען אָפּגעגאַנגען די געזונטע גוים און גאָיעס, זעט זי ווי עס שאַרט זיך אַרויס איינער מיט אַ מידן גאַנג, אַ צעשלאָגן און געליטן פּנים פון אַ ייד וואָס טראָגט ברילן אויף זיין לענגלעכער נאָז און פאַרמאָגט נאָך ווינ־ציקער האָר ווי איר מאַן, אָבער מיט אַ הויכן שטערן און מיט דורכזיכ־טיקע אויגן. דער ייד האָט אויסגעזען צו זיין אַ יאָר זעכציק.

זי האָט נאָכאַמאָל געגעבן אַ בליק אויף דעם ייד מיט זיין אָפּגעטראָ־גענעם אָנצוג און מיט זיין קליין טעשמאָדאַנטשיקל און נישט־געפּוצטע שיך, און נישט געוווסט צו דער־אַ איז באמת איר לאַנדסמאַן. אָבער קיין צווייטן ייד האָט זי פון דער פּלאַטפּאָרמע נישט געזען אַרויסקומען.

ער, דער דיכטער טאָבינסקי, האָט זיין לאַנדסמאַנקע, פרוי ציפּרין, יאָ דערקענט. ער איז צו מיט אַ שמייכל וואָס האָט געקאַרבט זיין בלאַס, דאַר פּנים און איר דערלאַנגט די האַנט. ער האָט געוואָלט זי אַרומכאַפּן און אפשר צעקושן זיך מיט איר, געוואָלט אַרויסברענגען אַ ביסעלע וואַרעמ־קייט פון זיין נשמה וואָס קומט פון בענקשאַפט און עלנטקייט, פון וועלן זען כאָטש עמיצן אַן אייגענעם, ווייל זיין גאַנצע משפּחה איז געוואָרן פאַרטיליקט און אויסגעראָטן. ער האָט געהאַלטן פיל וואַרעמקייט ספּע־ציעל פאַר זיינע לאַנדסלייט. ער האָט געהאָפּט און געוואַרט אויף דעם טאָג.

אָבער, עפּעס האָט איר טייערער פוטערנער מאַנטל פאַרשטעלט און געמאַכט אַ מחיצה. ער האָט אַ מינוט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און געקוקט אויף אירע געפאַרבטע האָר.

נאָכדעם ווי ער האָט געפרעגט וועגן איר מאַן, וועגן באַקאַנטע און שכנים זיינע פון שטעטל, און האָט איר דערציילט ווי אין אים טליעט אַ שטאַרקער באַגער צו זען די רעשטלעך צוויגן פון זאַמאָווער יידישן בוים

וועלכע בליען אין אַמעריקע, האָט זי אים אויף שנעל צוגעפירט צו איר אויטאָמאָביל און אים געגומען פירן איבער די זונטיק־שטילע גאַסן. ער האָט אַלץ באַטראַכט מיט נייגעריקייט, און געפרעגט ווי לאַנג עס נעמט דער וועג פון וואָקזאַל צו איר הויז אין וועסטשעסטער.

— ניין, מיר פאָרן היינט נישט אין מיין הויז — האָט זי געזאָגט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ פון רעדל.

— איז וווּהין פאָרן מיר? איך וואָלט געוואָלט היינט נעכטיקן אין ניו־יאָרק — האָט דער לאַנדסמאַן געזאָגט, בעטנדיק.

— איך האָב אָפּגערעדט מיט אַ פרוי, אַ לאַנדסמאַנקע, אפשר קענט איר זי, מרס. קליינמאַן, פון דער היים די שייטלמאַכערקע, זי איז אַן אַלמנה און האָט אַ באַקוועם צימער, ווו איר קאָנט רוען און זיין דאָרט ווי לאַנג איר ווילט.

ניין, ער האָט נישט געדענקט דעם נאָמען פון דער אָרעמער פרוי ערגעץ אין ברוקלין. ער איז געבליבן זיצן אַן איינגעקורטשעטער, אַ פאַרעמדער, אַן אַ וואָרט אויסצורעדן.

בשעת זי האָט דורכגעגליטשט דעם אויטאָמאָביל דורך אַן אָרעמער, שמוציקער גאַס מיט אָפּגעלאָזענע האָטעלן, האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ און געבעטן זיין לאַנדסמאַנקע, זי זאָל אָפּשטעלן.

— אָט־דאָ, אין דער גאַס, אין איינעם פון די האָטעלן, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ שילדל, — דאָ וואָלט איך געוואָלט רוען און איבער־שלאָפן די היינטיקע נאַכט.

זי האָט אים אָנגעקוקט און געגעבן אַ הייב מיט אירע פוטערנע אַקסלען. זי האָט באַצאָלט דעם האָטעל־אויפזעער פאַר אַ נאַכט שלאָפן און דער לאַנדסמאַן אירער האָט אַריינגעשריבן זיין נאָמען אין אַ פאַר־פלעקט בוך. פאַר איר אַוועקגיין האָט זי אים געזאָגט אַז מ׳וועט אים קומען נעמען. מענטשן פון זאמאָוו וועלן זיין אין צוויי־דריי שעה אַרום.

דער דיכטער שמואל טאָבינסקי איז אַרויף אין האָטעל־צימערל אויפן דריטן שטאָק, און באַשלאָסן, אַז ער וועט היינט נישט באַגעגענען זיינע לאַנדסלייט.

פון יענער וועלט

אין דער קאַפעטעריע אויף דער 57־טער גאַס איז יענעם אָוונט געווען אַ ביסל שטיל. עטלעכע עלטערע מיידלעך, איבערגעאַרבעטע, מיט דאַרע פנימער, עטלעכע האַרעפּאַשנע מענער, פעטלעכע, און עטלעכע אינטעלי־גענט־אויסזעענדיקע מענטשן, זענען רואיק געזעסן, ווער איבער אַ מאָל־צייט און ווער איבער אַ טעפּל קאַווע. פאַר מיר זענען די אַלע מענטשן געווען פרעמדע; איך האָב באַדאַרפט אַרויפגיין הערן אַ רעפעראַט אין „הערצל־אינסטיטוט" (באַלד דערנעבן), בין איך דערווייל געזעסן און איבער־געקוקט אַ פּעקל יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס כ'האָב געהאַט מיט זיך.

פון צייט צו צייט פלעג איך כאַפּן אַ בליק דורכן פענצטער אין דרויסן. דער דרויסן פון דער 57־טער גאַס אין ניו־יאָרק איז שטענדיק אינטערע־סאַנט. די געשעפטן פון דאַמען־קליידער האָבן דאָ אַ נאָמען פאַר זייער עלעגאַנץ. די היטן ציען צו יונגע און עלטערע פרויען, וועלכע קומען אַהערצו פון אַלע עקן שטאָט. איצט די פרויען־שיכלעך! ווי קליין, גראַ־ציעז און חנעוודיק די שיכלעך אין פאַרשידענע קאָלירן פּאַסן צו זגראַבנע פיסלעך. אָבער צום אינטערעסאַנטסטן אויף דער 57־טער גאַס זענען די פאַרשידענע קונסט־גאַלעריעס, פּריוואַטע, די ביכער־געשעפטן און דער באַרימטער קאַרנעגי־האָל, וואָס ציט־צו יונגע און עלטערע מענטשן מיט אַ חוש פאַר ליבשאַפט צו מוזיק.

פאַרטיפט אין מיינע צייטונגען און זשורנאַלן, פאַרגעסנדיק, אַז אַרום מיר וויברירט אַן אמתדיק לעבן, האָט פּלוצלינג מיין בליק גענומען וואַנ־דערן צו די פּנימער אין דער קאַפעטעריע, און געפאַלן אויף אַ מאַן, וועל־כער איז געשטאַנען אין דער ריי צו באַצאָלן ביי דער קאַסע.

מאָדנע: איך נעם באַטראַכטן דעם מאַן. ער זעט אויס אין די פער־

ציקער, אַ מענטש מיט ברייטע פּלייצעס, פעסטן קאָרק, און פיין, כמעט עלעגאַנט געקליידט. זיינע אויגן און פּנים־שטריכן מאַכן אַן אינטעליגענטן איינדרוק. ער דערמאָנט מיך שטאַרק אין עמיצן. איך ווער פּשוט אומרואיק. עס נעמט מיך באַגיסן אַ שווייס.

מיין געדאַנק נעמט שנעל איבערמישן בלעטער פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און אַ בילד פון אָסקאַר אַקערמאַן וויל נישט אָפּטרעטן.

דעם דאָזיקן אָסקאַר האָב איך באַקענט אין לאָנדאָן אָנהייב דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געקומען, זיך אַריינגעשמוגלט קיין ענגלאַנד ערב דער מלחמה. אַלס יונגער בחור האָט ער גענומען אַרבעטן אין אַ שניידעריי־פאַבריק — די איינציקע מלאכה, צו וועלכער מ׳האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן מיט יידיש אין מויל.

אָסקאַר האָט דעמאָלט געברענט אַ וועלט אין לאָנדאָן. יונגע יידישע און נישט־יידישע מיידלעך זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פאַר אים. ער פלעגט שיטן מיט וויצן און גלייכווערטלעך, אַ ביסל אויף יידיש און אַ ביסל אויף אַ צעבראָכענעם פראַנצויזיש; ער איז בכלל געווען אַ לוסטיקער לונג־און־לעבער, וואָס דער מין יונגעלייט פעלט אויס אין ענגלאַנד.

דערנאָך איז עפּעס געשען: אָסקאַר האָט זיך פאַרדונגען אויף אַ שיף מיט אויל, אַ טאַנקער (ער האָט אַפילו מיך אויך צוגערעדט אַזוי צו טאָן, כדי אויסצומיידן די באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן איבער לאָנדאָן), וואָס פלעגט פאָרן וייטע שטרעקעס, און די שיף, לויט ווי עס האָבן געמאָלדן די צייטונגען, איז געזונקען געוואָרן פון דייטשישע סובמאַרינען. פון דעם לוסטיקן פוילישן בחורל האָבן מיר אין לאָנדאָן מער נישט געהערט...

מיר, די פריינט און באַקאַנטע, יונגע מענטשן פון „יידיש־פוילישן יוגנט קלוב" האָבן אַפילו איינגעאָרדנט אַ טרויער־אָוונט נאָך אים.

די יאָרן זענען געגאַנגען. מיר אַלע פונעם זעלבן קרייז אין לאָנדאָן זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער. אָבער פּלוצים, אַ צוויי צענדליק יאָרן טויכט אויף אַ געשטאַלט, וואָס ברענגט אָסקאַרן אַזוי נאָענט און ממש ווי לעבעדיק!

ווען דער פאָר מיר פרעמד־נאָענטער מענטש האָט גענומען אַרויסגיין

פון דער קאַפּעטעריע, האָב איך באַמערקט אין זיינער אַ באַוועגונג, אַ הויב מיט די אַקסלען, פּונקט ווי יענער אָסקאַר פלעגט דאָס טאָן. דאָס האָט מיר געמאַכט אַפּצורייסן זיך פון מיין פּלאַץ און צולויפן מיט אַ פראַגע אין ענגליש:

— אַנטשולדיקט, — פרעג איך אים מיט אַ נערוועזן קול, — זייט איר אַמאָל געווען אין ענגלאַנד?

און איידער ער האָט עפּעס באַוויזן צו ענטפערן, ווי נאָר איך האָב פון דער נאָענט אָנגעקוקט זיינע מילדע, בלויע אויגן, בין איך געווען זיכער, אַז איך שטיי לעבן דעם „טויטן" אָסקאַרן! מיינע פיס זענען גע־וואָרן ווי אונטערגעבראָכן און מיינע הענט האָבן גענומען ציטערן. עפּעס אַ קליינינקייט: איך שטיי לעבן אַ מת, צווישן אַ סך מענטשן, לעבעדיקע, אין אַ קאַפּעטעריע אויף דער 57טער גאַס!

דער מאַן האָט מיך רואיק באַטראַכט און אויסגערופן מיין נאָמען!

— יאָ, — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט, — דו זעסט דאָך, אַז איך קען דיך פון לאָנדאָן...

זיצן מיר שוין ביידע ביי מיין טישל, אָבער איך קען אַלץ נישט קומען צו זיך.

— דערציייל, ווי אַזוי? — בעט איך זיך ביי אים, אָבער ער קוקט מיך אָן און פאַרשטייט נישט פאַרוואָס איך בין אַזוי געריררט.

דערנאָך, ווען ער האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי זיין שיף איז טאַקע געזונקען, ווי פיל פון דער מאַנשאַפט זענען אומגעקומען און ווי ער, מיט נאָך עטלעכע זענען געראַטעוועט געוואָרן צו אַ ברעג פון קאַנאַדע, האָב איך אַלץ געטראַכט, אַז איך זיץ קעגנאיבער אַ טויטן, וועלכער האָט זיך פיין פאַרפּוצט און אַרויפגעלייגט צוואַנציק יאָר אויף זיין פּנים...

ער האָט חתונה געהאַט, זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ מיידעלע, ער האַנדלט: פאַרנעמט זיך מיט אימפּאָרט און עקספּאָרט, און פאָרט איצט דורך ניו יאָרק קיין מיאַמי ביטש, ווו ער האָט אַ בודקע, אַ מין שטעל, אויף אַן אויסשטעלונג פון צירונג און אינטערנאַציאָנאַלע אַנטיקן.

עס טויכן אויף זאַכן און געשעענישן פון ענגלאַנד.

מיר דערמאָנען זיך דעם „בליץ״ איבער ווייטשעפּל, ווי די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט די יידישע געגנט; די געזאַנג־אָוונטן און די וועטשע־רינקעס, וועלכע מיר פלעגן איינאָרדענען ביי אים אין דער זווינונג, און פיל אַנדערע דערמאָנונגען.

אַזוי רעדנדיק וועגן דעם נישט ווייטן אַמאָל, האָט זיך צוביסלעך גענומען אויסשיילן דער אַמאָליקער שטיפער אָסקאַר, און כ'האָב ביסלעכ־ווייז גענומען קריגן צוטרוי, ווי צו אַן אמת לעבעדיקן...

איך וואַרט אָבער, ער זאָל פרעגן אויף נאָך איין פערזאָן. ער פרעגט נישט.

— און וועגן סילוויאַן ווילסטו גאָרנישט וויסן?

ער קוקט מיך אָן ווי נישט אים מיין איך.

— סילוויאַ, אַך סילוויאַ — יאָ, וואָס מאַכט זי, סילוויאַ?

ער גיט ווידער זיין באַוווסטן הויב מיט די אַקסלען, און איך פאַרשטיי אַלץ נישט, צי ער איז גלייכגילטיק, אָדער טאַקע פאַראינטערעסירט.

איך נעם אים דערציילן, אַז די קליינע, זיבעצן־יעריקע סילוויאַ האָט נאָך זיין אַוועקפאָרן שטאַרק געליטן, און בשעת זי האָט געהאַט פון אים אַ קינד, אַ מיידעלע, האָט די מאַמע אירע זי געוואָלט פון שטוב אַרויס־טרייבן...

— וואָס הייסט מיין קינד?! — גיט ער זיך אַ כאַפּ. זיין בליק ווערט בייז און ער ווערט אָנגעצונדן אין פנים.

— יאָ, אַלע ווייסן, אַז די קליינע איז געווען דיין געליבטע. דאָס מיידעלע איז אַפילו געווען ענלעך צו דיר. אָבער פון דער שיינער, בלאָנדער סילוויאַ איז צוליב דיר געוואָרן אַ תל!

— אָבער ווי אַזוי, פונוואַנען ווייסטו, אַז דאָס קינד איז פון מיר? זי האָט געהאַט פיל אַנדערע פאַר מיר און נאָך מיר — נעמט ער צונישט מאַכן און זיך ווערן. ער נעמט מיר אויפקלערן, אַז סילוויאַס אַן עלטערע שוועסטער פלעגט זיך אויפפירן נישט אָנשטענדיק — דעריבער קען סילוויאַס קינד נישט זיין פון אים...

אַזוי רעדנדיק איז מיר איינגעפאַלן, אַז צוליב דעם טאָקע איז ער אַוועק פון ענגלאַנד און נישט געלאָזט פון זיך הערן.

ווי אַזוי צו דערוועקן ביי אים סענטימענטן צו זיינס אַ קינד, איצט שוין אַ דערוואַקסן מיידל, האָב איך נישט געוווּסט. בפרט, אַז ער איז פאַרהייראַט און האָט אַ קינד מיט זיין געזעצלעכער פרוי.

דאָך האָב איך נענטער באַטראַכט דעם אַמאָליקן געליבטן פון דער אַמאָליקער יידיש־פראַנצויזיש מיידל און אים געפרעגט:

— אינטערעסירט דיך נישט צו וויסן פון דיין טאָכטער, וועלכע איז היינט זיבעצן־אַכצן יאָר אַלט?

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט גענומען פאַרקירעווען דעם שמועס אויף זייטיקע וועגן און גענומען קוקן אויף זיין האַנט־זייגערל. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, אַז ער דאַרף אימיצן טרעפן און געבעטן ביי מיר מיין אַדרעס: אין צוויי־דריי וואָכן וועט ער זיין אין ניו יאָרק, וועט ער וועלן מיך טרעפן.

יאָ, איך האָב אים געגעבן מיין אַדרעס, אָבער איך צווייפל צי אַסקאָר וועט פון זיך לאָזן הערן. ער וויל פאַר מיר בלייבן אַ געשטאָרבענער...

ליבע־חשבונות

מאַרטין האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אָפּגעבראָכן אָדער איבער־געריסן מיט אַ ליבע. ער איז געווען הויך, שיין און גוט אַנטוויקלט. אַלץ וואָס אַמעריקאַנער מיידלעך זוכן אין אַ מאַן. ער האָט אויך געהאַט אַ געשליפן צינגל, און אַלץ נישט באַוויזן צוצוקלייבן זיך אַ ווייב.

ער, ווי אַלע יונגעלייט אין אַמעריקע, איז געוואָרן דערצויגן אינעם גייסט פון פרויען־הערשאַפט; אַז די פרוי האָט דאָס לעצטע וואָרט. ער האָט דאָס געזען ביי זיך אין שטוב. זיין פאָטער, אַ האַנדלס־מענטש און אַ קלוגער ייד, איז ביי זיין ווייב, ביי מאַרטינס מוטער, נישט געווען צופיל אָנגעזען. אויך זיינע צוויי שוועסטער זענען געגאַנגען אויף דעם וועג. מאַרטין און זיין יינגערער ברודער האָבן נישט געהאַט צופיל דעה אין שטוב.

מאַרטין איז שוין אַלט געווען דרייסיק יאָר. ער האָט געהאַט אַ גוט פאַך, און האָט אַלץ מורא געהאַט צו נעמען דעם עול פון אַ פרוי, — מורא געהאַט זי זאָל מיט אים רעגירן. ער האָט בכלל נישט געזען עפּעס וואָס זאָל אים געפעלן ווערן אין זיין געגנט פון ברוקלין.

מיט דער לעצטער, גרעסערער ליבע זיינער, איז ער אַרומגעגאַנגען כמעט אַ יאָר צייט. די פעי, אויך פון אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע, איז געווען אַ צעלאָזענע מויד. זי איז געווען אי פרום און אי פריי, אי ציוניסטיש און קאָמוניסטיש, אַמעריקאַניש און אָפּטמאָל אייראָפּעאיש. זי האָט געקאָנט זיין איידל און ברוטאַל, עגאָאיסטיש און ברייטהאַרציק. פאַר איר געלט איז זי געווען קאַרג. דאָס וואָס ער האָט פאַרדינט ביי זיין צאָן־טעכניקערײַ, האָט זי געהאַלטן, אַז עס אירס און ער דאַרף אַ וואָך לוין אויסגעבן אויף איר אין איין טאָג.

זי האָט נאָר געטענהט, אַז זי איז צופעליק געבוירן אין אַמעריקע;

אין גייסט איז זי אַן איראָפּעערין. מיט וואָס איר איראָפּעאישקייט דריקט זיך אויס האָט זי נישט געזאָגט.

אויך אין שטוב איז פּעי נישט געווען פון די לייכטע צאַצקעס. איר מוטער, אַן אלמנה האָט געהאַט אויסצושטיין פון איר צרות. נאָכדעם, ווי איר מוטער איז צו איר צוגעשטאַנען, אַז ביי אַכט־און־צוואַנציק יאָר איז צייט צו געפינען אַ מאַן, האָט פּעי איינגעפּאַקט צוויי וואַליזעס מיט אירע זאַכן, גענומען אַ טאַקסי און געדונגען אַ צימער אין אַ האָטעל, נעבן ריווערסייד־דרייוו.

מאַרטין פלעגט אָפּט צו איר אַרויפקומען. ער פלעגט איר ברענגען מתנות און קושן, און ער פלעגט פאַנאַנדערלאָזן אירע לאַנגע בלאָנדע האָר, נישט געפאַרבטע. זי האָט אים דערפאַר דערלויבט צו שלאָפן מיט איר אין איין בעט.

דערנאָך, ווען זי האָט גענומען באַפעלן מיט אים און אַרויסווייזן אירע קאַפּריזן, ווען ער האָט באַמערקט, אַז זי קלעפּט עפּעס צופיל צו אַן עלטערן מאַן, אַן אייגנטימער פון אַ זאָקן־געשעפט, האָט מאַרטין באַשלאָסן, אַז מער נאָכגעבן און בעטן וועט ער נישט. ער האָט אויפגעהערט צו טעלעפאָנירן, און אים האָט נישט געאַרט צי זי אַרבעט אָדער נישט, און ווער עס צאָלט פאַר איר פאַרן האָטעל־צימער.

*

אָפּגעבן זיך מיט זיין פאַך און מיט ספּאָרט איז איין זאַך. מאַרטין, אַ געזונטער מאַן, האָט גענומען פילן, אַז ער האָט זיך צוגעוווינט און עס פעלט אים איצט אַ פרוי...

אויפכאַפּן סתם אַ פרוי און איר אָפּדינגען אויף אַ שעה צוויי, איז נישט געווען זיין נאַטור. די פרויען וואָס באַקאַנטע פלעגן אים צושאַנסן זענען אים נישט געפעלן געוואָרן. אים איז בכלל געווען פרעמד דער מין האַנדל און דער סאָרט ליבע וואָס מען צאָלט עטלעכע דאָלאַר און מען קען זיך נישט מער. כאָטש ער איז נישט געווען רעליגיעז, און ווינציק וואָס געוווּסט פון עטישע פּרינציפּן, האָט ער אָבער געגלויבט, אַז אינטים זיין מיט אַ פרוי דאַרף מען ווען מען האָט איר ליב.

ער האָט געגומען טראַכטן וועגן פאָרן קיין איראָפּע, אָדער טאַקע קיין ארץ־ישראל; ער האָט געהערט, אַז פיל אַמעריקאַנער יונגעלייט ברענגען פון אייראָפּע און פון ישראל זייער גוטע מיידלעך.

אין ישראל האָט מאַרטין געהאַט משפחה. זיין פאָטער פלעגט דער־האַלטן בריוו געשריבן אין יידיש פון זיין ברודערס אַ זון, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון די לאַגערן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; אפשר וואָלט זיין קוזין געהאָלפן זוכן פאַר מאַרטינען אַ פיין מיידל?

אמת, ער, מאַרטין, איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַרויס פון זיין לאַנד אַמעריקע. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ער נאָכנישט געווען אין מיליטער־עלטער. ער האָט אָבער געהערט פון באַקאַנטע, אַז פיל אַמערי־קאַנער האָבן בעת דער מלחמה חתונה־געהאַט מיט אייראָפּעישע מיידלעך און אַפילו מיט מיידלעך פון וויטן מזרח, און די פרויען זענען זייער איבער־געגעבן, און נישט צעלאָזן ווי די אַמעריקאַנער פרויען.

דאָ, אין די אַלע האָטעלן און „קאַנטרי״־קלובן, ווו ער פלעגט פאַר־ברענגען זיינע וואַקאַציעס, האָט ער ביז היינט נישט געטראָפן עפּעס אַ מיידל, וואָס זאָל אים צוציען. די פּעי, וועלכער ער האָט צופעליק געטראָפן אין אַ קינאָ־קלוב אין גרינידזש־ווילעדזש, איז געווען די איינציקע וואָס האָט אים פאַרכאַפּט.

זיכער, ער האָט געהאַט פיל זיסע טעג און נעכט מיט איר. אָבער, זי איז געווען ווי יענע קו: גוט, גוט און מיט איינמאָל — אַ קער איבער דעם שקאָפעק...

מאַרטין האָט מורא געהאַט פאַר איר טעמפּעראַמענט; ער האָט גע־וווּסט, אַז זי וועט זיין אַ שלעכט ווייב. אָט אַזוי, אויב וואָלט זי באַשטאַנען צו בלייבן זיין געליבטע, וואָלט עס געווען פאַר אים אינטערעסאַנט.

•

מאַרטין איז געווען אַ גוטער שווימער. אינעם שווים־באַסיין פון „יאַנג מענ׳ס היברו אַסאָסיישן״ אָדער די „וואַי״, אויף דער 92־טער גאַס, איסט, איז ער געווען פון די בעסטע. די יונגע מיידלעך פלעגן באַוווּנדערן זיין

געשיקטקייט און זיין קערפּער־געבוי, די יינגלעך פלעגן זיך פאַרמעסטן מיט אים אין שווימען, אָבער ער איז אַלץ געקומען דער ערשטער. ער האָט דאָרטן קיין פריינט נישט געזוכט.

איינמאָל, זיצנדיק אין קעלער־רעסטאָראַן פון דער „וואַי" ווו די יוגנט־לעכע פלעגן זיך זאַמלען יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, האָט זיך צוגעזעצט אַ מויד צו זיין טישל און אים באַגריסט מיט „האַי". ער האָט געענטפערט מיט „האַלאָ" און נישט געוווּסט אויף זיכער צי ער קען איר פון ערגעץ אָדער נישט. זי האָט אים געפרעגט ווי אים גייט און גערימט זיין שווימען. ער האָט זיך דערמאָנט אַז זי קומט אָפט אין שווים־באַסיין. איצט, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר קורץ געשוירן קעפּל מיט שאַטין־האָר, איר לענגלעכע נאָז, מיט יידישן חן, און איר פיינעם גראַנאַט־קאָסטיום, האָט זי אויסגעזען פיל שענער אין אָנטועכץ ווי אויסגעטאָן...

זי האָט געוווּסט אַז ער הייסט מאַרטין (ווער האָט דען נישט געוווּסט?). ער האָט געפרעגט איר נאָמען, צוגעברענגט איר אַ טעפּל קאַווע און זיי האָבן צוביסלעך געשמועסט. דערנאָך זענען זיי אַריין אין טעלעוויזיע־צימער, אונטן, ווו עס זענען געזעסן איינוווינער און מיטגלידער פון דער „וואַי" און צוגעקוקט זיך צום פּראָגראַם וועלכער איז באַשטאַנען פון פּיצ־לעך און ברעקלעך נאַרישע זאַכן. ער איז געזעסן און געטראַכט וועגן פעי, ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי זיין נייע באַקאַנטע האָט געפּלאַפּלט וועגן קליידלעך, וועגן פילם־אַקטריסעס אָדער וועגן איר אַרבעט אין אַ ווילטע־טיקער אינסטיטוציע, ווי אַ „באָס", אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט חתונה־געהאַט האָט זיך פאַרנומען אויף איר אָנצוטאָן צרות.

מאַרטין האָט גענומען בלעטערן עטלעכע זשורנאַלן און די זונטיקדיקע צייטונג „טיימס". ער האָט געפילט אַ נודנעקייט. זיין נייע באַקאַנטע איז אָבער נאָכגעגאַנגען אים אויף די שפּיץ־פינגער, און זיס צו אים געשמייכלט. ער האָט נאָכאַמאָל געגעבן אַ בליק אויף איר און דערזען אַז זי האָט בלאָע אויגן, ווי זיין פעי, און איבערגעפרעגט ווי זי הייסט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט מיין נאָמען, האָסט שוין פאַרגעסן? אַ, מאַרטין, מאַרטין, ביסטו אַ שלעכטער יונג! מיין נאָמען איז אסתּר, געדענק, אסתּר!

— אויב אַזוי, אסתר, קום אַ ביסל אַרויס, לאָמיר גיין שפּאַצירן אָדער אַריינגיין זען אַ פילם.

— דו מיינסט עס ערנסט, מיין טייערער?

— וואָס דען, איך שפּאַס פון דיר? זע איך טאַקע אויס ווי איינער וואָס שפּאַסט פון פרויען?

— ניין, אָבער דו שטויסט שטענדיק אָפּ די פרויען פון זיך. איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען גיין מיט אַ מיידל פון דער „וואַי״.

— וועל איך איצט גיין מיט דיר, אסתר. טו אָן דעם מאַנטל און קום.

דער אָוונט איז געווען אַ ווייך־סאַמעטענער. עס איז געווען ערב־פרילינג, און די ביימער, הגם מיט שוואַרצע נאַקעטע צווייגן, איז עפּעס געווען אַן אָנזאָג אין דער נאַטור פון ווידערגעבורט. די נאַטור האָט שוין געלאָזט פילן איר אַראָמאַט איבער דער שטאָט פון שטאָל און אייזן.

די 86־טע גאַס איז געווען העל באַלויכטן. ביר־האַלעס, קינאָס און טאַנץ־לאָקאַלן האָבן גערופן מיט קאָלירטע עלעקטרישע ליכטער; די דייטשישע פּרעסאַרניעס מיט נעמען פון דייטשישע שטעט האָבן אויך געשלעפּט צו זיך. דאָ איז געווען אַ געמיש פון אירלענדישע טרינקערס און דייטשישע זויפערס — די שענקן זענען געווען געפּאַקט.

דאָ, אין דער געגנט, זענען געקומען פיל יונגעלייט, ייִדישע, פון ברוקלין און בראָנקס זוכן גליק ביי דייטשישע אָדער אירלענדישע דינסט־מיידלעך. דאָ אין די אויטאָמאַט־קאַפעען און אין די קאַפעטעריעס האָט מען געטראָפן אויסגעקוועטשטע, מידע מענער און עלטערע פרויען, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באַקוועמע היימען. דאָ האָט מען געקאָנט הערן פיל שפּראַכן, און אויסלענדער האָבן זיך דאָ געפילט ווי אין דער היים.

מאַרטין איז דאָ געגאַנגען מיט לייכטע טריט. די לופט האָט אים אַ ביסל פאַרשיכורט. אסתר האָט זיך פעסט געקלעפּט צו אים ווי ער וואָלט געווען איר חתן. ער איז מיט איר אַריין אין אַ קינאָ זען אַ פראַנצויזישן פילם וואָס ביידע האָבן קוים פאַרשטאַנען אַ העלפט, און ער האָט זי דערנאָך צוגע־פירט אַ היים ערגעץווו אין אַ געסל אין דער בראָנקס. ביי איר טיר האָט זי צוגעלייגט איר באַק צו זיין מויל ער זאָל איר אַ קוש טאָן. ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט אין מויל.

*

אסתר האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט אים געזוכט אין דער „וואַי״ און געקלונגען צו אים אַ היים. זי האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן אַלס מויד אָן קאַפּריזן און אָן גרויסע פאַרלאַנגען. זי האָט געזאָגט אַז ער וועט ביי איר זיין גליקלעך, אויב ער וועט מיט איר חתונה האָבן.

זי האָט נישט געוווינט אַליין. זי איז געווען ביי טאַטע־מאַמע. איר פאָטער איז געווען אַן עלטערער מאַן, אַ געוועזענער פּעדלער. איר מוטער איז געווען נאָך עלטער. מאַרטינען האָט זיך נישט געגלוסט גיין זען איר טאַטע־מאַמע.

נעמען אסתרן צו זיך האָט ער אויך נישט געקאָנט. זיינע עלטערן וואָלטן נישט דערלאָזט ער זאָל אַ מיידל נעמען צו זיך אין צימער. זיין מוטער וואָלט געשטעלט צופיל פראַגן.

צווייטנס, האָט אסתר אים געזאָגט, אַז ביז דער חתונה וועט זי נישט זיין אינטים מיט אַ מאַן. אויב זי האָט געקאָנט וואַרטן ביז זיבן־און־צוואַנציק יאָר, קאָן זי צווואַרטן נאָך אַ שטיקל צייט.

ווען מאַרטין האָט געהערט פון איר מויל אַז זי איז נאָך אַ בתולה, האָט ער גענומען האָבן פאַר איר רעספּעקט, און גלייכצייטיק געטראַכט: מענער יאָגן זיך נישט נאָך איר... ער האָט איר אין שפּאַס געגעבן אַ פרעג:

— ווי קומט עס דער „קינזי רעפּאָרט״ ווייזט אָן אַז מיידלעך אין אַמע־ריקע הייבן אָן צו 14—15 יאָר און ווייסן אַלץ וועגן געשלעכטלעכן פאַרקער. ווו ביסטו, ווען יונגען זוכן אַרום און דאַרפן אַ פרוי?

— זאָלן זיי דאַרפן. עס פעלן נישט קיין גאַסן־פרויען — האָט אים אסתר שנעל געענטפערט.

— ווילסטו אַז אַלע מענער זאָל גיין צו גאַסן־פרויען?

— און דו גייסט דען נישט? — איז געקומען איר פראַגע.

— און אויב איך גיי נישט, וואָלסטו געשלאָפן מיט מיר?

— אפשר.

מאַרטין איז מיט איר אַרומגעגאַנגען אין צענטראַל־פּאַרק. דאָ, צווישן ווילדער שיינקייט און מיסטעריע, פון שטיינער אַרויף און שטיינער אַראָפּ,

פון קליינע בריקן, וואַסערלעך און קוסטעס, ווו גרופּעסביימער פלעגן דאַוועגען צוזאַמען און איינצלנע ביימלעך האָבן נישט געוואָלט צושטיין צו אַ מנין, איז געווען גוט צו שפּאַצירן.

ער, אין אַן אָפּן העמד און אַ קראַוואַט, און זי, אין אַ לייכט קליידל, ראָזע בלוזקע און סאַנדאַלן. זיי האָבן איינגעזאַפּט די שיינקייט פון דעם גרויסן פּאַרק אינמיטן זומער.

סטעזשקע־אַרויף און סטעזשקע־אַראָפּ, פיל פרעמדע וועגן און באַהעל־טענישן ווו עס ליגן פּאַרלעך אויפן גראָז, און אַזויפיל פייגל וואָס זינגען זונטיק־געזאַנגען. אסתר איז געווען איבערגליקלעך. זי איז געווען צוגעלאָזן און גענומען אים רייצן מיט איר שטילער חנעוודיקייט. אפילו אַזאַ איבער־קלייבער ווי מאַרטין האָט נישט געקאָנט אָוועקטרייבן דעם געדאַנק וועגן באַזיצן אסתרן...

זי, ווי זי וואָלט געוווסט וועגן וואָס ער טראַכט, האָט אים דערציילט:

— מיינע עלטערן וועלן אַרויספאָרן אויף אַ וואָך. אויב דו ווילסט קאָנסטו קומען צו מיר יעדן אָוונט. קאָנסט אפילו עסן ביי מיר.

— וואָס הייסט עסן? איך האָב ווו צו עסן. וואָס עפּעס פאַלט דיר איין מיך צו פאַרבעטן ווען דיינע עלטערן וועלן נישט זיין אינדערהיים?

— ווייל דו ווילסט זיי סייווי נישט זען.

— ציטערסטו נישט צו האָבן אַ מאַן ביי זיך, אסתר?

— אויב איך האָב אים ליב, פאַרוואָס זאָל איך ציטערן. צווייטנס, דו וועסט נישט זיין ברוטאַל צו מיר, מאַרטין. איך האָב צו דיר צוטרוי — האָט זי געזאָגט און אַרונטערגעלאָזט אירע אויגן, ווי אַן אמתע בתולה. זי איז נישט געווען זיכער, צי זי האָט געהאַנדלט טאַקטפול.

ווי ער האָט איר נאָכאַמאָל באַטראַכט, האָט ער פּלוצלינג געגעבן אַ שטעל אַזאַ מין פראַגע:

— זאָג מיר דעם אמת, אסתר, קענסטו מיך נישט אַמאָל פון ערגעץ איידער איך האָב דיך באַקענט אין דער „וואַי״?

— זי איז געוואָרן אַ ביסעלע רויט אויפן פּנים און געפרעגט:

— פאַרוואָס פרעגסטו?

— ווייל נעכטן ביינאַכט האָב איך געטראַכט וועגן דיר. מיר האָט אויסגעוויזן אַז איך האָב דיך אַמאָל געזען מיט עמיצן.

— מיט וועמען ?

— איך בין נישט זיכער, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז מיט אַ פרוי.

זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און מאַרטין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָג מיר, אסתר, דו קענסט אפשר אַ מיידל, פעי, אַ מיידל אין דיינע יאָרן, וועלכע וווינט אין ברוקלין ?

— פעי, פעי, ווער איז זי ?

— פעי איז מיינע אַ באַקאַנטע, וועמען איך פלעג אַמאָל טרעפן. מיר דאַכט זיך אַז איך האָב דיך אַמאָל געזען מיט יענער פעי.

אסתר איז געוואָרן בלאַס און גענומען ציטערן.

— וואָס איז דיר ? אויב דיר ווערט קאַלט וועלן מיר אַריינגיין אין אַ קאַפעטעריע — האָט מאַרטין צו איר ווייך גערעדט.

— ניין, מיר איז נישט קאַלט.

אסתר איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווייל און באַלד אָנגעהויבן רעדן :

— יאָ, די פעי וועגן וועלכער דו רעדסט, איז מיין ברודערס ווייבס שוועסטער. דו האָסט מיך טאַקע געזען מיט איר אויף איין סעקונדע בלויז. איך בין מיט איר געשטאַנען אויף דער 72־טער גאַס און גערעדט, ביסטו אָנגעקומען, געזאָגט „האַללאָ", און איר זענט ביידע פאַרשוווּנדן, אַריין אין אַ ידישן רעסטאָראַן. איצט זעסטו שוין פונוואַנען דו געדענקסט מיך ? — האָט אסתר רואיק אַרויסגערעדט און זיך גענומען שפּילן מיט אַ וויעוויורקע וואָס איז צו זיי צוגעקומען און געשאָקלט מיט איר פוכיקן ווידל און געשטעלט זיך אויף צוויי פיסלעך.

מאַרטין איז געבליבן שטיין ווי מ'וואָלט אים געגעבן מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אַזוי פריטשמיעלעט איז ער געווען.

— און דו, דו האָסט די גאַנצע צייט געוווּסט אַז איך בין אַרומגעגאַנגען מיט דיך שוועגערין און נישט דערמאָנט קיין וואָרט ?! — ער האָט אַזש געטרייסלט זיך פון אויפרעגונג.

— זיכער האָט איך געוווּסט.

— אָבער פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט ?

— צו וואָס זאָל איך זאָגן? אַזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען איר געליב־טער, האָב איך נישט געהאַט קיין שאַנס. דערנאָך אָבער, ווען דו האָסט מיט פּעי איבערגעריסן און גענומען קוקן אויף מיר — איז וואָס זאָל איך רעדן וועגן איר?

— איך האָב עס געדאַרפט וויסן, פאַרשטייסט? איך האָב געמוזט וויסן!

— וואָסי, וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? און אַז אַ מאַן גייט מיט אַ פרוי און האָט דערנאָך חתונה מיר איר שוועסטער? פּעי איז נאָך דערווייל נישט מיינע קיין שוועסטער — האָט אסתר גערעדט גאַנץ קאַלטבלוטיק און צוגע־רופן אַ צווייטע וויעוויורקע, ווייל די ערשטע איז אַנטלאָפן ווען זי האָט דערזען מאַרטינען אַן אויפגערעגטן.

זיי זענען געגאַנגען ביידע שווייגנדיק. אים האָט אָנגענומען אַ פאַרלאַנג צו וויסן וואָס פּעי טוט און צי זי וווינט נאָך אין האָטעל ביי ריווערסייד־דרייוו. אסתר האָט שטודירט זיין פּנים און אים דאָסמאָל אַרויסגעהאָלפן:

— פּעי האָט זיך גענומען אין קאָפּ אַריין אַז זי מוז פאָרן קיין ישראל אַריינצוטרעטן אין אַ קיבוץ. זי איז בכלל אַנטוישט אין די היגע מענער.

— —איז זי לעצטנס אַרומגעגאַנגען מיט עמיצן?

— כאַ־כאַ, פּעי וועט אויסהאַלטן איין וואָך אָן אַ מאַן? נאָכדעם ווי דו האָסט מיט איר איבערגעריסן איז זי אַרומגעגאַנגען מיט עטלעכע. זי מיינט אַז אַלץ קומט איר — כאַטש גיב איר די וועלט!

— האָט פּעי געוווּסט אַז איך גיי אַרום מיט דיר? — האָט מאַרטין געפרעגט.

— יאָ, זי האָט געוווּסט. איך האָב איר איינמאָל געזאָגט וועגן דיר דורכן טעלעפאָן. זי האָט געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן דיר. זי האָט מיר געזאָגט אַז זי האָט פיל רייכערע קאַנדידאַטן, און מער גאָרנישט.

מאַרטין האָט נישט געוווּסט וויאַזוי צו באַטראַכטן די דאָזיקע אסתר. אים האָט אויסגעוויזן אַז זי האָט פלאַנירט אים אַוועקצונעמען פון פּעי. אָט די שטילע מויד זאָל דאָס קאָנען טאָן!

— טאָ וויאַזוי וועסטו איצט קאָנען קומען צו דיין ברודער אין שטוב און טרעפן פּעיס שוועסטער, האַ? וואָס וועלן זיי טראַכטן וועגן דיר?

—— יאָ, איך קום סיוּוי נישט אָפּט צו מיין ברודער און שוועגערין. זיי וווינען אין קווינס — איז געקומען אסתרס פשוטער ענטפער.

— זייער אַ דעליקאַטער ענין — האָט מאַרטין געזאָגט ווי צו זיך אַליין
— זי וויל גאָר פאָרן לעבן אין אַ קיבוץ. וועמען זוכט זי דאָרטן?

— נו, אויב דו מאַכסט דערפון אַזאַ וועזן, און דיר איז נישט באַקוועם מיך צו זען — איז נישט. איך קאָן דיך נישט צווינגען. — זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אין אַ ציטערדיקן טאָן, און זי האָט געמאַכט אַ שריט אַוועק־צוגיין...

— איך האָב געמיינט אַז דו האָסט איר שוין אויפגעגעבן, צום סוף זע איך אַז דו האָסט נאָך ליבע־חשבונות מיט איר!

מאַרטין האָט איר אָנגעקוקט.

— יאָ, ביסט גערעכט. איך האָב נאָך ליבע־חשבונות מיט פעי. דו קאָנסט עס אפשר נישט פאַרשטיין.

מאַרטין האָט איר צוגעפירט אַ היים. דעם גאַנצן וועג אין דער אונטער־גרונט־באַן, האָט ער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט צו אסתרן. זי איז אויך געזעסן אַן אַנגעברוגזטע.

ער האָט זי צוגעפירט צו איר שטוב. דאָסמאָל האָט זי נישט צוגעשטעלט איר באַק צו זיין מויל און ער האָט זי נישט געקושט. אים האָט זיך אויס־געוויזן אַז ער טראָגט אַ שולד־געפיל לגבי זיין געוועזענער געליבטער.

ער האָט באַשלאָסן מאָרגן גאַנץ פרי טעלעפאָנירן צו פעי און איר אָפּהאַלטן פון פאָרן לעבן אין אַ קיבוץ.

דריי ביי דער גמרא

עס זענען געזעסן דריי ייִנגלעך איבער דער גמרא „נדרים". דריי ייִנגלעך כמעט פונעם זעלבן עלטער, אָבער פון דריי פאַרשידענע פאַמי־ליעס אין שטעטל זאַמאָוו.

דער בעסטער פון די דריי איז געווען איטשעלע. ער איז געווען קליין, דאַר, מיט אַ לענגלעך סימפּאַטיש נעזל ווי ביי זיין טאַטן דעם ליטוואַק. זיין טאַטע האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי, איז ער געקומען מיט זיינע צוויי עלטערע מיידלעך און מיט איטשעלען, זיך באַזעצן אין דעם שטעטל פון קאָנגרעס־פוילן.

טאַקע ביי איטשעלען אין שטוב איז געזעסן דער גמרא־מלמד מיט דער רויטער נאָז, אויף וועלכער עס פלעגן אַראָפּהענגען ברילן מיט דינע רעמלעך, און פלעגט לערנען מיט די דריי ייִנגלעך. דער מלמד פלעגט ווישן דעם שווייס פון שטערן, קראַצן און גלעטן זיין קליינע גראָע באָרד, און שמייכלען. ער פלעגט הנאה האָבן פון איטשעלעס לערנען; כאָטש ער, דער מלמד אַליין, איז נישט געווען קיין ליטוואַק.

ביי איטשעלען אין סאָדעוואַסער־קרעמל פלעגט אין די אָוונטן זיין פריילעך. יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס פלעגן קיינמאָל נישט לערנען גמרא, פלעגן קומען זיך דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל שאָקאָלאַד, אַ שטיקל כאַלווע, אַ מאַנדל, און מיט אַ גלאָס סאָדעוואַסער — מיט אָדער אָן סאָק. זיי פלעגן פירן געשפּרעכן וועגן ליבע און די בחורים האָבן אפילו די שטאָטישע מיידלעך געמאַכט קאָמפּלימענטן...

מ'קאָן נישט זאָגן אַז די דריי ייִנגלעך ביי דער גמרא האָבן נישט געוווּסט וואָס אין קרעמל קומט פאָר. פון צייט־צו־צייט פלעגט אַ פאַרשייט

לאַכן, אָדער אַ קוויטש פֿון אַ מיידל אַריינגליטשן זיך אין קאַמער פֿון די לערנער, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט הערן און נישט וויסן.

ווען דאָס געוועלבל פֿון איטשעלעס פֿאָטער פֿלעגט זיך פֿאַרמאַכן, פֿלעגן די יידישע יונגעלייטלעך און מיידלעך זיצן אויף די דריי בריקלעך פֿון געוועלבל. קעגנאיבער איז געווען אַ שיינע קאַוויאַרניע, ווו אָפֿיצירן פֿלעגן קומען מיט זייערע דאַמען, און דער שטאָטישער קינאָ פֿלעגט אַרויס־הענגען פֿאַרשידענע ליבע־בילדער. פֿלעגט עס צוציען די יונגעלייט און זיי פֿלעגט באַפֿאַלן אַ ראָמאַנטישע שטימונג, דווקא ביי איטשעלען אויף די בריקלעך...

כדי איבערצושרייען דעם טומל פֿון די פּוסטע יונגעלייט ביי זיי אין קרעמל, פֿלעגט איטשעלע מיט מער כוונה פֿאַרציען דעם ניגון ביים לערנען. זיין טאַטע פֿלעגט מיט שטילינקע טריטעלעך אַריינקומען זיך צוהערן אַ מינוט־צוויי ווי זיין זונדל לערנט, אַזוי אויך די שוועסטער זיינע. זיי פֿלעגן וואַרעם קוקן אויף איטשעלען און זיך אומקערן צו די נאַשערס אין קרעמל.

פּנחס, דאָס צווייטע יינגל, איז געווען פֿון אַ מער פֿרומערער היים ווי איטשעלע. ביי זיי האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָרעמקייט. מער ווי ברויט און קאַרטאָפֿל האָט מען ביי זיי נישט געגעסן. וויאַזוי זיין פֿאָטער, דער דין, האָט געהאַט צו באַצאָלן דעם גמרא־מלמד, איז נישט געווען צו פֿאַרשטיין. מיט אַ טרויער־מינע אויף זיין הדרת־פּנים פֿלעגט ער אַרומגיין און רואיק גלעטן זיין גרויסע שוואַרצע באָרד. ער פֿלעגט זיך צוקוקן ווי זיין יינגערער זון, פּנחס, וואַקסט מיט אַ בלאַס פּנים און טרויעריקע אויגן. נאָכדעם ווי זיין פֿרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט דער דין גענומען אַ צווייטע און איר אָנגעזאָגט זי זאָל זיין גוט צו זיינע דריי קינדער.

דער דריטער, אויך אַ שקאָלע־יינגל און לערנער פֿון נאָכמיטאָג־גמרא, איז געווען פֿון אַ סוחרישער היים. זיי האָבן געהאַט אַ געשעפֿט פֿון שרייב־מאַטעריאַלן און פֿון שניידער־ און שוסטער־צודאַטן. זיי זענען אויך געווען פֿרומע מענטשן. אין שטעטל האָט מען זיי געהאַלטן פֿאַר זייער פֿאַרמעגלעכע.

לייבל פלעגט צוקוקן ווי זיין פאָטער איז שטענדיק פאַרנומען ביים מסחר, ווי זיין פאָטער און שוועסטער העלפן צו, און אים האָט עפּעס געצויגן צו דער אָרעמער שטוב פון פּנחסן, וווּ עס איז געווען מער מנוחה.

די צוויי, לייבלען און פּנחסן, פלעגט עפּעס פאַראייניקן קעגן איטשע־לען. ווייל איטשעלע פלעגט זיך פלייסן, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויס־ווייזן זיין שאַרף קעפּל, און דער רבי פלעגט אים רימען, האָבן זיי דאָס נישט ליב געהאָט. דערפאַר האָט לייבל, וועלכער איז געווען דער צווייטער ביים לערנען, פיל אַרויסגעהאָלפן פּנחסן. ער פלעגט אים אונטערזאָגן און אויפווייזן אַז איטשעלע איז גאָרנישט אַזוי קלוג. ער פלעגט אָפּלאַכן פון ליטווישן „ניט״ און פּנחסן צוגעגעבן מוט.

און נישט נאָר ביים לערנען גמרא. לייבל פלעגט פּנחסן אַרויסהעלפן מיט שרייב־געצייג און מיט אַנדערע זאַכן פון זיין טאַטנס קראָם. יעדעס מאָל ווען לייבל פלעגט אַהיימקומען פון פּנחסעס אָרעמער היים, פלעגט אים נישט באַקומען דאָס בעסערע עסן, וואָס זיין מוטער האָט אים דערלאַנגט. ער פלעגט פּנחסן פונדעסטוועגן זיסוואַרג און האָט נאָר געזוכט צו פאַרגרינ־גערן זיין לאַגע.

*

מען האָט דעם דין מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעפּאָדערט קיין אַמעריקע. אַמעריקע איז פאַר פיל יידן אין די שטעטלעך געוואָרן אַ כישוף־מדינה. מען הונגערט, מען האָט נישט קיין פּרנסה, קיין אויסזיכטן אויף מאָרגן — אַמעריקע לייזט אַלע פּראָבלעמען. אַפילו אַזעלכע יידן ווי דער דין און פון אַנדערע חסידישע היימען, האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון פאָרן קיין אַמע־ריקע.

מען האָט געשמועסט אַז זרח מיט דער שיינער באָרד וועט זיין עפּעס מער ווי דין: עס וואָרט אויף אים אַ רבנות־שטעלע אין אַ גרעסערע פּראָ־ווינץ־שטאָט. פרומע ווי נישט־פרומע, האָבן דעם דיין, זיין ווייב און זיינע קינדער מקנא געווען. דערמיט אַליין האָט שוין פּנחס זיך געפילט בעסער.

אַפילו איטשעלע, דער בעסטער פון די דריי, האָט אויפגעהערט צו לאַכן פון פּנחסנס „שווערן קאָפּ" — ער האָט אויך דורך־ארץ געהאַט פאַר אַמעריקע...

לייבל איז געשטאַנען ביי פּנחסן אין שטוב און זיך צוגעקוקט ווי מ'פּאַר־פּאַקט ספרים, קישנס, פענדלעך און טעצלעך. פּנחס עלטערער ברודער, שמואל, און זיין עלטסטע שוועסטער, שרה, האָבן איבערגעקוקט די שטוב־זאַכן, פאָטאָגראַפיעס און בילדער פון רבנים. אים האָט זייער געאַרט וואָס מ'נעמט דאָס אַלץ אַוועק. אים האָט ווי געטאָן וואָס זיין בעסטער פריינד האַלט ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

— פּנחס, וועסט אים מוזן מיטנעמען — האָט שרה געזאָגט צו איר ברודער. — זע נאָר ווי טרויעריק און ווי בלאַס דיין לייבל זעט אויס. עס וואָלט געפּאַסט אַז ער בלייבט דאָ ביי אַן אָרעמער פאַמיליע — האָט זי צוגעשמייכלט און אַוועקגעוואָרפן אַ פּאָר צעריסענע זאָקן.

— איך וועל אים טאַקע אַריבערנעמען! — האָט איר פּנחס געענטפערט גרויסמוטיק. — וועסט זען, לייבל, דו וועסט נאָך זיין אין אַמעריקע!

לייבלען האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט געמאַכט אַ טריט צו דער טיר אָן זיך צעוויינט. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן וויאַזוי ער וועט דאָ בלייבן אין שטעטל אָן פּנחסן. ס'טייטש, ווער וועט ער קאָנען העלפן? פאַר וועמען וועט ער זיך אויסרעדן זיין האַרץ אויף זיין שטרענגן פאָטער און פאַנאַטישער מוטער? ווער וועט וויסן וויאַזוי ער פילט זיך אין זיין שטוב וועלכע איז שטענדיק פאַרנומען מיט אַ קראָם, און ווי־אַזוי די שוועסטער זיינע ווילן אים נישט פאַרשטיין? ווער וועט דאָס אַלץ מיטפילן מיט אים, ווען פּנחס פאָרט אַוועק?

*

אַזוי גלאָט וועלן יונגע חברים זיך נישט צעשיידן. אין שטעטל זאַמאָוו איז געווען אַ פאָטאָגראַפיסט, האָט ער פאַרמאָגט אַ געמאָלטע דעקאָראַציע פון אַ בוים מיט ליידיקע צווייגן, און פון אויבן אַ טינט־שוואַרצער הימל. דערצו אי ביי אים געווען אַ געפלאָכטענע שטול. אויף דער שטול, ביים בוים מיט די ווינטערדיקע ווינטער־צווייגן, און ביים פאַרפלעקטן הימל, זענען

געזעסן אָדער געשטאַנען כמעט אַלע יידן פון שטעטל, וועלכע האָבן געוואָלט פאַראייביקן זייער טרויער, בענקשאַפט אָדער שמייכל. נאָך אַזאַ קינסטלער ווי דער היכער פאָטאָגראַפיסט שטיינגאָלד, וועלכער פלעגט קוקן מיט פאַר-גלאָצטע וואַסערדיקע אויגן און ווייך אַוועקזעצן אָדער אַוועקשטעלן זיינע יידישע קליענטן, איז אפשר נישט געווען אין גאַנצן געגנט אַרום זאַמאָוו. זיינע פאָטאָגראַפיעס פון די חנעוודיקע שטעטלדיקע מיידלעך, אָדער יונגע ווייבלעך, פלעגן רירן די הערצער פון חתנים אָדער מענער אין אַמעריקע. מ׳פלעגט גאָר שנעל שיקן שיפסקאַרטן און די ווייבלעך אָדער כלות אריבער-נעמען צו זיך.

אָט ביי דעם דאָזיקן בוים, געוואַקסן אויפן לייוונט פון שטיינגאָלדס אויפנאַמע, האָבן די צוויי יוגנט-פריינט זיך פאָטאָגראַפירט. ביידע אָנגע-טוענע אין זומערדיקע טונקל-לייוונטענע אָנצוגן מיט קעלנערלעך פאַר-שפיליעט ביזן האַלדז, און מיט היטלען אויף די קעפּ. דאָס זענען געווען זייערע ערשטע קורצע רעקלעך, וואָס די צוויי בחורימלעך האָבן אויסגע-קעמפט אין זייערע היימען. דער קאַמף איז נישט געווען אַזאַ לייכטער. פרומע חסידישע עלטערן לאָזן נישט אַנטאָן זייערע בחורים „דייטשמערישע״ קליידער. נאָר אַדאַנק דעם וואָס פנחס האָט געהאַלטן ביים פאָרן קיין אַמע-ריקע, האָט זיין טאַטע דער דין, נאָכגעגעבן. לייבלס פאָטער האָט שוין אויך געמוזט נאָכגעבן... זייער חבר, איטשעלע, האָט נישט געדאַרפט פירן דעם קאַמף; זיין טאַטע, דער העברעיש-קענער, האָט אים געלאָזט טראָגן קורצע רעקלעך.

אַ וואָך שפּעטער האָט די פאָטאָגראַפיע גערעדט ווערטער. זי האָט געוויזן וויאַזוי פנחס שטייט העכער, געוויקסיקער פון לייבלען, וויאַזוי פנחס פאַרמאָגט אַ בייכעלע פון קאַרטאָפל עסן, און ווי לייבל שטייט פאַרזאָרגט נאָר צום וויינען. דאָס דריקן איינער דעם צווייטן די הענט, האָט דערציילט פון געזעגענען. מען האָט זיך געזעגנט, אָבער צוגעשריבן: „צום אייביקן אָנדעק״.

דעם טאָג ווען פנחס מיט זיין פאַמיליע האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן פון שטעטל איז ביי לייבלען אין האַרצן געווען חושך. ער איז געשטאַנען ביי

דער באָן אָן אומעטיקער. פאַרוואָס דאַרף די באָן אַוועקנעמען זיין חבר, פירן אים קיין וואַרשע, און דערנאָך צו אַ פּאָרט און איבער אַ ים אַזש קיין אַמעריקע — פאַרוואָס, אָט, שוין, היינט, פאַרוואָס?

פנחסעס פאַמיליע זיצט שוין אין וואַגאָן. זיי רופן אים ער זאָל דאָס „מאַכן שנעלער", אָבער ער שטייט אַלץ און דריקט די האַנט פון לייבלען ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. זיין ברודער און שוועסטער שלעפּן אים אַריין און די באַן רירט. פנחס מיט זיין פאַמיליע און די באַן זענען אַוועק פון האָרי־זאָנט, פאַרשוווּנדן. לייבל שטייט אַלץ אויף אַן אָרט און פאָכעט מיט זיין נאָזטיכל, וויינט און פאָכעט צו די ליידיקע באַן־רעלסן און וויטע פעלדער. דערנאָך איז ער מיט געבראָכענע טריט געגאַנגען די דריי וויאָרסט פון דער באַן צו זיך אַ היים, און געווען ברוגז מיט דער גאַנצער וועלט. ער האָט אפילו נישט באַמערקט דעם שמעקעדיקן פוילישן פרילינג פון צעבליטעביימער און לאָנקעס. ער האָט אויך נישט געענטפערט די פייגל וועלכע האָבן אים באַגריסט אויפן וועג, און נישט די קליינע וואָלקנדלעך וואָס זענען געריטן אויף אַ בלאָען הימל און צוגעגעבן פריינטשאַפט און היימיש־קייט דער נאַטור אַרום. לייבל האָט זיך פרי געלייגט שלאָפן און מיט קיינעם אין שטוב נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

פון וואַרשע און פון דאַנציג האָט פנחס געשריבן צו לייבלען אַז עס גייט אים גוט. מ'האָט אים געקויפט נייע מלבושים און אַלץ זעט אויס צו זיין זייער אינטערעסאַנט. ער האָט צום סוף צוגעגעבן:

— זאָרג נישט, לייבל, איך וועל דיך נישט לאָזן בלייבן אין שטעטל. מיין וואָרט איז ווי אַ נדר —— איך וועל דיך אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

די צוויי בריוו פון וועג, זענען ביי לייבלען געווען טייער. ער האָט זיי אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט זיי, צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַ־פיע, פאַרשלאָסן אין זיין קעסטעלע, און יעדעסמאָל ווען ער פלעגט איבער־לייענען די בריוו און אַ קוק געבן אויף דער פאָטאָגראַפיע, פלעגט ער קריגן מער כוח צו וואַרטן ביז זיין חבר וועט אים אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

*

מיט איטשעלען האָט לייבל נישט געהאַט צופיל פאַרבינדונגען. שוין

לאַנג ווי דאָס גמרא־לערנען איז געוואָרן איבערגעריסן. איטשעלע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און איז אוועק קיין פּאַלעסטינע. ער האָט אַפילו פאַרגעסן זיך צו געזעגענען מיט לייבלען.

לייבל האָט אויך אויסגעוואַנדערט פון פּוילן. פאַרלאָזט אַ וואַרעמע היים און געוואַלגערט זיך אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע. דערנאָך, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער אויסגעפונען אַ האַלבע פאַמיליע זיינע אָפּגעראַטעוועטע. נאָכדעם ווי זיי זענען פון די דייטשישע לאַגערן אויס־געוואַנדערט קיין אַמעריקע, איז לייבל צו זיי געפאָרן. ערשט מיט די פאַר־בליבענע רעשטלעך פון זיין פאַמיליע האָט לייבל געוואָלט אַרויסברענגען זיין צער און בענקשאַפט, וואָס ער האָט געפילט צו זיינע אומגעקומענע. ערשט איצט האָט ער געוואָלט אָפּצאָלן אַ חוב פון ליבע און וואַרעמקייט, וואָס ער האָט נישט גענוג געגעבן די יעניקע פון זיין פאַמיליע, וועלכע די דייטשן האָבן אַזוי מערדערלעך פאַרפייניקט.

נאָכדעם האָט ער גענומען טראַכטן וועגן פנחסן. ער האָט אים, אייגנט־לעך, שטענדיק געדענקט און געהאָפט אים אויפצוזוכן. נאָך אין אייראָפּע, באַלד נאָך דער מלחמה, ווי נאָר ער האָט אויסגעפונען זיינע נאָענטע, האָט ער גענומען זוכן זיין יוגנט־חבר. געשיקט אַנאָנסן אין יידישע צייטונגען אין אַמעריקע און נאָכגעפרעגט ביי לאַנדסלייט. איצט, טרעפנדיק פיל לאַנדסלייט פון מאַזאָוו, האָט ער געהאָפט פון זיי זיך דערוויסן, כאָטש קומען אויפן שפור פון פנחסן. ער האָט פּרובירט דורך מעלדונגען אין דער יידישער פּרעסע, דורכן יידישן ראַדיאָ, און נאָכאַמאָל געשיקט אַן אָנפראַגע אין דער פּראָווינץ־שטאָט, וווּ פנחסעס פאָטער איז געווען רב. דערוויילע אַלץ אָן דערפאָלג. קיינער האָט נישט געוווּסט, וווּ די פאַמיליע זרח פלאַנצמאַן איז אַהינגעקומען.

איינמאָל, אין אַ רעגנדיקן האַרבסט־טאָג, ווען די שטאָט ניו־יאָרק איז געווען איינגעוויקלט אין מרה־שחורה, האָט אַ לאַנדסמאַן זיינער, סתם אַזוי, בשעת ער און לייבל זענען געשטאַנען אין אַ געשעפט־איינגאַנג כדי איבער־צוּוואַרטן דעם רעגן־שטורעם, האָט דער קליינטשיק־געוויקסיקער לאַנדס־מאַן וועלכער איז שטענדיק געווען פעסימיסטיש צו אַלץ און אַלעמען, געגעבן אַ זאָג:

— לאָז זיך אַרויס פון זוכן דיין פריינד פּנחס. זיין פאָטער איז געשטאָרבן און ער וואַלגערט זיך אַרום, ער איז גאָרנישט ווערט. איך האָב אים מיט אַ צייט צוריק געזען ערגעץ הינטער ניו־יאָרק. ער איז געווען נישט ראַזירט, נישט געוואַשן און אָנגעטאָן ווי אַ וואַגאַבונד. ער זעט אויס צו זיין אַ רינשטאָק־מענטש.

לייבל האָט זיך געוואַלדיק דערפרייט. אויב אַזוי, אויב ער לעבט און אין נישט ווייט פון ניו־יאָרק, וועט ער אים געפינען.

— זאָל זיין אַ רינשטאָק־מענטש. מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן פאַרוואָס ער איז אַזוי געוואָרן. איך וועל אים אויפהייבן און אַרומוואַשן, אויב ער וואַלגערט זיך אין רינשטאָק, אַזוי ווי דו זאָגסט — איך וועל אים אַריינגעמען צו מיר אין צימער.

דער לאַנדסמאַן האָט געהויבן מיט זיינע אַקסלען און אָנגעקוקט לייבלען צי ער איז נישט אַמאָל חסר דעה.

— אויב אַזוי, פאָטער דיין צייט און מי. ווייזט אויס, אַז דו האָסט מער נישט וואָס צו טאָן אין אַמעריקע.

ביי לייבלען איז עס געוואָרן אַ מוז־זאַך, אַ מין מאַניע. ער האָט זיין פריינד געזוכט גאַנצע זעקס יאָר, זינט ער, לייבל, איז געקומען קיין אַמע־ריקע, וועט ער אים זוכן נאָך זעקס און אפילו זעכציק יאָר — ער מוז אים געפינען!

*

צופעליק האָט אַ יידענע געזאָגט לייבלען, אַז דאָרטן ווו זי האָט אַמאָל געקויפט פיש, האָט זי געטראָפן דעם דינס טאָכטער. דאָס הייסט פּנחסעס שוועסטער. לייבל האָט אויפגעזוכט דעם פיש־האַנדל, און גענומען קלאַפּן אין אַלע טירן פון „פּראָיעקט״־הייזער, וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אויפגעשטעלט פאַר אָרעמע מענטשן אין דער איסט־סייד. ער האָט אָנגע־טראָפן פיל מיט אַ נאָמען „דזשאָנסאָן״ וואָס דעם דינס טאָכטער האָט גע־

טראָגן. ווען ער האָט זיך אָבער דערוווּסט אַז אַ יידישע פרוי מיט אַזאַ נאָמען, וועלכע שטאַמט פון פוילן וווינט דאָ און דאָ, איז ער שוין פון דער גאַס און פון דעם הויז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט געקוקט אויף דער אָרעמער גאַס וואָס איז געווען פול מיט פאַרבלאָטיקטע שטיקער שניי, און פון אויבן האָט אַריינגעקוקט אַ שמאָלער פּאַס בלייענער הימל. ער האָט באַטראַכט די אָרעמע ווייבער און קינדער מיט אַפּאַטישע פּנימער פון אייראָפּעישן און פּאָרטאָריקאַנישן אָפּשטאַם. דאָ, צווישן דער ראָם פון דערדריקנדיקער אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט האָט ער געזען איינגעראַמט אַ פרוי מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַ פרוי אַ געליטענע און פינצטערע, ווי די אַמעריקאַנער זון האָט זיך פאַרנומען קיינמאָל נישט צו שיינען אין איר פּנים...

לייבל האָט דערקענט אַז די פרוי, אָט די געבויגענע עלטערע פרוי, איז די שוועסטער פון פנחסן. דאָך האָט ער זיך געוואָרט: ניין, עס קאָן נישט זיין. יענע איז נישט מער ווי אַ יאָר פינף און פופציק, און די זעט אויס — —

די פרוי האָט אַנידערגעשטעלט איר קוישל מיט גרינצייג און גענומען זוכן אַ שליסל צו עפענען אר פאַרטער־וווינונג. לייבל האָט זי געפרעגט צי זי איז פון דערהיים — שרה פלאַנצמאַן.

די פרוי האָט זיך פאַררויטלט. אירע רויטע אויגן און איינגעפאַלענע באַקן האָבן אויפגעלויכטן.

— און איר ווער זענט?

איך בין אייער ברודערס אַ חבר, לייבל. איך פלעג אַריינקומען צו אייך אין שטוב.

— אוי ווי איז מיר, לייבל! דיין טאַטע האָט געהאַט אַ געשעפט אין „ריגעק״?

לייבלען האָט געריסן דאָס האַרץ. וואָס איז פון דער שיינער שרהן געוואָרן! בשעת זי האָט אים פאַרבעטן אין איר וווינונג און ער האָט געזען אַ שטוב פול מיט שמאַטעס, האָט ער געטראַכט:

— יאָ, דאָס איז פון דער פרוי געוואָרן — אַ שמאַטע!

זי האָט לייבלען דערציילט ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוויסן דזשאָנסאָן; ווי דאָס צוזאַמענלעבן האָט נישט געקלאַפּט; אַז זי קריגט

שטיצע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון אירע ברידער; אַז איר לעבן, נאָכדעם ווי איר פאָטער, דער רב, איז געשטאָרבן, גייט באַרג אַראָפּ.

לייבל האָט אַלץ אויסגעהערט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. ער האָט באַמערקט אַז בשעת איר דערציילן איז די שוועסטער פון פּנחסן געוואָרן יינגער און זי האָט אָנגענומען שטריכן פון דער אַמאָליקער שרה.

וועגן איר ברודער פּנחס האָט זי פיל נישט דערציילט. זי האָט אים געגעבן דעם טעלעפאָן־נומער און ער וועט שוין אַלץ אויסגעפינען. איר ברודער, האָט זי צוגעגעבן, הייסט שוין היינט נישט פּנחס פלאַנצמאַן; ער הייסט פענסאָן פיליפּס.

— פאַרשטייסט, דאָ אין אַמעריקע, אַז דו וועסט דאָ אָפּזיין דרייסיק יאָר, וועסטו אויך מער נישט הייסן לייבל גוטמאַנסקי — וועסט אויך טוישן דיין נאָמען.

לייבל האָט געפרעגט אויף פענסאָן פיליפּס. זיין שטימע האָט דערביי געציטערט. פון יענער זייט טעלעפאָן האָט עמיצער אַריינגעהוסט אין טרייבל און אין אַ פליסיקן ענגליש געענטפערט אַז ער איז עס די פּערזאָן.

— פּנחס, וואָס מאַכסטו? — איז לייבל צוגעפאַלן צום טרייבל.

ווידער אַ טרוקענער הוסט פון דער צווייטער זייט:

— איך הייס נישט מער פּנחס פלאַנצמאַן. ווער זענט איר?

— געדענקסט, האָסט אַמאָל געהאַט אַ חבר לייבל?

— לייבל, לייבל? אָה, לייבל פון מאַזאָוו? ווילאַנג ביסטו אין אַמעריקע? זיכער געדענק איך דיך פון אַמאָל.

דער טאָן, דאָס יידיש־רעדן און דער נאָמען — אין דעם איז געווען אַ וועלט פון אָפּגעפרעמדטקייט און פאַרקילטקייט; פון דרייסיק יאָר ליגן אין אַ פריזשידער (אייז־קאַסטן). לייבל האָט נישט געוווּסט צי ער וועט געפינען אַ בריק איבערצובריקן די דרייסיק יאָר וואָס דער שיקזאַל האָט אַזוי געוואָרפן מיט קאָנטינענטן, פעלקער און מיט איינצלנע מענטשן. ער האָט מיטגעבראַכט געגנוג וואַרעמקייט, עס איז נאָר אַ פראַגע צי פּנחס וועט זיך וועלן דערוואַרעמען...

מיט אַ פלאַש וויין אין דער האַנט און מיט שטיקער פרייד אין האַרצן,

איז לייבל געלאָפן צו אַ גאַס נעבן דעם איסט־ריווער. דאָרטן ווו מ׳זעט גרויסע גאַז־קוימענס אַריינקוקן אין שטאָט אַריין. ער האָט געזען דעם נאָמען „פּיליפּס״ צווישן די נעמען אויף די פּאָסט־קעסטלעך, און ער איז מיט צוויי־דריי שפּרונג געווען אויפן דריטן שטאָק. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, צורעכטגעמאַכט זיין קראַוואַט און געגעבן אַ קלונג. איז אַרויסגע־קומען אַ מאַן, העכער ווי מיטלוויקס, עלעגאַנט אָנגעטאָן, אָבער מיט עפּעס אַ פּרי פאַרעלטערט פּנים און גראָע האָר: אַ פּנים פון דורכגעמאַכטע ליידן און ראַנגלענישן. דער מאַן וואָס האָט אויסגעזען נישט מיט איין יאָר, נאָר פיל, פיל עלטער פאַר לייבלען, האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלע פענסאָן פּיליפּס. ער האָט רואיק דערלאַנגט לייבלען אַ האַנט און אים אַריינגעפירט אין דער וווינונג.

לייבל האָט נישט געקאָנט תופס זיין. ער האָט געקוקט אויף דעם מאַן און בשום אופן נישט געגלויבט אַז דאָס איז געוואָרן פון פּנחסן. אַזוי ענדערן אַ צורה, אַזוי אַרויפּציען אַן אַנדערע הויט און אַנדערע שטריכן — קאָן דאָס פאָרקומען אין דערווירקלעכקייט?

די צוויי יוגנט־חברים האָבן געהאַלטן אין איין קוקן איינער אויפן צווייטן. לייבל האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואַרעמע ווערטער. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו זאָגן פּנחסן „דו״. אַזוי ווי ער האָט גערעדט יידיש, איז פּנחס אויך איבערגעגאַנגען אויף יידיש, אָבער אַלץ נישט דער וואַרעמער יידיש פון שטעטל זאַמאָוו.

די שטוב־פּאַנאָראַמע איז באַשטאַנען פון עטלעכע שטולן, אַ טיש, אַ קאַנאַפּע און עטלעכע נאַטור־בילדלעך אויף די ווענט. לייבל האָט געכאַפּט אַ בליק צו זען צי דער טייך און די וועלדער וואָס אויף די בילדער, זענען נישט אַמאָל פון זייער שטעטל. ער האָט אומישנע געקוקט ערגעץ אַנדערש, כדי פענסאָן־פּנחס זאָל דורך דער צייט אַראָפּוואַרפן די אַלטע פאַרגליווערטע צעקנייטשטע מאַסקע און אָנטאָן צוריק זיין היימיש פּנים פון שטעטל, דאָס פּנים פון תמימות ביי דער גמרא „נדרים״...

דערווייל זענען פון אַ צווייטן צימער אַריינגעקומען פּנחסעס עלטערער ברודער און די אַלטע שטיפמוטער. סיי דער ברודער און סיי זיין שטיפמו־

טער האָבן זיך נישט פיל געענדערט. זיי וואָלט ער געוויס דערקענט ווען ר׳זעט זיי אין גאַס.

די אַטמאָספער איז געוואָרן וואַרעמער. מ׳האָט געטרונקען „לחיים״, מ׳האָט געגעסן לאַטקעס און פּאַרטרונקען מיט טיי און לייבל האָט אַלץ געהאַפּט אַז פּנחס וועט אויפהערן צו שפּילן די ראָל פון אַ קאַלטן, שטייפן ענגלענדער...

שמואל, פּנחסעס ברודער, האָט לייבלען אויסגעפרעגט וויאַזוי ער האָט דורכגעמאַכט די מלחמה, וויאַזוי זיינע מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט, ביי וואָס ער איז באַשעפטיקט אין ניו־יאָרק און צי אים, לייבלען, געפעלט, אָדער ווי די אַמעריקאַניזירטע יידן זאָגן, „גלייכט״ אַמעריקע.

פּנחס האָט אויך גענומען דערציילן, אָבער אויפן שפּיץ־מעסער. צופיל פון זיין לעבן האָט ער דערוויל נישט אַרויסדערציילט. ער האָט געוואָלט שטודירן, גענומען זיך צו פאַרשידענע אַרבעטן און געווען אין דער אַמע־ריקאַנער אַרמיי. היינט איז ער בוכהאַלטער און פאַרדינט נישט שלעכט. וועגן זיין אידייען־וועלט אָדער פאַרוואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט, האָט פּנחס נישט גערעדט. ער האָט בלויז געזאָגט אַז ער מישט זיך נישט אין פּאָליטיק אז אַז ער קומט ווינציק אין באַרירונג מיט יידן. ער האַלט זיך פאַר אַן אַמעריקאַנער.

יאָ, וועגן לייבלען האָט ער דאָ און דאָרט אָפּגענומען גרוסן; ער האָט אַפילו געהערט אַז לייבל איז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער.

— האָסטו נישט געוווּסט אַז איך זוך דיך אַרום? — האָט לייבל שטיל געפרעגט. — צי האָסטו נישט געהערט אויף דער יידישער ראַדיאָ און נישט געזען אין די יידישע צייטונגען ווי איך זוך דיך אַרום?

— ניין, איך הער נישט קיין ידיש און לייען נישט קיין יידישע צייטונ־גען. זינט מיין פאָטער איז געשטאָרבן לייענט מען נישט ביי אונדז די זאַכן.

שמואל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט באַמערקט:

— יאָ, איך האָב געהאַט געהערט אַז דו זוכסט אונזער פאַמיליע. אַ פרוי

פֿון אונזער שטעטל האָט מיר אַמאָל דערציילט. איך האָב עס געזאָגט מיין ברודער, אָבער ער איז דעמאָלט קראַנק געווען און האָט פֿאַרגעסן דעריין.

לייבל האָט געפֿילט ווי די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זייער אַמאָליקער געזעגענונג בריט און גליט אין זיין בוזעם־קעשענע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט באַווייזן זיך מיט איר. עפּעס ווי ער וואָלט מיטאַמאָל באַנומען זיין איבער־געטריבענע סענטימענטאַלקייט און געשעמט זיך דערמיט...

— און אונדזער דריטן חבר, איטשעלען, געדענקסטו?

— יאָ! איטשעלע דער ליטוואַק וואָס פֿלעגט בלאָזן פֿון זיך מיט קענען אַ פֿאַרגליווערט בלעטל גמרא אָ ביסעלע בעסער ווי מיר ביידע. ווו איז אַהינגעקומען דער ליטוואַק? — האָט פּנחס געפֿרעגט.

— ער איז אין ארץ־ישׂראל. מען שמועסט אַז ער איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער העברעיסט — האָט לייבל געענטפֿערט.

פּנחס האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַריין אויף אַ מינוט אין צווייטן צימער. לייבל און פּנחסעס ברודער האָבן דערווייל גערעדט וועגן לאַנדסלייט. דער שמואל האָט נישט מורא געהאַט צו זאָגן אַז ער איז אַ ייד און אַן אַמעריקאַנער. ער האָט נישט דערלאָזט אַז דאָס אַמעריקאַנישקייט זאָל איינ־גאַנצן אָפּווישן זיין יידישקייט.

פּנחס איז צוריקגעקומען צום טיש מיט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אין דער האַנט.

— און דאָס דערקענסטו?

די צוויי חברים מיט דעם בוים אויפֿן לייוונט האָבן ווידער מיט וואַרעמ־קייט באַשיינט די שטוב. לייבל האָט געכאַפּט איין בליק אויף דער פֿאָטאָ־גראַפֿיע און האָט שיער נישט אויסגעהאַלטן: ער האָט געוואָלט אַרויסכאַפּן זיין פֿאָטאָגראַפֿיע און אַ געשריי טאָן: — אָט האָסטו! איך טראָג די פֿאָטאָ־גראַפֿיע, איך האַלט זי אין מיין בוזעם־קעשענע נעבן מיין האַרץ! אַלע יאָרן ווי איך טראָג זיך אַרום מיט איר. כ׳האָב אַלץ געהאָפֿט אויף דעם טאָג! אויף דעם טאָג ווען צוויי יוגנט־פֿריינט באַגעגענען זיך.

אָבער, ניין! לייבל האָט דאָס נישט געטאָן. ער האָט געפֿילט אַז ער וועט דאָ פֿאַרשוועכן די הייליקייט וואָס ער האָט געהאַלטן טייער אַלע יאָרן. דער טאָג פֿון טרעפֿן און פֿריידן, איז עפּעס נישטאָ. ווער ווייסט צי מ׳דאַרף

אים נישט אויסשמידן און אויסהאַמערן. דער טאָג דאַרף זיין מיט נשמה און ציטער — ווי צוויי געטרייע חברים דאַרפן פילן.

*

אויפן וועג צו דער סאָבוועי־באַן האָט פנחס גענומען מער רעדן. ער האָט עפּעס גענומען רעדן וועגן זיך און אויפגעהערט.

לייבל איז געגאַנגען ווי אין שלאָף. דאָ, אונטער אַ קנופּ פון באַן־בריקן, וואָס קלאַפּן און רוישן צום פאַרטויבן. דאָ אין די כאַאָטיש געשניטענע גאַסן מיט קופּעס שוואַרץ־בלאַטיק שניי, דאָ צווישן נאַסקייט, זשאַווער און קעלט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער שפּאַצירט מיט דעם אַמאָליקן פנחס, דאָרטן אין שטעטעלע זאַמאָוו, וווּ די הייזקעס, קרעמלעך, בית־המדרש און חסידים־שטיבלעך זענען געלעגן אַזוי היימיש און איינגעבאַקן אין האַרצן. זיי ביידע פּופּצן־זעכצן־יעריקע יינגלעך גייען אַרויס פון גמרא־מלמד און שושקען זיך וועגן איטשעלען, אָדער וועגן די ליבענישן, וואָס פלעגן פאַר־קומען ביי איטשעלען אויף די בריקלעך.

— איז אפשר וואָלסטו פאַרט מיט מיר געקומען צווישן יידן? וואָס וואָלט דיר געאַרט ווען דו הערסט אַ רעפעראַט, אַ קאָנצערט, אָדער זעסט אַ יידישע פּיעסע? ביסט דאָך פאַרט אַ זון פון אַ רב. וויאַזוי קאָן מען דאָס אינגאַנצן איבעררייסן מיט יידן און יידישקייט?!

פנחס האָט נישט געענטפערט. אין אַ מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— מסתמא האָב איך געהאַט מיינע סיבות.

נייך, לייבל האָט אים איצט נישט געוואָלט דריקן ער זאָל אים דערציילן די סיבות. אפשר שפּעטער, ביים צווייטן אָדער דריטן מאָל זיך טרעפן, וועט פנחס מן הסתם נעמען אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרצן.

— נו, אויב דו ווילסט, וועלן מיר גיין ערגעץ הערן אַ קאָנצערט. טעלעפאָניר, וועט מען געפינען צייט. אויב דו ווילסט קאָנען מיר זיך צוזאַמען האַלטן, — האָט פנחס שטיל געזאָגט און געוואַרט וואָס לייבל וועט זאָגן.

— צי איך וויל? ווי פאַרשטייסטו? זעסט נישט, אַז איך בין דער זוכער? אַפילו איטשעלען וואָלט איך געפאַרן אויפזוכן!

— וויסטו וואָס, איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. צו יעדער צייט, ווען דו ווילסט פאָרן קיין ישראל, בין איך גרייט מיט דיר מיטפאָרן. אויך מיר ווילט זיך זען די יידישע מדינה. דו מיין נישט, אַז איך בין אינגאַנצן אַ גוי.

— כ׳זאָג נישט, אַז ביסט אַ גוי, פּנחס. קענסט קיין גוי נישט ווערן. אָבער דו, ווי פיל אַמעריקאַנער אָדער אַמעריקאַניזירטע יידן, מיינסט, אַז מען דאַרף איבערייסן מיט דער אַלטער יידישער געשיכטע און יידישן שטייגער און אַריינגיסן זיך אין אַ שמעלצטאָפּ, וואָס האָט נאָכנישט קיין געשטאַלט. די פעלקער וואָס שטעלן צונויף אַמעריקע שטייען געוויס נישט העכער פונעם יידישן פאָלק.

— דו רעדסט דאָך היינט ווי אַמאָל מיין טאַטע דער רב. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָסטו מיר געשריבן בריוו פון פוילן און פלעגסט דאַן זיין באַגייסטערט פון גאָרקי און עמיל זאָלאַ. ביסט געווען אַ יונגער ראַדיקאַל.

— וואָס האָט גאָרקי און זאָלאַס מענטשלעכקייט דערמיט צו טאָן? אויך היינט בין איך ראַדיקאַל. אויך אונדזערע נביאים זענען געווען ראַדיקאַלן. יעדער, וואָס האָט גאָט און גערעכטיקייט אין האַרצן מוז זיין אַ ראַדיקאַל. אָבער צו שעמען זיך מיט יידיש און מיט אַ יידישער צייטונג — צוליב דעם דאַרף מען אַמעריקע?

— נו גוט, קאָן זיין, אַז דו האָסט רעכט. אָבער מיר איז אַ ביסעלע פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס יידישקייט פון מיין טאַטן. ווי איך געדענק, ביסטו אויך געווען קעגן דיין טאַטנס יידישקייט. מיר וועלן פאָרן אויף עטלעכע הדשים קיין ארץ־ישראל, דאָרט וועל איך אפשר בעסער פאַרשטיין דיין יידישקייט. דאָ, אין אַמעריקע, האָט עס נישט קיין פּנים, — האָט פּנחס פאַרענדיקט דעם שמועס און געדריקט לייבלען די האַנט.

— לייבל איז אַהיימגעאַנגען אַ צופרידענער. ער האָט דורכאויס געוואָלט נעענטער זיך באַקענען מיט פּנחסן און פאַרבינדן די איבערגעריסענע קייט פון אַמאָליקער חברשאַפט. כאָטש וויסן אויף זיכער וואָס זיי ביידע קאָן היינט בינדן, האָט ער נישט געוווסט.

לייבל טעלעפאָנירט איינמאָל און נאָכאַמאָל. מ׳האָט אָוועקגעלייגט דאָס

טרייבל און אים נישט געוואָלט ענטפערן. ער האָט פּרובירט שרייבן אַ בריוול און נאָך איינס, און נישט באַקומען קיין ענטפער. לייבל האָט אין אַ וואָך־צוויי ווידער פּרובירט טעלעפאָנירן און ווידער דאָסזעלבע: ווי נאָר פּנחס האָט דערהערט לייבלס שטימע, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. עס איז אים געוואָרן קלאָר, אַז פּנחס וויל אים נישט מער זען. פּנחס וויל אפילו נישט אָנגעבן די סיבות פאַרוואָס אים איז נישט באַקוועם צו טרעפן לייבלען.

פון דעם פּלאַן צוזאַמען פאָרן קיין ארץ־ישראל אויפזוכן איטשעלען איז דערווייל גאָרנישט געוואָרן. די פאָטאָגראַפיע, ווי ער שטייט נעבן אַ בוים אין זאַמאָוו, טראָגט לייבל נישט מער מיט זיך. ער האָט כמעט ווי אויפגע־הערט צו טראַכטן וועגן פּנחסן...

אַ פאַרשטערטער סדר

אַלע זענען געזעסן ביים סדר־טיש. אַלע, אָבער נישט בען. עס איז געקומען די עלטסטע טאָכטער סאַראַ מיט איר מאַן און דריי קינדער. די קינדער האָבן זיך נאָכגעפרעגט, געוואָלט וויסן ווו זייער אָנקל בען איז אַהינגעקומען, אָבער נישט זייער בייזע מאַמע און נישט זיידע־באָבע האָבן געגעבן אַן ענטפער.

איז געקומען די מיטעלע טאָכטער רעבעקאַ מיט איר מאַן און קינדער. אויך אירע צוויי מיידלעך האָבן געפרעגט ווו בען איז. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרומכאַפּן מיט זייער אָנקל און אים דערציילן מעשיות, אָבער בען איז נישטאָ. זייער מאַמע, וועלכע איז אַביסעלע מילדער פון דער מומע סאַראַ, ענטפערט אויך נישט. און נישטאָ אָנקל בען.

איז געקומען די דריטע טאָכטער מיט איר מיידעלע און איר בלאָנדן מאַן. דאָס מיידעלע האָט אויך געפרעגט אויפן אָנקל בען, געוואָלט אים וויזן אַ צאַצקע, וואָס זי האָט געקריגן פון אַ שכנטע, אָבער דער אָנקל בען, וועלכער האָט ליב זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס, באַווייזט זיך נישט צום סדר־טיש. זיידע־באָבע און טאַטע־מאַמע האָבן באַשלאָסן צו האַלטן די זאַך קאָנסיפּראַטיוו — זיי האָבן פאַר די יונגע קינדער נישט געוואָלט דערציילן, אַז דער גוטער בען איז ברוגז און וויל נישט זיצן ביים טיש צוזאַמען מיט זיין טאַטע־מאַמע און זיינע דריי שוועסטער — נישט דעם פּסח.

דער אַלטער יעקב האָט געמאַכט אַלע הכנות צום סדר. ער האָט אוועקגעשטעלט די שיסל מיט מרור און זאַלץ־וואַסער און חרוסת; געזען אַז די מצות און וויין זאָלן זיין אויפן אָרט און גענומען מאַכן קידוש. ער האָט אַ בליק געטאָן צו דער ליידיקער שטול ביי זיין רעכטער זייט און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. דאָס ערשטע מאָל זינט בען איז צוריק־געקומען פון דער מלחמה אין קאָרעאַ, ווי ער זיצט נישט צוזאַמען מיט זיי ביים פּסח־טיש.

דער קידוש איז שוין געווען אַ געבראָכענער. דער אַלטער האָט עפּעס פאַרלוירן זיין ניגון ; ער האָט נאָר געטראַכט וועגן זון, וואָס זיצט פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און קומט נישט אַרויס צום טיש.

יעקבס ווייב, די אַלטע רבקה, איז אויך געזעסן אָן מאַכט. זי האָט געווישט אירע רויטע אויגן און זיך איבערגעקוקט מיט אירע דריי טעכ־טער. זיי האָבן פאַרשטאַנען דער מאַמעס ווייטיק. אַלע זענען זיי געווען ביי זיך זיכער, אַז זייער האַנדלונג איז אַ ריכטיקע. אין יאָרן אַרום, וועט זיי דער ברידער דערפאַר דאַנקבאַר זיין.

בלויז די איידעמס זענע געזעסן רויק און נישט געמאַכט קיין צימעס פון דער גאַנצער טראַגעדיע. שימעלע, וועלכער איז געווען נישט קיין אַמעריקאַנער געבוירענער, האָט אין דער שטיל געגעבן אַ זאָג צו זיינע שוואָגערס :

— הלוואי לאָזט מיך מיין ווייב אַרויס פון עסק. בען וויסט גאָרנישט, ווי גליקלעך ער דאַרף זיין וואָס זיינע שוועסטער האָבן אים געשטערט חתונה האָבן.

שימעלעס ווייב האָט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט אים אַ שלעפּ געגעבן ביי אַן אַרבל ער זאָל אויפהערן רעדן, ווייל דאָס קליינוואַרג פאַרשטייט דאָך יידיש.

מיט גרויס צרות איז מען איבערגעקומען דעם קידוש. די אַמעריקאַנצעס האָבן געבראָכן דעם לשון־קודש און געקלעטערט ווי מיט אַ וועגעלע אויפן „מאַן־בלאַן". די יינגלעך, דער צווייטער דור אַמעריקאַנער, האָבן אַרויס־גערעדט די העברעאישע ווערטער צעברעקלטערהייט. זיי האָבן יעדעס וואָרט צעשאָטן אויף צען בוכשטאַבן. צו אַ קורצן וואָרט האָבן זיי צוגעזעצט אַ צוויי גימלען מיט אַ צדיק...

ווען מען האָט געגומען זאָגן די הגדה, דאָס הייסט, ווען דער אַלטער יעקב האָט גענומען זאָגן און אויסטייטשן אויף יידיש און ענגליש, האָט איין אייניקל, אַ זשוואַווער יאַטל, געזאָגט, אַז ער דאַרף אויף אַ מינוט זיך דער־ליידיקן און איז צו צו דער טיר פון בענס צימער. ער האָט געהערט אַ קרעכצן און זיפצן, אָבער בען האָט אים נישט אויפגעעפנט, ער האָט אַפילו זיינע

פלימעניקעס נישט געוואָלט זען.. דער קליינער חברה־מאַן האָט עפּעס זיך גענומען שושקען מיט זיינעם אַ קוזין, אָבער די מאַמעס האָט גענומען שרייען זיי זאָלן צוהערן וואָס דער זיידע זאָגט און טייטשט אויס די געשיכטע פון פּרעה און מצרים.

ביי די לאָקשן און פליש האָט מען גערעדט וועגן פילם־אַרטיסטן און וועגן פאַרשידענע אַקציעס, און ביי דער וויטערדיקער טייל פון דער הגדה האָבן זיך די אייניקלעך געשושקעט וועגן אָנקל בען. זיי האָבן געזאָגט אַז ער איז צעקריגט מיט זייערע מאַמעס און וויל נישט זיצן מיט זיי ביי איין טיש...

אַרום האַלבער נאַכט זענען די טעכטער מיט זייערע מענער און קינדער אַוועק. זיי האָבן אויך געוווינט אין דער בראָנקס. דער עלטערער איידעם, שימעלע, וועלכער האָט געהאַט אַ פּוטערוואַרג־פאַבריקל איז געפאָרן מיט זיין אויטאָמאָביל, און דער איידעם, הערמאַן, אַ פאַרמאַן אין אַ פאַבריק, איז געפאָרן מיט זיין אויטאָמאָביל. דער דריטער איידעם, לואי, וועלכער האָט געוווינט נאָענט פו זיין שווער, איז מיט זיין ווייב און מיידעלע געגאַנגען צופוס.

יעקבס ווייב האָט געוואָלט איר איינציקן זון אַריינטראָגן עסן, אָבער יעקב האָט נישט דערלאָזט. ער האָט געהאַלטן אַז אַ יונג פון זעקס־און־דרייסיק יאָר דאַרף האָבן מער שכל.

— געדענקסט, — האָט ער געטענהט צו זיין ווייב — ווי איך האָב אים געשטופּט, אים געשטויסן צו גיין אין קאָלעדזש? איך האָב שווער געאַרבעט, געוואָרן אויסגעריסן ביי היטלמאַכעריי, כדי די טעכטער זאָלן ווערן לייט? וואָלט איך פאַר אים אויך געאַרבעט. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין בוכהאַלטער, אַרבעטן ביי דער מאַשין האָט ער געוואָלט. איז וואָס האָט ער היינט פון סעזאָן־אַרבעט?

— יאָ, אָבער בעני איז אַ שוואַכער יונג, ער איז אַ שעמעוודיקער. וואָס האָסטו זיך אויף אים אָנגעזעצט?

— איך האָב זיך אָנגעזעצט? דו האָסט כסדר געשריגן: „בעני, האָב חתונה; בעני, איך וועל נישט לעבן אייביק; בעני, איך וועל נישט קאָכן פאַר דיר!“. האָט ער זיך אויסגעזוכט אַזאַ שטיק צרה!

וואָסער „שטיק צרה", ווי זיין פאָטער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט זיך בעני אויסגעזוכט?

בעני איז געווען אַ הויכער, בלאָנדער יונג, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. צופיל לערנען און אָנשטרענגען האָט זיך אים נישט געגלוסט. צופיל רעדן, ספּעציעל צום שיינעם מין, האָט ער אויך נישט געוווסט וויאַזוי. אין זיין אויטאָמאָביל האָט ער קיינמאָל קיין יונג מיידל נישט פאַרבעטן. אָפּשטעלן אַ פרוי און איר אונטערכאַפּן, אַריינגעמען איר אין זיין אויטאָמאָביל, ווי אַנדערע יונגעלייט פלעגן טאָן, איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק. ער איז געווען שטיל, באַלעבאַטיש און פיין, פּונקט ווי זיינע שוועסטער. זיי אַלע האָבן פאַרמאָגט די שטריכן פון זייערע עלטערן, וועלכע זענען אין פּוילישן שטעטל זאַמאָוו געווען פאַררעכנט פאַר זייער פיינע מענטשן. דאָ, אין אַמעריקע, שוין פינף און פערציק יאָר, האָט יעקב, הגם ער האָט געמוזט אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן אין פאַבריקן, אויפגעהאַלטן זיינע כאַראַקטער־שטריכן און זיין דערציאונג פון דערהיים.

אָבער, אַז אַלע דריי שוועסטער זענען שוין פון לאַנג געווען פאַרהייראַט, אַפילו זיין יינגערע שוועסטער האָט שוין געהאַט אַ מיידעלע פון זעקס יאָר, און זיין מוטער איז צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל זיך אויסזוכן אַ מיידל, איז בעני אַריינגעגאַנגען צו זיין חבר סאָלאָמאָן, וועמען ער קען פון דער אַרמיי, און דאָרט באַקענט סאָלאָמאָנס שוועסטער, אַננאַ, אַ שטיל און קלוג מיידל פון אַ יאָר 25. זי אַרבעט אין אַ ביוראָ און פאַרדינט כמעט אַזויפיל ווי בען. קאָכן קען זי אויך — וואָס קאָן זיין בעסער צוגעפּאַסט פאַר אים?

בעני האָט צומערשט נישט אויסגעזאָגט. חדשימוויז פלעגט ער אָפּזיצן ביי זיין פריינט סאָלאָמאָן, וועלכער פלעגט אַרויסגיין און איבערלאָזן זיין שוועסטער מיט בענין. קיין עלטערן האָט זי נישט געהאַט; נישט געווען ווער עס זאָל שטערן אין דעם שידוך. בעני איז איר געפעלן געוואָרן. זי וואָלט אים אַריינגענומען אין די דריי צימערן. איר ברודער וואָלט אויך געקאָנט וווינען מיט זיי, אויב ער וואָלט געוואָלט.

אַפילו אין דער בדאָנקס קאָן מען געוווּיר ווערן ווען אַ בחור גייט אָפּט אַרויס מיט זיין מיידל און וווּ ער נעמט איר אין זיין אויטאָמאָביל. אַ פריינדין

פון בעניס יינגערער שוועסטער, האָט געבראַכט די ידיעה, אַז זי האָט בעניין געזען אין בראָנקסער פּאַרק מיט אַ מיידל, נישט קיין מיאוסע; זי הינקט אָבער אַ ביסעלע אויף אַ פוס. אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעוויזן דער פריינדין פון בעניס שוועסטער, אַ מויד מיט אַ מיילעכל און אַליין נישט פאַרהייראַט.

*

די דריי שוועסטער האָבן איבערגערעדט די זאַך צווישן זיך. זיי האָבן נישט געוואָלט מצער זיין זייער איינציקן ברודער, וועמען זיי האָבן ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. זיי האָבן געזוכט אַ וועג וויאַזוי פון אים אַרויסצוקריגן מיט וועמען ער גייט אַרום. האָבן זיי באַשלאָסן אַז די יינגסטע זאָל מיט אים רעדן. זי זאָל זאָגן אַז זי האָט אים געזען מיט אַ מיידל וואָס הינקט, און וואָס ער טראַכט וועגן דעם.

זי האָט אים אָפּגעוואַרט אינדערהיים און אים געבעטן אַרויסצוגיין מיט איר אויף אַ שפּאַציר.

— וואָס איז געשען, לינדאַ, וואָס עפּעס זאָל איך מיט דיר שפּאַצירן?

— קום, קום, בעני, — האָט זי געגעבן אַ ווונק.

ער האָט געקוקט אויפן זייגער. ער האָט צוגעזאָגט זיין אַננאַ צו זיין ביי איר אַכט אָוונט. איצט איז דער זייגער שוין זיבן דרייסיק.

— נו, רעד, מיין שוועסטער, וואָס ווילסטו וויסן?

— בעני, דו גייסט אַרום מיט אַ מיידל?

— יאָ. זי איז אַ שוועסטער פון מיין פריינד סאַלאָמאָן, וועמען דו האָסט אַמאָל געזען ביי אונדז.

— פאַרוואָס האָסטו קיינמאָל נישט געזאָגט?

— וואָס האָב איך צו זאָגן? איך וועל איר ברענגען אין שטוב אַריין; אפשר פסח צום סדר, אויב טאַטע־מאַמע וועלן באַשטיין.

— זאָג נאָר, בעני, זי געפעלט דיר?

— אַז זי זאָל מיר נישט האָבן געפעלן וואָלט איך מיט איר נישט געגאַנגען. זי איז אַ פיינע און אַרבעט אין אַן אָפיס.

— הינקט זי נישט אַמאָל אונטער אויף אַ פוס? — איז לינדאַ אַרויס

מיט לשון, און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם.

— וואָס הייסט זי הינקט אויף אַ פוס? אַננאַ האָט אַמאָל דורכגעמאַכט די פּאָליאָ־קראַנקהייט, ווען זי איז געווען אַ קליין קינד, איז עפּעס פאַר־בליבן. ווען איך גיי מיט איר זע איך דאָס נישט. מיך אַרט עס נישט.

— וואָס הייסט דיך אַרט נישט? אַנדערע זען, און דו זעסט נישט?

— וואָס אַרט עס מיך וואָס אַנדערע זען? פאַר מיר איז אַננאַ גוט.

בען האָט זיך אַנטשולדיקט. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין קאַר און צוגעפאָרן צו אַננאַן. ער האָט איר נישט דערציילט וועגן דעם געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין שוועסטער. ער האָט געטראַכט צו ברענגען זיין אַננאַן צו זיינע עלטערן נאָך פאַר פּסח. זאָלן זיי זען וואָסער פיין מיידל זי איז. זיי אַליין וועלן זי פאַרבעטן צום סדר.

דערווייל האָבן אַלע דריי שוועסטער געהאַט נאָך אַ באַראַטונג און זיי האָבן באַשלאָסן איבערצורעדן מיט די עלטערן וועגן דעם.

די אַסיפה איז געווען אַ שטורמישע. בעניס פאָטער האָט ווידעראַמאָל דערציילט אַז בען האָט נישט געוואָלט גיין אין קאָלעדזש, און זיין מאַמע האָט ווידער געזאָגט אַז ער איז אַ שוואַכער און שעמעוודיקער. עס איז אפשר איר שולד פאַרוואָס איר זון האָט אויסגעקליבן אַזאַ מיידל. זי טרייבט אים חתונה צו האָבן.

— און איך זאָג, אַז עס וועט זיין אַ חרפה פאַר דער משפחה, אויב ער וועט חתונה האָבן מיט אַ מיידל וואָס הינקט אויף אַ פוס — האָט די עלטסטע טאָכטער געזאָגט.

— איך וועל מאַכן אַ סקאַנדאַל! — האָט געשריגן די מיטעלע.

— איך וועל מער נישט רעדן מיט אים — האָט געזאָגט די יינגסטע.

קיינער פון די געטרייע שוועסטער האָט נישט פאַרגעשלאָגן מ׳זאָל פאַרבעטן בעניס מיידל און רעדן מיט איר. ווען בעניס פאָטער האָט באַמערקט אַז מ׳דאַרף זי אפשר זען, האָבן אַלע געשריגן אַז מ׳קאָן זי נישט פאַרשעמען... זען און זאָגן „ניין" — טויג נישט.

ווען בען איז שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקומען האָט די מוטער אויף אים

געוואָרט. זי האָט אים אײדל געפּרעגט, צי ער האָט בדעה חתונה צו האָבן מיט דער מײדל, די קאַליקע. בעז האָט מיט צאָרן געענטפערט:

— מישט זיך נישט אין מײן לעבן! זי איז נישט קײן קאַליקע. זי איז נישט שולדיק אויב זי איז אַמאָל קראַנק געווען אויף פּאָליאָ. דאָס קאָן טרעפן יעדן אײנעם.

דאָס צווייטע מאָל זענען אַלע דרײ שוועסטער געקומען שבתצונאַכטס, ווען בעז האָט זיך געגרײט צו גײן זען זיך מיט זײן מײדל. זײ האָבן אים באַשווירן אַז ער מוז זײ אויסהערן, און אים געגעבן צו פאַרשטײן אַז לויט אַלע שטאַנדפּונקטן טויג די פרוי נישט פאַר אים. זײ האָבן אים אַזוי שוואַרץ געמאַכט און דערצײלט וואָס אַ מאַן האָט אויסצושטײן פון אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, און אײדער וואָס־ווען וועט זי זײן מיטליאָריק, אַז די מענער זײערע, ווען זײ הערן דאָס, וואָלטן זײ אַלע דרײ חרטה געהאַט אויפן שידוך...

ווען בעז האָט אַרויסגעוויזן עקשנות און געשריגן אַז פאַר אים איז דער שידוך גוט, האָבן זײ, די דרײ געטרײע שוועסטער זײנע, געשריגן:

— מיר זאָגן זיך אָפּ פון דיר! מיר וועלן נישט קומען צו דײן חתונה; טאַטע־מאַמע זאָגן זיך אָפּ פון דיר! — וועסט בלײבן אײנער אַלײן מיט דײן הינקעדיק ווײב!

טאַטע־מאַמע זענען געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אַלץ וואָס די קלוגע טעכטערלעך זאָגן, זענען זײ מסכים.

*

אָפּזאָגן זיך פון אים? בעז איז געלעגן אין זײן צימערל און געטראַכט דערפון. דאָס ערשטע מאָל אין זײן לעבן ווי זײנע שוועסטער און זײנע עלטערן רעדן צו אים וועגן „אָפּזאָגן זיך". ער קען זײ זײן גאַנץ לעבן. ער איז שטאַרק צו זײ צוגעבונדן. וויאַזוי קאָן ער חתונה האָבן, אויב זײ וועלן נישט קומען צו זײן חתונה? ווי קאָן ער בכלל לעבן אָן זײ?

יאָ, ער האָט געהערט אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ ציווילע חתונה. אָבער ער, דערצויגן אין באַלעבאַטישן גײסט, און בײ זײנע שוועסטער און

ביי אַלע באַקאַנטע זיינע זענען פאָרגעקומען רעליגיעזע חתונות, וועט ער ברעכן דעם מנהג?

די שוועסטער האָבן שוין באַצייטנס גענומען באַיקאָטירן בעניק, זיי האָבן נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג און געמאַכט זיך נישט זעענדיק, ווען זיי האָבן אים געזען אין גאַס. בען האָט שרעקלעך געליטן דערפון. ער האָט עס דערציילט זיין אַננאַ, האָט זי זיך צעוויינט. זי האָט אים נישט געוואָלט צורעדן ער זאָל חתונה האָבן מיט איר. זי האָט גוט געוווּסט, אַז אָן דער הסכמה פון זיינע עלטערן און שוועסטער וועט בען נישט פאַרבינדן זיך מיט איר.

אַ טאָג־צוויי פאַר פסח, האָט בעני זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט צי ער מעג פאַרבעטן זיין אַננאַ צום סדר. כאָטש ער איז גאָרנישט געווען זיכער צי זי וועט בכלל וועלן קומען. אַלע האָבן געזאָגט ניין און ניין, און די שוועסטער זיינע האָבן געסטראַשעט אַז זיי וועלן נישט קומען מיט זייערע מענער און קינדער צום סדר...

נאָך פסח זענען זיי מער און מער צוגעשטאַנען צו בעניק, און ער האָט געמוזט אויפגעבן זיין געליבטע. ער האָט דורך איר ברודער סאָלאָמאָן געלאָזט וויסן, אַז צוליב געוויסע סיבות קאָן ער זי מער נישט זען. זי האָט פאַרשטאַנען און האָט צו בעניק נישט געהאַט קיין טענות.

דערנאָך איז בעני קראַנק געוואָרן. די עלטערן און די שוועסטער זענען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ. דער דאָקטאָר האָט אָנגעוויזן אַז בען לײדט פון אַ געוויסער דעפּרעסיע און ער וועט אינגיכן קומען צו זיך.

שפּעטער, ווען בען האָט געהערט אַז אַננאַ האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, איז ער געווען זייער צופרידן. ער האָט מיט איר ברודער סאָלאָמאָן, מיטגעשיקט אַ פאַרשפּעטיקטע חתונה־מתנה. ער אַליין האָט ביי זיך גע־שווירן, זאָל זיין וואָס עס וויל: ער וועט מער נישט חתונה האָבן — ער בלייבט אַן אייביקער בחור.

אונטער שמאָלע הימלען

פונקט דעם פּרייטיק ביינאַכט איז הערשל געזעסן אין אַ קאַפעטעריע אויף דער 57־טער גאַס און דיסקוטירט מיט עטלעכע פריינט וועגן דער נעגער־פראַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די עטלעכע יונגעלייט און פרויען, כמעט אַלע נייגעקומענע אין לאַנד, האָבן געהאַט פאַרשידענע מיינונגען וועגן די נעגער און פאַרטאַריקאַנער אין אַמעריקע. עטלעכע האָבן געהאַלטן, אַז די באַלעבאַטים פון הייזער, יידישע און נישט־יידישע נוצן אויס און עקספּלאָאַטירן די שוואַרצע; מען פאַקט זיי אַריין אין צימערלעך מיט אַלטע שטיקער מעבל און מען נעמט געזאַלצענע פרייזן. און טייל האָבן געהאַלטן אַז די יידן, נישט נאָר וואָס זיי עקספּלאָאַטירן נישט די נעגער, נאָר זיי זענען די ערשטע זיי צו געבן אַרבעט. יידן האָבן בכלל סימפּאַטיע מיט אונטערדריקטע.

הערשל, וועלכער איז געווען דער איינציקער פון דער גרופּע, וועלכער האָט געוווינט אין אַ גאַס מיט שוואַרצע און פאַרטאַריקאַנער, האָט געהאַלטן אַז דעם נעגער־פּראָבלעם קאָן מען נישט לייזן איינס און צוויי. נאָר אַ דיקטאַטור לייזט איינס־און־צוויי אירע פּראָבלעמען. אַ פּאָר מיליאָן מענטשן שפּילט ביי אַ דיקטאַטור נישט קיין ראָלע. דייטשלאַנד און רוסלאַנד זענען גוטע ביישפּילן. אַפילו כמעט אַלע לינקע און ראַדיקאַלן פון דער יידישער און אַמעריקאַנער פּרעסע, וועלכע רופן כסדר אַז מ׳זאָל טאָן פאַר די נעגער, זענען אַליין רשעותדיק אין זייער פּריוואַט לעבן. ווען עס קומט צו העלפן אייגענע מענטשן, זענען זיי גאַנץ ווייט דערפון. עס איז די זעלבע מעשה ווי מיט די „אויסלייזער פון דער מענטשהייט״; עפּעס קלענערס לוינט זיי נישט — די גאַנצע מענטשהייט פאַר איינמאָל, איידער זיי אַליין ווערן מענטשן...

איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט אָנגעוויזן אויף אַן אַרטיקל אין

„סאַטורדי איווינינג פּאָסט“, ווי אַ נעגער־זשורנאַליסט רופט זיינע נעגער זיי זאָלן מער אַכטונג געבן אויף דער דערציאונג פון זייערע קינדער און ווייזן אַ ביישפּיל מיט ווינציקער פאַרברעכערס, פאַרגוואַלדיקערס און מיט ווינציקער אומגעזעצלעכע קינדער.

נאָך דער דיסקוסיע האָט הערשל געגומען שפּאַצירן דורך גאַסן, ווו עס קוקן אַריין שמאָלע הימלען, גאַסן ביינאַכטיקע, שטילע, ווו פון איין זייט פליסט דער האָדסאָן־ריווער און פון דער צווייטער זייט דער ווילד־שיינער צענטראַל־פּאַרק.

הערשל איז אָנגעקומען צו קאָלאָמבוס־עוועניו און געזען בלויז שוואַרצע און פּאָרטאָריקאַנער. טייל פון זיי זענען געזעסן אין די שענקן, און טייל מענער און פרויען האָבן פאַרהילכט די גאַס מיט טומל און געשרייען. אַ געמיש פון אפריקאַנער און פּאָרטאָריקאַנער זיטן, צוזאַמען מיט וווּלגאַריטעט און צעלאָזנקייט פון דער גרויסער שטאָט איז דאָ אויף קאָלאָמבוס־עוועניו געווען אין יעדן ווינקל.

און גראָד דאָ אין דער דאָזיקער געגנט האָט הערשל פאַרלייגט זיין היים. דאָ, אויף דער 76־טער גאַס, אַ טיר נעבן דער גרויסער סינאַגאָגע, האָט הערשל פאַרמאָגט זיין צימער. ער האָט נישט געוווּסט ווער זיינע שכנים און שכנטעס זענען אויף דעם זעלבן שטאָק, און אפילו נישט ביי זיין טיר. ער האָט געוווּסט אַז אַלע זענען אויסגעוואַרצלטע פון איראָפּע, און יעדער וויל מ׳זאָל אים לאָזן צורו. די אויפזעערין, אַן עסטרייכערין, וועלכע איז געווען אין אַמעריקע איבער דרייסיק יאָר, פלעגט איינמאָנען דירה־געלט, און צורוימען די צימערן. זי האָט געוווּסט אַז הערשל איז דער איינציקער ייד אין דעם הויז און אַז ער האָט דערנעבן זיין גאָט, צו וועלכן ער גייט נישט מער ווי ראש־השנה און יום־כיפור, אָדער ווען דאָרטן, אינעם צוגע־בויטן פליגל, קומט פאָר אַ טאַנץ־אָוונט.

אין מיטן חודש מאַי. ווען עס גלוסט זיך צו גיין שלאָפן פאַר צוועלף אַזייגער ביינאַכט ווען דער פרילינג און זומער גיבן זיך אַ צעבלי פאַר איינ־מאָל אין דעם חודש? ער וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן געזעסן נאָך אַ שעה־צוויי אין צענטראַל־פּאַרק אָדער ביים האָדסאָן־ריווער. אָבער גיי זיך דאָרטן

ווען מען זעט נישט קיין איין מענטש מיט אַ ווייס פּנים. עפּעס האָבן אַלע ווייסע ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו זיצן אין פּאַרק און נישט ליבן זיך צווישן די ביימער. בלויז מענטשן מיט טונקעלע פּנימער, קריכן אַרום איינציקווייז אָדער גרופּעסווייז אין די ערטער ווו דער בענזין־געשטאַנק איז נישטאָ. די ווייסע מענטשן האָבן זיך אָפּגעוווינט פון דער נאַטור.

קלינגט ערגעץ אַ שטאָט־זייגער צוועלף מאָל. האַלבע נאַכט צווישן קאָלאָמבוס־עוועניו און אַמסטערדאַם־עוועניו. הערשל שפּאַצירט געלאַסן צו זיין נעסט און כאַפּט אַ בליק צו די עלעקטרישע ליכט ביי דער סינאַגאָגע, צו אַ פּרוי וועלכע קוקט גאָר אויסצוגעפּינען וואָס עס טוט זיך אין די שמאָלע הימלען איבער ניו־יאָרק. ער זעט אַן אַלטן מאַן פאַרמאַכן זיין פענצטער און אויסלעשן דאָס ליכט אין זיין צימער. און ער זעט ענדע בלאָק ביי אַמ־סטערדאַמער עוועניו, ווי דער גאַראַזש קאָנקורירט מיט דער לווה־ביזנעס, ווער עס קען אַרויסשטעלן מער פאַרביק עלעקטריש ליכט, אָדער ווי דער גאַראַזש וואָלט איבערגעשריגן: פון מיר, אַז מען פאָרט צו שנעל, קומט מען צו מיין שכן קעגנאיבער...

ניין, מער האָט הערשל גאַרנישט געקאָנט זען. ער האָט בלויז דערפילט אַ האַנט אַרום זיין האַלדז און קלעפּ. מען האָט אים געגעבן קלעפּ איבערן קאָפּ מיט אַ האַרטער זאַך.

ליגט שוין הערשל אַ באַגאָסענער מיט בלוט און אָן באַוווסטזיין.

ווער זעט וואָס דאָ קומט פאָר? שלאָפן שוין אַלע, די איינזאַמע און פאַמיליע־מענטשן שלאָפן זיי שוין אַלע, פרייטיק צוועלף ביינאַכט אין חודש מאַי?

ניין, זיי שלאָפן נישט. פון דער זייט ווו הערשל האָט געוווינט, בלויז קריסטן, פון דער צווייטער זייט, אַ שיין אַכט־שטאָקיק הויז פון קריסטן און יידן. האָבן עטלעכע מענטשן צוגעזען ווי עס גייט רואיק אַ מאַן מיט אַ ווייס פּנים, און צוויי מענער, העכערע, יינגערע, באַפאַלן אים אַן אַ פאַרוואָס, הינטנאַרום ווי אַרונטערגעשפּרונגען פון אַ בוים אין דער דזשונגל, האָט אים איינער אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אַ צווייטער האָט געקלאַפּט מיט אַ מאָדערנער כלי פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע — מיט אַ פלאַש פון קאָקאַ־קאָלאַ.

וואָס דאַרפן טאָן מענטשן אין אַזאַ פאַל? וואָס דאַרפן טאָן צען, צוועלף אָדער פופצן מענטשן ווען זיי זען ווי מען איבערפאַלט אַ מענטשן? אפשר קעמפן, שרייען און אויפוועקן די אַנדערע? זיי האָבן גאָרנישט געטאָן. זיי האָבן רואיק צוגעקוקט ווי די צוויי שוואַרצע יונגען אַרבעטן איבער דעם ווייסן; איינער זעצט מיט אַ פּוכ איבערן פּנים און דער צווייטער רייסט די הויזן־קעשענעס. קיין איינער פון די שכנים איז נישט אַרונטער פון זיין וווינונג, און קיין איינער האָט נישט געשריגן, אַליאַרמירט נאָך הילף.

הערשל האָט געעפנט איין אויג. דאָס רעכטע האָט ער נישט געקאָנט עפענען. ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן פון די קלעפּ וואָס איין שוואַרצער האָט געגעבן מיט די פיס. ער האָט דערשפּירט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין קאָפּ און אין רעכטן אויג, און דערזען שטיקער גלאָז נעבן זיך און ווי זיין העמד איז רויט. איבער זיך האָט ער דערזען צוויי יונגען מיט נעגערישע פּנימער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון אים. אויב זיי האָבן געמיינט די עטלעכע דאָלאַר פון זיין פאָרטפעל, האָבן זיי דאָך געקאָנט זאָגן! הערשל האָט פּרובירט צוריקשלאָגן. מיט די פיס זיי קאָפּען, בשעת ער איז געלעגן אויף דער פּליִיצע. ווען ער זאָל האָבן אַ רעוואָלווער, האָט ער געטראַכט, וואָלט ער איצט ביידע דערשאָסן.

נאָך עטלעכע מינוט האָבן די פון פענצטער אויבן, און אויך הערשל פון טראָטואַר, דערזען ווי די צוויי שוואַרצע יונגען האָבן אַוועקשפּאַצירט אין דער ריכטונג צו אַמסטערדאַם־עוועניו. זיי האָבן זיך צומאָל נישט אומגעקוקט צי איינער פון הערשלס ווייסע שכנים גיט זיי נישט מיט פלעשער איבער די קעפּ און מען לייגט זיי אויס אויף דעם טראָטואַר.

אונטער הערשלס פּלייצע איז געלעגן זיין פאָרטפעל און האַנט־זייגערל. די ביידע זאַכן זענען אַרונטערגעפאַלן בעת די שוואַרצן האָבן אים געשלאָגן און געריסן שטיקער. זיי זענען אַוועק אָן רויב...

מאָדנע, נאָר הערשל האָט זיך פאַרשעמט. פאַרשעמט זיך אויף זיין אומבאַהאָלפנקייט, אויף דעם בלוט פון זיין העמד און אויף דעם מענטשן־מין — זיינע שכנים. ער האָט באַוויזן אַרויפצוקריכן אויבן אין זיין צימער און דערזען אין שפּיגל אַ צעהאַקט שטיק פלייש מיט איין פאַרמאַכט אויג. דאָס איז געוואָרן פון צלם אלהים! פאַרדעקט מיט אַ נאַס האַנטעך איז ער ווידער

אַרונטערגעקראָכן צו דער אויפזעערין, זי זאָל עפּעס טאָן. האָט זי געגעבן אַ קוק, זיך דערשראָקן, און פאַרהאַקט די טיר...

ליגט שוין הערשל ווידער אונטן ביי זיין בריקל. זאָלן די שמאָלע הימלען אויבן זען! זאָל גאָט פון דער סינאַגאָגע זען! זאָלן זיי אַלע זען ווי אַזוי אַ מענטש גייט אויס...

דערוויל איז שוין געוואָרן אַ טומל. מענטשן פון אויבן און פון דער־נידער. אַלע ווייסע פּנימער, די שוואַרצע און האַלב־שוואַרצע פון פּאַרטאָ־ריקאַנער, עטלעכע הייזער אַוועק, זענען נישט אַרויסגעקומען.

עס האָט זיך צוגעשאַרט איינער, אַ צווייטער און אַ דריטער.

— איר קענט די נעגער?

— איך האָב אַלץ געזען.

— איך האָב אַראָפּגעוואָרפן אַ שיך פון פענצטער!

— דו ביסט אפשר אַ ייד? איך אויך. אפשר האָסטו געטרונקען מיט זיי צוזאַמען און די נעגער זענען דיר נאָכגעגאַנגען?

דאָס האָט געפרעגט אַן עלטערער מאַן מיט אַ פאַרוויינט פּנים.

הערשל האָט נישט געענטפערט. געהאַלטן די נאַסע שמאַטע ביים אויג, און נישט געהאַט קיין כוח צו ענטפערן.

מער מענטשן. אַלץ ווייסע. קיין שוואַרצן זעט מען דאָ נישט. זיי טומלען פאַרוואָס אַ מענטש גייט אָפּ אין בלוט; פאַרוואָס מען זעט נישט אַ שפּיטאָל־וואָגן.

הערשל איז געלעגן און באַטראַכט די פּנימער וואָס ווילן דווקא זען וויאַזוי ער זעט איצט אויס.

ער האָט נישט געוווּסט און נישט געקאָנט גלויבן אַז ער איז דער צענ־טער פון אַ געשעעניש. אַזאַ מין זאַך זעט ער אַמאָל אין קינאָ אָדער ער לייענט אין אַ בוך; ווי קומט ער צו שפּילן די הויפּט־ראָליע מיט אַ העמדל פון בלוט?

פּאָליציי און שפּיטאָל־מענטשן. מען פרעגט אים ווי ער הייסט און ווו ער וווינט. אַ שכנטע ווייזט אַן נומער הונדערט אַכצן. הערשל קוקט אַן די בלאָנדע פרוי: פונוואַנען ווייסט זי? קיינמאָל נישט גערעדט מיט איר...

איינס־און־צוויי די מענטשן מיט די ווייסע כאַלאַטן לייגן אים אַריין אין שפּיטאָל־וואָגן. הערשל וויל אויפהייבן דעם קאָפּ און כאָטש זען צי ער דער־קענט די גאַסן, די מאַיאָווע גאַסן אַזוי שפּעט ביינאַכט, אָבער ער קען דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. האָט ער פּרובירט טראַכטן, צי זיינע זיידעס אָדער זיין פאָטער האָבן אַמאָל געגומען אַנטייל אין לינטשן נעגערס אָדער זיי עקס־פּלאָאַטירן אין אַפריקע. ניין, ער האָט נישט געהערט פון אַזעלכעס, און נישט געוווסט. פאַרוואָס, ווידער, האָבן די צוויי נעגער אים געוואָלט לינטשן? אַלץ פאַר די עטלעכע דאָלאַר? אפשר דאַרף טאַקע יעדער איינער אַוועק־געבן זיין געלט ווען ער זעט אַ נעגער אין גאַס? וועט דער נעגער נישט קומען פון הינטן? וועט ער זיך אָפּגעוווינען פון זיין מאַלפּע־שפּרונג פון בוים?

אַ דאָקטאָר מיט אַ סימפּאַטיש פּנים האָט שוין געאַרבעט איבער הערשלען. פאַרבייט מיט שטעך דעם קאָפּ, באַנדאַזשירט דאָס אויג און געמאַכט רענטגען־פאָטאָגראַפיעס.

— דו האָסט מזל וואָס דו ביסט געבליבן לעבן. מיר האָבן אָפּט אַזעלכע איבערפאַל־קרבנות, טייל ענדיקן זיך גאַנץ טראַגיש. דו האָסט אַלע שאַנסן אַרויסצוגיין פון געפאַר — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— און שאַנסן נאָכאַמאָל צו ווערן געלינטשט אין די ניו־יאָרקער גאַסן?

אַזוי האָט הערשל געוואָלט פרעגן. אָבער דאָס גאַנצע פּנים איז אים געווען פאַרבונדן, האָט ער נישט געקאָנט רעדן.

ווען ער איז געקומען אַ ביסעלע צו זיך, האָט ער נעבן זיך דערזען אַ מענטש מיט אַ שוואַרץ פּנים! ווי איינער פון די אָנפאַלער וואָלט זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ געהילף־דאָקטאָר און געקומען פאַריכטן, גוט מאַכן פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט... דער שוואַרצער האָט געהאָלפן צופּעסטיקן די באַנ־דאַזשן און איבערדרייען דעם שרעקלעך צעקאַליעטשעטן — אַ שוואַרצער, אַ ברודער צום ווייסן...

הערשל האָט געקוקט אויף די צוויי שוואַרצע דאַרע הענט אונטער ווייסע אַרבל, אַ בליק געגעבן צום פּנים פון שוואַרצן, און געפילט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אַן עקל צו שוואַרצע...

אינהאַלט:

	זייט
פּאָסט־מאַרקעס	7
זי איז אויך אַ חברטע...	13
אַן אָרנטלעך הויז	20
אַ יום־כיפּור־נאַכט	28
„אַ חזן אַ שיכור“	35
דער פרײדענקער	54
אַ שוואַכקייט צו שרײַבער	62
געבליבן בײַ זײַן פאָלק	70
דער פעטער	76
די אַמעריקאַנערין	86
אויס טאַטע	100
די מעצענאַטקע	108
פון יענער וועלט	117
ליבע־חשבונות	122
דרײַ בײַ דער גמרא	132
אַ פאַרשטערטער סדר	148
אונטער שמאָלע הימלען	156

דערשינענע ביכער פון דעם מחבר:

1 אייראָפּעישע שטריכן

2 פּראָלעטאַרישע יוגנט